# ייִדישע פילאָלאָגיע

צווייחודשדיקע בלעטער פאַר שפּראַכוויסנשאַפט,
ליטעראַטורפאָרשונג און עטנאָגראַפיע

אונטער דער רעדאַקציע פון
מאַקס ווײַנרײַך, נח פּרילוצקי און זלמן רייזען

ערשטער באַנד — העפט 1 — יאַנואַר–פעברואַר 1924

## אינהאַלט:

ב. שטיף. דיטריך פון בערן. ייִדישקייט און וועלטלעכקייט אין דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור.
ז. רייזען. גראַמאַטישער מין אין ייִדיש.
י. ווילער. פאָנעטיק פון מזרח־גאַליציש ייִדיש.
נ. פּרילוצקי. שפּעט־לשון.
מ. ווײַנרײַך. ייִדישע עטימאָלאָגיעס.
אַ. לאַנדוי. מלואים צו מ. ווײַנרײַכס „שטאַפּלען“.
פ. אַלפאַבעט. מאַטעריאַלן צו אַ אידיאָטיקאָן פון שטעטל פּיאָסק (מיט הערות פון מ. ווײַנרײַך און נ. פּרילוצקי).
מ. לערער. מלואים צו נ. פּרילוצקיס „געוועט“.
רעפעראַטן. ש. בירנבוים. די ייִדישע שפּראַך (ט. גוטמאַן). — אַ. ראָבאַק. אייפעמיזמען אין ייִדיש (ט. גוטמאַן). — זאַמלבוך „ייִדיש“, רעד׳ אַ. זאַרעצקי (ז. ר.). — ע. אָלשוואַנגער, דרום־אַפריקאַנער ייִדיש (ז. ר.).
מיסצעלן. ד״ר אַלפרעד לאַנדוי. — די אויסשפּראַך פון ו׳ אין בעלסקער קרייז. — „פּומצן מיט ראַמצן“. — פּורימדיקס. — גרינס אויף שבועות. — שפּיל־לשון. — קונדס־לשון. — קרעמער־לשון. — בעל־מלאכה־לשון. — צוויי אַקטועלע פאָלקסלידלעך. — בלומען. — „דרוקן“. — ניי־סאַנצער קללות. — פּסעוודאָנימען פאַרן דאָלאַר. — „יועניץ“. — קאָנסטרוקציע פון „טאָן“ („טון“). — כמועלע. — רימענדל. — סערבעלע. — גאַנצענע. — וועגן בערלינער ייִדיש אין מיטן 19טן י״ה.
ידיעות.

פאַרלאַג „קולטור־ליגע“ וואַרשע

# פאַרקירצונגען, וואָס קומען פאָר אין דעם העפט:

אד. = אדעס.

אוועַ=לאַלעמאַן — Das deutsche Gaunerthum, Leipzig 1858–1862

בירנבוים — S. Birnbaum, Praktische Grammatik der Jiddischen Sprache, Wien. Leipzig 1916

„געוועט" — נח פרילוצקי, „דאָס געוועט", ערשטער באַנד (וואַרשע 1923).

דאַל' — Tołkowyj słowar' żiwowo wjelikorusskawo jazyka I-IV

דוו״ב — Deutsches Wörterbuch von Jacob und Wilhelm Grimm I-XVI (נאָך נישט פאַרענדיקט).

דריי ז. — רוסיש=ייִדיש ווערטערבוך פון י. דרייזין (וואַרשע 1913).

האַרקאַווי, האַרק' — א. האַרקאַווי, ייִדיש=ענגלישעס ווערטערבוך, ניו=יאָרק 1898.

האַרקאַווי II, האַרק' II — ענגליש=יודישעס ווערטערבוך [6].

הורוויץ — ספר המלים זשאַרגאָני=עברי [3], אדעס 1903.

וו. = וואַרשע.

ווײַנרײַך, שטאַפּלען — שטאַפּלען, פיר עטיודן. פאַרלאַג „וואָסטאָק", בערלין 1923

וויל. = ווילנע.

זאַמעלביכער — „נח פרילוצקיס זאַמעלביכער פאַר ייִדישען פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטורגעשיכטע", באַנד I (וואַרשע 1912), באַנד II, ערשטע העלפט (וו. 1917).

זש. = זשיטאָמיר.

ליפשיץ, ליפּ' — ייִדיש=רוסישער ווערטערבוך פון י. מ. ליפשיץ, זשיטאָמיר 1876.

ליפשיץ II, ליפּ' II — דעמזעלבנס רוסיש=ייִדיש ווערטערבוך [4], זשיטאָמיר 1886.

לעמ. = לעמבערג.

מאַמע=לשון — נח פרילוצקי, „מאַמע-לשון", באַנד I (וו. 1924), באַנד II (דרוקט זיך).

ממ״ס — מענדעלע מוכר=ספרים.

מש״כ — מלון של כיס מעברית לרוסית ואשכנזית, חבּ׳ ע״י יהודה גרזובסקי.

פּוו״ב — Słownik języka polskiego Jana Karłowicza... I-VIII (נישט פאַרענדיקט).

פּיסק. — אוקראַיניש=רוסיש ווערטערבוך פון פאָרטונאַט פּיסקונאָוו (קיעוו 1882).

פֿ=ב. — שלום עליכם׳ס „ייִדישע פאָלקסביבליאָטעק", 2 בענדער.

קאָנסאָנאַנטיזם — נח פרילוצקי, „ייִדישער קאָנסאָנאַנטיזם" I (ערשטע העלפט). וו. 1917.

קלוגע — Etymologisches Wörterb. d. deutsch. Sprache von F. Kluge[8], Strassburg 1915

ראָזענבערג — Ueber eine Sammlung deutscher Volks- und Gesellschaftslieder in hebräischen Lettern... von Felix Rosenberg 1888

רייזען — ז. רייזען, גראַמאַטיק פון דער ייִדישער שפּראַך I, ווילנע 1920.

שולמאַן — אלעזר שולמאַן, שפת יהודית=אשכנזית וספרותה. ריגא תרע״ג.

שטראַק — Jüdisches Wörterbuch von Dr. Hermann L. Strack, Leipzig, 1916

ש״ע — שלום=עליכם.

J2/5049

# יידישע פילאָלאָגיע

בלעטער פאַר יידישער שפּראַכוויסנשאַפט, ליטעראַטורפאָרשונג און עטנאָגראַפיע

אונטער דער רעדאַקציע פון
מאַקס וויינרייך, נח פּרילוצקי און זלמן רייזען

העפט 1 יאַנואַר—פעברואַר 1924

## דיטריך פון בערן

### יידישקייט און וועלטלעכקייט אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור

פון נ. שטיף (בערלין)

I

אין אויסלאָז צו דעם סידור אויף יידיש (איכנהויזן, 1544) זאָגט דער רעדאַקטאָר, יוסף בר יקר, אַזאַ שבח פאַר זיין אויפטו אַקעגן די פריערדיקע תּפילות אויף יידיש: „עש איז אזא גרושר אונטר שיידא אז צווישן איינם אַלטן ווייבא אונ׳ איינר יונגן מאיידא“*). זעט אויס, אין אַנדערע פרומע נשמות, וואָס האָבן יענע צייטן פאַרזאָרגט „ווייבר און כּוילצילש“ (מיידלעך) מיט יידישקייט, האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּש ביסל טרייפן בלוט, ווען מ׳האָט זיך געקאָנט פאַרגינען אַזאַ קרעפּטיק וואָרט אפילו אין אַ סידור, און דער אוידיטאָריע, דער־הויפּט די „ורומי בהורות“ האָט דאָס נישט געגרילצט אין אויער. ניכּר, דער דאָזיקער אוידיטאָריע, וואָס איז געווען אַזוי גרויס, ווי אַ העלפט פאָלק (די „שוואַכע“, „שיינע“ העלפט) מיט אַ צוגאָב אַ היפּש ביסל „עם־הארצים“ פאָלקסמענטשן, איז אָנגעגאַנגען נאָך עפּעס, הוץ תּורה און מעשים־טובים. אין דער ליטעראַטור — נישט וויניקער ווי אין לעבן. זעען מיר טאַקע, ווי זיי האָבן זיך געשאַפן זייער ליטעראַטור, חוץ תּורה און מוסר־ספרים, אַ ליטעראַטור פון דער „יונגן מאיידא“ און פון נאָך אַזוינע פאַרשייטע זאַכן. נאָך איידער מיר קריגן

*) וועגן אייניקע אייגנטימלעכקייטן פון דעם אַלט־יידישן אויסלייג זע די נאָטיץ אין דעם נומער, צווישן די „מיסצעלן“. רעד.

צו זען אַזאַ מין ליטעראַטור אין דרוקזאַכן, הערן מיר שוין די קלאָג אויף איר, דערנאָך–אוודאי.

אַ שטיק וויץ שטעקט אין דער מעשה, וואָס דער ערשטער אויף יידיש האָט די קלאָג אָנגעהויבן... אַ משומד מיכאל אַדאַם, וואָס האָט צוזאַמען מיט אַ קריסטלעכן העבראַיסט פּויליוס פֿאַגיוס אַרויסגעגעבן דעם חומש אויף יידיש (קאָנסטאַנץ, 1544). אין דער פֿאָררייד הערט איר, אַז דער חומש זאָל זיין אַ סגולה אָפּצוציען „דיא ורויאַן אונ' יונקורויאַן" פֿון אַזויגע „טוריכטן בויכרן, אַז זיגריך פֿון בערן, הילדעבּרנט אונ' דר גלייכן", וואָס דאָס איז נישט מער ווי „ליגן אונ' אר דיכטי דינג" (אויסגעקלערטע זאַכן).

פֿון דעמאָלט אָן הערט מען נישט אויף צו קלאָגן אויף די „טוריכטי ביכער", דערהויפּט אויף „דיטריך פֿון בערן און מייסטער הילדעבּראַנט". איר הערט דאָס ביי דעם געוויסן קאָרנעליאָ אַדעל-קינד, שאַפֿער אין באָמבערגס דרוק אין ווענעציע, אין זיין הקדמה צו אליהו הלויס תהלים אויף יידיש (ווענעציע, 1545); איר הערט דאָס ביי אַ קראָקעווער מחבר יצחק סולקש אין דער פֿאָררייד צו זיין פֿרום-יידישלעכער שיר-השירים-פּאַראַפֿראַזע (קראָקע, 1579). און נאָך דאָס יאָר 1602 קלאָגט זיך דערויף אַ רייסישער ייד, יעקב בר' אברהם מק"ק מעזריטש דליטא, אין דער פֿאָררייד צו דעם „מעשה-בוך" (באַזל, 1602). פֿאַרשטייט זיך, די דאָזיקע קלאָג איז געוואָרן אַ מין פּזמון, און מ'האָט דאָס איינס דאָס אַנדערע נאָכגעזאָגט; אָבער ניכּר, אַז „דיטריך פֿון בערן און מייסטער הילדעבּראַנט" וכדומה איז אַלע פֿרומע פֿאַרלעגער היפּש געשטאַנען אין האַרצן אויך. האָט מען געקלאָגט און געמוסרט דעם עולם און, בלית ברירה, האָט מען צום טייל געמוזט נאָכטאַנצן אויך, אַ שטייגער אין פֿרומען „מעשה-בוך", ווי מיר וועלן דאָס באַלד זען.

דער „עם-הארצישער" עולם האָט זיך נישט געלאָזט גרינג שפּאַנען אין יאָך. ער האָט געלעכצט נאָך עפּעס אַנדערש. האָט ער געצויגן פֿון אַלע קוואַלן, וווּ נאָר ס'האָט זיך געלאָזט. ווייניקער פֿאַר אַלץ – פֿון דער היים. אין דער ענגער, חושכדיקער געטאָ, פֿרום פֿאַרגאַרטלט און שטייף פֿאַרשרויפֿט מיט שטרענג רבנישער השגחה, איז קיין סימן נישט געווען פֿון ריטער-טורנירן, אַוואַנטורעס, מינעגעזאַנג, און גאָר קנאַפּ לעבנספֿריידן און ליידן. האָט מען געצויגן פֿון דער

*) ציטאַטן מיט אַ קייקעלע [0] פֿון פֿאָרנט — הייסט, אַז איך נעם זיי נישט פֿון אָריגינאַל, נאָר פֿון אַ צווייטער האַנט, מייסטנס פֿון אַ דייטשער טראַנסקריפּציע, ממילא גאַראַנטיר איך נישט ביז לעצט פֿאַר ריכטיקייט.

פרעמד, קודם־כל פון דער בשכּנותדיקער דייטשער העלדנזאַגע. „דיטריך פון בערן און מייסטער הילדעבראַנט“ איז אַ שטיק פון דער דאָזיקער העלדנזאַגע, און געמיינט איז מסתּמא דאָס דייטשע שטיק Sigenot, דיטריכס און הילדעבראַנטס לעגענדאַרישער שטרייט מיטן ריז זיגענאָט, וואָס איז באַקאַנט פון דער יידישער אויסגאַבע, קראָקע 1597 (מיט אַן אַנדער טיטל). פון דער פריער דערמאָנטער קלאָג, שוין פון יאָר 1544 אָן, דאַרף מען אָבער אָפּלערנען, אַז דאָס שטיק איז געווען באַקאַנט אין געטאָ, וויניקסטנס אין האַנטשריפטן. אַ סך פריער פאַר 1597; אפשר איז עס שוין פריער געדרוקט געווען אויך און פאַרלאָרן געגאַנגען אַזוי ווי אַ סך אַנדערע ערשטע יידישע אויס־גאַבן (אַ שטייגער דאָס „בבא־בוך“). מיט דער מעלאָדיע „דיטריך פון בערן“ האָט מען געזונגען אַנדערע, יידישע, לידער אויך, אַ שטייגער אליהו לואַנצס וויכּוח־ליד צווישן וויין און וואַסער (באַזעל, 1599). מייסטער הילדעבראַנט איז געווען באַקאַנט אין געטאָ פון נאָך אַ ליד: „איך וויל צו לנד אויזרייטן שפּראַך זיך מיינשטר הילטיברנט“. דאָס ליד געפינט זיך אין צוויי האַנטשריפטן אין אַ זאַמלונג „עמודי שלמה“ און אין דער געוויסער לידערזאַמלונג ביי אייזיק וואַליך ווירמייזן (פון וואָרמס, ביידע אין דער באָדלעיאַנאַ אין אָקספאָרד), אַ סימן, ווי פּאָפּולער דאָס ליד און די דיטריך־זאַגע איז געווען*).

אָבער נישט בלויז די דיטריך־זאַגע אליין. זיכער איז די קרוין פון דער העלדנזאַגע, דאָס ניבעלונגענליד, אויך נישט געווען פרעמד יידן, כאָטש נישט קיין יידישע דרוקזאַכן דערפון, נישט קיין האַנטשריפטן זענען, לויט מיין וויסן, ביז איצט נישט באַקאַנט. זיסט איז זיך לחלוטין נישט פאַרצושטעלן אַזאַ זאַך אין דער יידישער ליטעראַטור ווי דאָס „שמואל־בוך“ (אויגסבורג, 1544), ד"ה אַ ווערק, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט דעם גייסט פון ניבעלונגענליד, געבויט מיט דערזעלבער ניבעלונגענסטראָפע און אויסגעשטעלט מכתּמא

*) איך מוז דאָ מוסר=מודעה זיין: מחמת מאַנגל אין פּלאַץ קאָן איך דאָ נישט דאָקומענטירן אַלץ, וואָס איך דערמאָן דאָ, ברענגען די ליטעראַטור און זיך אַריינלאָזן אין פּרטים. איך קאָן זיך דאָס פאַרגינען בלויז אין אויסנאַמספאַלן. איך וועל דאָ אָנרופן בדרך כלל: שטיינשניידערס אַרבעטן: א) אין Serapeum 1848, 1849, 1864, 1866, 1869, ב) קאַטאַלאָג באָדלעיאַנאַ, ג) קאַטאַלאָג בערלין, ד) קאַטאַלאָג האַמבורג, ה) קאַטאַלאָג מינכען; צעדנערס און שטראַלענס קאַטאַלאָג בריטיש מוזעאום; Roest קאַטאַלאָג אַמסטערדאַם; נייבויערס קאַטאַלאָג באָדלעיאַנאַ (האַנטשריפטן); פּערלעס, „ביבליאָגראַפישע מיטטיילונגען אויס מינכען“ אין פראַנקל=גרעצעס „מאָנאַטסשריפט“, 1876; פ. ראָזענבערגס (וועגן אייזיק וואַליכס לידערזאַמלונג); ועל כּולם א. שולמאַן, וואו ס'איז פאַראַן כמעט די גאַנצע ביבליאָגראַפיע.

אויף דערוועלבער מעלאָדיע („ניגון שמואל־בוך“). פאַר אַן אוידיטאָריע, וואָס דאָס ניבעלונגענליד זאָל איר זיין אומבאַקאַנט, וואָלט דאָס „שמואל־בוך“ אויך געווען מאָדנע פרעמד. דאָס „שמואל־בוך“ איז אָבער דאָס 16טע יאָרהונדערט געווען זייער באַליבט. פון 1544 ביז 1612 האָט עס אויסגעהאַלטן 5 אויפלאַגעס (אַזאַ מוסר־ספר, פון די בעסטע, ווי „ספר מידות“, קאָן זיך דערמיט פאַר אַזאַ צייט נישט איבערנעמען). דעם מוסטער האָט מען נאָכגעטון, און אויפן שטייגער פון „שמואל־בוך“ האָט מען באַאַרבעט אַנדערע ביבלישע סיוזשעטן אויך: „דניאל“ (באַזעל, 1557 און 2 שפּעטערדיקע אויסגאַבן ביז 1609), משה שטענדלס „תהילים“ (קראָקע 1586). דער „ניגון שמואל־בוך“ איז געוואָרן אַ מין מאַרקע פאַר געגראַמטע זאַכן, אַ שטייגער „שלמה־מלך־ליד“ (פּראָג 1657–1700), די געגראַמטע „יונה“־איבערזעצונג (פּראָג, לערך 1686) וכדומה.

ביי דער דייטשער סביבה האָט מען געגנאַשט נישט בלויז די העלדנזאַגע. פון דאָרט האָט מען איבערגענומען אַ סך אַנדערע זאַכן אויך, ערנסט און שפּאַס, ראָמאַנטישע נאָוועלעס, פאָלקסלידער, די פאָלקסדראַמע. „טיל איילנשפּיגל“, אַ מין דייטשער הערשל אָסטראָפּאָליער, נאָר מיט מער שפּאַס־אויפטועך, איידער מיט וואָרט־וויץ, איז אונז שוין באַקאַנט פון אַ מינכענער מאַנוסקריפּט (נומ׳ 100) פונם יאָר 1600 (איייניקע מאָל געדרוקט געווען אויך). שפּעטער איז צוגעקומען אַזאַ לוסטיקע זאַך ווי די „שילדבירגער“. אַ סך מעשיות, וואָס מ׳דערציילט זיך ביי אונז אָן פון כעלמער נאַראָנים, שטאַמען פון די „שילדבירגער“, אָדער זענען אָנגעשמעקט מיט יענע מאָטיוון. פון דייטש, פון איטאַליעניש, פון האָלענדיש, פון אַנדערע שפּראַכן דורך דייטשע איבערזעצונגען, האָט מען אין יידיש אַראָפּגעבראַכט אינטערנאַציאָנאַלע מאָטיוון, ראָמאַנען, נאָוועלעס, לידער אאַז״וו, וואָס זענען געווען פּאָפּולער אין אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן. אפשר איז דאָס ערשט־געדרוקטע יידישע בוך גראָד דאָס „בבא־בוך“, אַן ענגלישער ראָמאַן, וואָס אליהו הלוי (דער דערמאָנטער תהילים־איבערזעצער) האָט איבערגעזעצט פון איטאַליעניש (געשריבן 1507, געדרוקט צווישן 1508–1549), נישט דער פרומער „ספר מידות“, ווי מיר מוזן איצט האַלטן, מחמת די ערשטע אויסגאַבע פון „בבא־בוך“ האָט מען „פאַרלייענט“ אויף טויט און מיר האָבן זי איצט נישט. דאָס איז דאָס „בבא־בוך“, וואָס איז פּאָפּולער אין פאָלק עד־היום און איז געוואָרן אַ שם־דבר פאַר „באָבע־מעשיות“. אין דעם פריער דערמאָנטן מינכענער האַנטשריפטלעכן זאַמלבאַנד געפינט

זיך אויך די מעשה פון „זיבן ווייזע מײַנשטער“ (אָפּגעשריבן בערך 1600), אַ מעשה מיט אָריענטאַלישער חכמה, מיט אַ מין אינטריגע אַזוי ווי בײַ יוסף מיט פּוטיפרען, אָפּגעשריבן פון דײַטש, און דאָרט ווידער גענאַשט פון אינדישע מאָטיוון. די דאָזיקע מעשה איז געווען זייער פּאָפּולער, זי איז עטלעכע מאָל געדרוקט געווען (צוערשט באַזעל, 1602) און אפילו אַ צווייט מאָל איבערגעזעצט געוואָרן פון האָלענדיש דורך יעקב בן מאיר מאַרשן (אַמסטערדאַם, 1776). אפשר איז נישט איבעריק דאָ צו דערמאָנען אַזאַ פּרט: אין דער ערשטער אויפלאַגע האָט זיך באַטייליקט דער פריער־דערמאָנטער יעקב בר׳ אברהם פון מעזריטש, וואָס קלאָגט אין דער הקדמה צום „מעשה־בוך“ אויף „דיטריך פון בערן“ און אויף „בויכר בון קויאָן“ (געמיינט דאס „קואַבוך“, בערן [וועראָנע], 1555 — אָריענטאַלישע משלים, איבערגענומען פון „משל הקדמוני“ און „משלי שועלים“).

אין דעמזעלבן זאַמלבאַנד געפינט זיך אויך „דש מעשה דער קייזרין מיט צווייא זוינן“ אָדער „קיסר אוקטאַפּיאנוס“, ווי דאָס הייסט אין די געדרוקטע אויסגאַבן, אָפּגעשריבן (דאָס יאָר 1580) פון דײַטש, און דאָרט ווידער איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש.

יוזל וויצנהויזן, דער תנ״ך־איבערזעצער (אַמסטערדאַם, 1679) האָט אַראָפּגעבראַכט אין יידיש (מסתמא פון האָלענדיש) דעם פּאָפּולערן ענגלישן ריטערראָמאַן „קיניג ארטוש הוף“ אין גראַמען (אַמסטערדאַם, בערך 1683).

יוסף בן יעקב פון דער פריער דערמאָנטער פאַמיליע מאַרשן האָט אַריינגעבראַכט „אויש דאש גלחות“ (פון האָלענדיש) באַקאַנטשיאָס נאָוועלעס מיטן נאָמען „שיני ארטליכי גישיכטן“ (אַמסטערדאַם, 1711). פון האָלענדיש איז אַגב איבערגעזעצט געווען „איין וואונדרליכי שיני היסטאריע פון דרייא ווייבר“ און אַנדערע זאַכן. ס׳זיינען ווייטער באַקאַנט „מעשה (ליבשבט פון) פלאָרוס אוני פלאנקפלער“, „דיא גיטרייא פּאַריסרין“ מיט אַ ראָמאַנטישער פאַבל, „טריסטאן אָוני איזאלדא“, „דער שמיד ווילאנד“ (מסתמא פון דער דייטשער העלדנזאַגע), „הרצוג [=הערצאָג] ערנשט“ (פיורדא, 1597?) אאַז״וו, קורץ — אַ גרויסער טייל פון דער דייטשער און אייראָפּעישער נאָוועלע; אויסרעכענען די אַלע ראָמאַנטישע, אַוואַנטוריסטישע „געשיכטעס“ און „היסטאָריעס“ וואָלט דאָ, אין די ענגע ראַמען, געווען צו לאַנג.

מ'דאַרף נאָך דערמאָנען, אַז פון העברעיִש איז אַריינגעבראַכט דאָס „גיהנום וגן עדן ביכל“ (עמנואל רומיס „מחברת התופת והעדן“), „בן-המלך והנזיר“, וואָס איז זייער פּאָפּולער געווען, וכדומה.

מיט די דאָזיקע „געשיכטעס“ און „היסטאָריעס“ איז אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור אַ נייער גייסט, אַ גייסט פון מאַטעריע אין עולם-הזה, וואָס האָט געריסן קעגן דער טראַדיציע פון רוחניות און עולם-הבא. אָבער נאָך מער האָט דעם דאָזיקן גייסט געשפּייזט דאָס פאָלקסליד און די פאָלקס-דראַמע, אַ ליטעראַטור, וואס איז געווען מער בעל-פה, איידער בכתב, וואָס האָט זיך אָבער שטאַרקער געהאַלטן, און צום טייל זיך דערהאַלטן ביז אויף היינטיקן טאָג, ווייל דאָס איז געווען געזונגען און סצעניש אויפגעפירט, ניט בלויז געלייענט. ס'איז אַ פאַקט, אַז דאָס דייטשע פאָלקסליד איז געוואָרן אַ שטיק יידיש אייגנס. אין דער פריער דערמאָנטער אייזיק וואַליכס לידערזאַמלונג (פאַרשריבן צווישן 1595 און 1605) זענען דייטשישע לירישע און היסטאָרישע לידער אויסגעמישט מיט פּורים- און כלה-לידער, מיט אַ שפּאָט-ליד אויף יידישע פרנסים, מיט אַ האַלב-איראָנישער וואַריאַציע אויף „מן המצר“, דאָס הייסט מיט יידיש-פאָלקסטימלעכע לידער, — אַ סימן, אַז די דייטשישע לידער זענען ביי יידן אזוי גוט באַקאַנט געווען ווי די יידישע*).

מיר האָבן דערויף אָבער אַנדערע סימנים אויך. אויב אַ שטייגער אין אַן אַנדער געשריבענער לידער-זאַמלונג, אין מנחם אָלדענדאָרפס, פון יאָר 1517, זענען דריי לידער מיט אַמאָל געמאַכט „בניגון הרצוג ערנשט“ — איז דאָס דער בעסטער באַווייז, אַז „הערצאָג ערנסט“ איז געווען שטאַרק פּאָפּולער ביי יידן. בפרט, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט חלילה פון „פאַרשייטע“ לידער, דאָס איז דער געדיכטער פרום-יידישער שטייגער. צוויי שבת-לידער (די געאַכפּערטקייט און די הייליקייט פון שבת) און אַ „הלכה“-ליד (בלויז אויף העברעיִש), אַ ליד מיט דער טעמע „הלכתא כמאן“, דאָס הייסט, ווער איז דער אַווטאָריטעט אין געוויסע שטרייט-פראַגן צווישן תנאים, אויסגערעכנט, ווען מ'קאָן זיך פאַרלאָזן אויף ר' עקיבאָן, ווען אויף ר' טרפון, אויף ר' אליעזרן אאַז"וו. פון די צוויי שבת-לידער איז איינס (№ 25) בלויז אין

---

*) אייזיק וואליכס זאמלונג איז מיר לידער באקאנט בלויז פון ראָזענבערגס ביכל (זע ז' 3 אָנמ'), ד"ה פראגמענטנווייז און מיט א בכיוון-פארנאכלעסיקטער דייטשער טראנסקריפּציע, אָן איין יידיש אות. די נומערן פון די לידער ביי מיר אין טעקסט זענען לויט ראָזענבערגס סדר.

הגבֿרעיִש, ד"ה פּאַקט'ש אַ מין זמירות שבת בײַם טיש. בכן האָט מען דע לאַנגט יידן זמירות „בניגון הרצוג ערנשט"! אַן אַנדערס, אַ מוסר-ליד אין דערזעלבער זאַמלונג (№ 22), אָלדענדאָרפס גופא (אַ פרומער סופר געווען), „על אַהבת הכסף", איז געמאַכט „בניגון הוך ריף דער וועכטער", ד"ה אויך אויף אַ דייטשיש ליד*). דאָס איז סוף 15-טן יאָרהונדערט, אָנהייב 16-טן. דאָסזעלבע זעען מיר אויך צו אין 16-טן יאָרהונדערט: אין אייזיק וואַליכס זאַמלונג זעען מיר אַ פרום כלה-ליד (№ 46) „בניגון עש איז אוף ערדן קיין שווערר ליידן".

דאָסזעלבע אין 17-טן יאָרהונדערט: אלחנן הענן מאַכט זיין באַקאַנטע היסטאָרישע פּאָעמע „וינץ-הנש-ליד" (וועגן פראַנקפורטער פּאָגראָם 1614) „בניגון דיא שלאַכט פון פאביא". דאָס היסטאָרישע ליד „די שלאַכט פון פּאַוויאַ" איז געווען פּאָפּולער ביי יידן. מיר געפינען דאָס אויך אין אייזיק וואליכס זאַמלונג (№ 51). אָבער דאָס זענען נישט די איינציקע לידער, וואָס זענען אויסגעשטעלט געווען אויף פרעמדע מעלאָדיעס, אַ סימן, אַז די געהעריקע דייטשע לידער זענען געווען רעכט היימיש ביי יידן.

פון 55 לידער, וואָס זענען פאַרשריבן ביי אייזיק וואליך, זענען 43 דייטשישע און בלויז 12 שטאַמען פון יידישע קוועלן.

*) אָלדענדאָרפס זאַמלונג איז מיר אויך באַקאַנט בלויז פון לעווענשטיינס פּובליקאַציעס אין היילדעסהיימערס יובעלשריפט (1890) און אין „מאָנאַטסשריפט" 1893. די זאַמלונג איז אָפּגעשלאָסן דאָס יאָר 1517, ווען דער זאַמלער איז שוין געווען אַ זקן פון 67 יאָר. איניקע לידער, ספּעציעל אָלדענדאָרפס גופא, צוויי שבת-לידער (זמירות), און צוויי מוסר-לידער „על אהבת הכסף" און דער וויכוח צווישן יצר טוב און יצר הרע,—האָט ער געמאַכט נאָך אין די יונגע יאָרן (אַזוי זאָגט ער גופא: „בימי חרפּי"). פאַרוואָס וויל י. שיפּער האָבן (געשיכטע פון יִד. טעאַטער-קונסט און דראַמע, ז. 83), אַז דער דערמאָנטער וויכוח „איז אָנגעשריבן אין יאָר 1517", פאַרשטיי איך נישט. איך פאַרשטיי אויך נישט, פאַרוואָס שיפּער מאַכט דעם בכבודיקן פרומען סופר צום „נאַר" (בדחן; מאַרשאַליק ז' 68—69). אין דער זאַמלונג זענען פאַראַן איצט 25 לידער (געווען אַמאָל 43), פון זיי דער גרעסטער טייל: שבת-זמירות, המבדיל'ס (צווישן זיי די גוט-באַקאַנטע „המבדיל בין קודש לחול", במוצאי יום מנוחה"), פזמונים, אַ פורים-ליד—אויך צום בענטשן, קורץ—קיין סימן נישט פון „נאַר", פון דער פריילעכער, פאַרשייטער, אָפּטמאָל גראָבער שפּאַס-שרייבערײַ, וואָס מיר טרעפן אַ שטייגער אין אייזיק וואַליכס זאַמלונג, ספּעציעל אין אַזאַ „נאַרן-ליד", ווי № 25 (וועגן דעם שפּעטער), אָדער אין דעם פורים - ליד № 39 פון פריילעכע ישיבה-בחורים מיט „ס קורצי דרשים אונד לאנגי בראזן" מיט דעם טאַנץ מיט ציגן ולדומה. שוין-זשע דערפאַר, וואָס דער מוסרדיקער עלטער-יידישלעכער וויכוח צווישן יצר-טוב און יצר-הרע האָט אַן אויסזען פון אַ דיאַלאָג—איז דערפאַר דער פרומער סופר אַ „נאַר"? צי דאָס איז מאַטעריאַל פאַר פריילעכע ישיבה-בחורים (№ 39!)? צי שוין-זשע מערט די זאַך קלאָרער, ווען מ'זאָגט, אַז ער איז געווען אַן „ערנסטער נאַר", וואָס האָט „פאַרשיינלעך" פריילעך געמאַכט אויף חתונות און סעודות?

ס׳וואָרפט זיך קודם־כּל אין אויג, וואָס ביי דער פרעמד האָט מען גענאַשט לירישע, ראָמאַנטישע מאָטיוון (ליבע־, טאַנץ־ און יעגער־לידער, טויט־לידער), צום טייל היסטאָרישע, און אַליין האָט מען געשאַפן מייסטנס יידישלעכע מאָטיוון: כּלה־לידער (בדחנות ביים באַזעצן), פּורים־שפּאַסן, אַ מוסר־ליד, אַ שפּאָט־ליד אויף קהלס־לייט. צוויי לידער פון יידישע מחברים (וואַליכס טויט־ליד און אַ רעטעניש־ליד אויף דעם נביא דעם האָן) זענען דורכזיכטיק אָנגעשמעקט מיט ענלעכע דייטשישע מאָטיוון. וואַליכס ליד (№ 40) איז באַאיינפלוסט פון דער דייטשער מיסטעריע „טויטנטאַנץ“, דאָס זעלבע אויך אָלדענדאָרפס מוסר־ליד (№ 22) „על אהבת־הכּסף“, ווו מ׳געפינט שוין דירעקט אַ רמז: „⁰דער מלאך המות ווערד מיט אים טאַנצן“. ס׳איז אָבער נאָך מערקווערדיקער, וואָס פון דער פרעמד האָט מען איבערגענומען אייגנס אויך: „על נהרות בבל“ אין וואַליכס זאַמלונג (№ 36) איז געגומען כּמעט וואָרט ביי וואָרט פון אַ דייטשער איבערזעצונג, און די ביבלישע דראַמע „יונה“ (№ 37) איז קונציק צוגעשניטן פאַרקירצט פון אַ דייטשן טעקסט. מיט וואַליכס זאַמלונג שעפּט זיך אָבער נישט אויס דער לידער־מאַטעריאַל ביי יידן, פרעמדס און אייגנס, מיט אַ ראָמאַנטישן און בכלל מיט אַ וועלטלעכן אינהאַלט. ס׳זענען באַקאַנט אַ סך אַנדערע לידער, געדרוקט און אין כּתב־יד.

רבנים און לומדים האָבן פון דעם מין „זינגען“ (לידערמאַכעריי) זייער ווייניק נחת געהאַט, פּונקט ווי פון „דיטריך פון בערן“. דער מחבר פון „עץ חיים“ שרייבט: „⁰פושעים ליצנים וואש מאכן לידר אונ׳ גריימן אונ׳ רעדן ניבול־פה“ *), זיי האָבן זיך אָבער ווייניק וואָס געקאָנט העלפן, האָט מען געזען זיך ווייניקסטנס קאָמפּענסירן מיט אַ מענגע „געטליכי לידר“, מיט מוסר־ און תּורה־לידער, אַזוי ווי מ׳האָט געמיינט מיטן פרומען „מעשה־בוך“ צו פאַרטרייבן „דיטריך פון בערן“.

אַ סך וועלטלעכע מאָטיוון האָט מען גענומען פון דער פרעמד. דערפון האָט מען מסתּמא אָנגעהויבן. ס׳איז אַ כּברא, אַז דאָס גאַנצע מין „זינגען“, אַפילו דאָס אייגנס, איז ביי אונז אויפגעקומען אונטער דער השפּעה פון דער דייטשער און סלאַווישער סביבה. מ׳האָט אָבער נישט איבערגענומען אויטאָמאַטיש. אין פאָלקסמויל און ביים יידישן איבערשרייבער איז דאָס איבערגענומענע צום טייל געענדערט, צום טייל באַאַרבעט געוואָרן, צוגעפּאַסט צום גייסט און צום געשמאַק פון דער יידישער סביבה.

*) זע: ו זאַן ז׳ VIII באַמ׳ 2.

קודם כל האָט מען פאַרגלעט די קריסטלעכע שטעלן, זיי זאָלן נישט
גרילצן דעם יידן אין אויער. אין אייזיק וואַליכס לידערזאַמלונג
טרעפט איר „גאָט“ אָנשטאָט „קריסט“ אין אָריגינאַל וכדומה*). דאָס
זעלבע זעען מיר אויך אין דער נאָוועלע: געענדערט זענען די קריסט-
לעכע שטעלן אין „דיטריך פון בערן“, אין „מעשה דער קייזערין
מיט צווייא זינן“ אין „איילנשפיגל“ („שמד“ אָנשטאָט (taufe
אאַז"וו. דאָס צופּאַסן פרעמדס האָט זיך אָבער פאַרמאָסטן אַ סך ווייַ-
טער. אין אייזיק וואַליכס זאַמלונג האָבן מיר שוין מייסטנס וואַרי-
אַנטן פון די דייטשישע לידער וואָס זענען אונז איצט באַקאַנט;
וואַריאַנטן, וואָס זענען אָפטמאָל ווייט אַוועק פון דעם אָריגינאַל. אַ גע-
נויער אַנאַליז וואָלט מסתמא געוויזן, אַז דאָס איז נישט קיין וואַ-
ריאַנטן סתם אַזוי ווי זיי האָבן געקאָנט זיין ביי דייטשן אויך, ניי-
ערט דאָס זענען יידישע וואַריאַנטן, אין גייסט פון דער
יידישער סביבה. נעמען מיר אַ שטייגער דאָס ליד № 11: איינער
קלאָגט זיך, וואָס די געליבטע איז אים נישט געטריי געבליבן. מ'קאָן
פאַרזען, וואָס אייניקע סטראָפעס שטימען נישט אָדער פעלן גאָר אין
דעם געהעריקן ליד, וואָס איז אונז איצט באַקאַנט פון אַ דייטשער
אויסגאַבע 1601; מ'קאָן זיך זאָגן, אַז נישט אַלע דייטשע וואַריאַנטן
זענען צו אונז דערגאַנגען. אָבער ווען מיר געפינען אינם יידישן
וואַריאַנט צוויי כמעט אַלצאיינע סטראָפעס (5, 6): זי האָט אים גע-
פעלשט, ווייל זי האָט געוואָלט האָבן אַן „אידלמאַן“ (=אַדלמאַן), און
דערביי איז אין איין סטראָפע צוגעגעבן: „°איין רייכן אונ' איין
פרומן“,—איז נישט אָפגעפרעגט, אַז דאָס איז אַ יידישער אויפ-
טו: אַ רייכער און אַ פרומער—דאָס איז אַ יידישלעכער געטאָ-אידעאַל,
דעם „אידלמאַן“ האָט מען גענומען פון דער דייטשער ריטער-ראָ-
מאַנטיק.

*

מיט אַזוינע וואַריאַציעס עפנט זיך שוין דער וועג צו איי-
גענער שאַפונג. דאָ זענען פאַראַן פאַרשיידענע מדרגות: נאָכ-
מאַכן אַ געוויסע פרעמדע זאַך אויף אַן אייגענעם שטייגער, נוצן
פרעמדע מאָטיוון פאַר אַן אייגענער קאָמפּאָזיציע אאַז"וו ביז אָרי-
גינעלער שאַפונג. דאָ איז שוין דערמאָנט געוועזן, אַז אויף אייזיק
וואַליכס „טויטנליד“ (ער גיט זיך אָן פאַר דעם אַוטאָר) און אוף

*) געבליבן נישט פאַרגלעט זענען קריסטלעכע שטעלן בלויז אין 2 לידער kirchen (№ 22), Sante Anne (№ 50), מסתמא, די ווייניקער פּאָפּולערע.

פֿלדענדאָרפֿס „על אהבת הכסף“ ליגן נאָך ניכרע שפּורן פֿון דער דייטשער מיסטעריע „טויטנטאַנץ“ אין פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן. דאָס פּורים־ליד (№ 39) אין אייזיק וואַליכס זאַמלונג איז קלאָר צוגע־שניטן אויפֿן שטייגער פֿון אַ דייטשיש היסטאָריש ליד „פּומיי, פּומיי איר פֿאָלן“ אין דערזעלבער זאַמלונג (№ 53), כאָטש מיט אַן אָרי־גינעלן אינהאַלט, האָט דעם אייגענעם רעפֿרען סוף יעדער סטראָפֿע, אייניקע שורות שטימען (לויט ראָזענבערג) כמעט וואָרטווייז אין ביידע.

גאָר אַן אַנדער אויפֿטו איז דאָס „ש מ ו א ל ־ ב ו ך“. דאָס איז אַ חידושימדיקע קאָמבינאַציע פֿון ביבל־סיוזשעט (שמואל א׳ און שמואל ב׳), פֿון אַגדהשער אויסטייטשונג און פֿון דעם גייסט פֿון דער דייטשער העלדנזאַגע. שוין נישט צו ריידן פֿון דער אויסגעהאַלטענער ניבעלונגנסטראָפֿע אין ווערק, — דאָ איז פֿאַראַן אַ באַשטימטער גייסט: ביבלישע געשטאַלטן און פּאַסירונגען זענען דאָ פֿאַרשלייערט מיט גלאַנץ, זיגן און אַוואַנטורעס פֿון דייטשע מיטלעלטערישע ריטער און העלדן. לאָמיך דאָ ברענגען איין אילוסטראַציע: די באַשרייבונג פֿון דודס גבורים*). איר לייענט און איר גאַפֿט: אַ סך נעענטער צו ענלעכע באַשרייבונגען אין דער דייטשער העלדנזאַגע איידער צום ביבלישן אָריגינאַל. ספּעציעל וועגן דעם „קנאַב“ בניהו בן יהוידע איז דאָ צוגעקלערט אַ גאַנצע מעשה. ער האָט געהערט:

„דש דער קיניג דוד שטארקי העלדן ביגערט.
ער שפּרך צו זיינם ואטר לוש מיך זאטלין דש פּפֿערט.
איך וויל צו דוד רייטן איך קאן עש נישט לענגיר שפּארן
ער מושט אין לושן רייטן אונ׳ טעט עש יוא ניט גערן“.

צוויי „גרובן“ (=גראַפֿן) פֿון מואב מיט זייערע חילות שטעלן זיך אים אין וועג, ס׳קומט פֿאָר אַ שווערע שלאַכט, און בניהו באַווייזט לעגענדאַרישע גבורות. אין אָריגינאַל איז דערפֿון קיין סימן נישטאָ, דערפֿאַר קאָנט איר לייענען דיזעלבע מעשה אין דער דיטריך־זאַגע, אין וויטיכס אַרויספֿאָרן צו דיטריכן. דאָס יינגל וויטיך וויל נישט ווערן קיין שמיד ווי זיין פֿאָטער, דער באַרימטער שמיד־מייסטער ווי־לאַנד: ער וויל פֿאָרן צו דיטריכן, זיך פֿאַרהערן מיט אים אין גבורה און איינשטיין צווישן זיינע העלדן. אויפֿן וועג שטעלן זיך אים אַקעגן ביים איבערפֿאָרן א בריק 12 רויבער, וואָס לאָזן נישט דורך קיינעם

---

*) שמואל ב׳, כ״ג, 8—39; אין „שמואל־בוך“ (לויט דער אויסגאַבע באַזעל, בזסן) בלאַט 41a, סטראָפֿעס 11, 12, 41b, 42a און 42b, סטראָפֿעס 1—7.

אָן זייער אַ באַליידיקנדיקן „צאָל“, וויטיך שטרייט מיט זיי, הרגעט אַ טייל, די איבעריקע צעלויפן זיך אַאַז״וו.

אָבער דער דאָזיקער העלדנקאָלאָריט (אַגב זייער גוט צוגעפּאַסט צו דעם ביבליש-לעגענדאַרישן) פאַרשאַפט דעם „שמואל-בוך“ אַ באַזונדער פרישקייט און געשפּאַנטקייט, נעענטער צו די השגות און פאַנטאַזיע פון יענער צייט, פונקט ווי די רייד פון „שדכנות“ און פון „קנס-ליגן“ [=ליגן] (בעת שאול גיט דודן זיין טאָכטער מיכל) מאַכן די גאָרע זאַך געמיטלעכער, אינטימער פאַר די באַגריפן און לעבנסשטייגער פון יענע דורות, וואָס פאַר זיי איז דאָס „שמואל-בוך“ געשריבן געוועז.

(סוף קומט)

---

# גראַמאַטישער מין אין יידיש

### פון זלמן רייזען (ווילנע)

## 1. די פּראָבלעם

די קאַטעגאָריע פון דעם גראַמאַטישן מין (געשלעכט, גענוס) אין דער יידישער שפּראַך איז דאָס פאַרפלאָנטערטסטע געביט פון דער יידישער גראַמאַטיק, אין וועלכן דער קעגנער פון יידיש שעפּט זיינע שאַרפסטע אַרגומענטן קעגן דעם „אומרעגלמעסיקן זשאַרגאָן“. און באמת איז די פּראָבלעם פון גראַמאַטישן געשלעכט אין יידיש זייער האַרב און פאָדערט די ערנסטסטע באַהאַנדלונג פון ספּעציאַליסטן און שפּראַכקענער. ליידער אָבער האָט זיך נאָך כמעט קיינער נישט אָפּגעשטעלט אויף דעם דאָזיקן ענין. אין דער צייט, וואָס וועגן דער יידישער אָרטאָגראַפיע האָט יעדער איינער, צי באַרופן צי אומבאַרופן, געהאַלטן פאַר זיין הויב אַריינצוזאָגן זיין דעה אין דעם גרויסן וויכוח, איז מיר נישט באַקאַנט די מינדסטע אָפּהאַנדלונג וועגן געשלעכט אין יידיש, הגם דאָס איז אַ פראַגע, אויף וועלכער עס מוז זיך אָנשטויסן יעדערער, וואָס האָט אַ באַוואוסטזיניקע שייכות צו דער יידישער שפּראַך.

איך וועל זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף דער טעאָריע פון גענוס בכלל און אויף די פאַרשיידענע היפּאָטעזעס בנוגע זיין אויפקום. איך וועל דערווייל נאָר יוצא זיין מיט דעם אויספיר פון דער מאָדערנער שפּראַכוויסנשאַפט, וואָס קוקט אויף דעם גראַמאַטישן מין ווי אויף אַ בלויזער פאָרם, אַ פיקציע, וועלכע האָט ביי דעם היינטיקן

שטאַנד פון דער שפּראַך — און אויך אין די פאַרגאַנגענע היסטאָרישע תּקופות פון איר אַנטוויקלונג — בכלל גענומען, קיין שום שורש נישט אין דעם אינהאַלט פון דער פאָרשטעלונג, וואָס דאָס וואָרט דריקט אויס. די אויסדרוק־קראַפט פון יידיש ווערט נישט געמינערט אפילו אויף אַ האָר, וואָס טייל ווערטער האָבן נישט קיין פעסטגעשטעלט געשלעכט. אויך אין אַנדערע שפּראַכן, למשל אין דייטש, איז פאַרהאַן אַ מאַסע ווערטער מיט אַ וואַקלדיקן געשלעכט. אין העברעיִש איז די דאָזיקע וואַקלונג אפילו סאַנקציאָנירט אין דעם כלל פון אבן־עזרא — „כל דבר שאין בו רוח חיים זכרהו ונקבהו“. אין דער פרייקייט פון יידיש ביים געברויך פון געשלעכט קומט אפשר צום אויסדרוק די אינעווייניקסטע טענדענץ פון אונזער לשון צו גיין אויפן וועג פון די פּראָגרעסיווסטע שפּראַכן, ווי ענגליש און דעניש, למשל, וועלכע זענען אינגאַנצן פּטור געוואָרן פון דעם איבעריקן באַלאַסט פון אַזאַ ריין פאָרמעלן, פיקטיוון אַטריבוט, ווי דער גראַמאַטישער מין איז.

די דאָזיקע טענדענץ איז באַזונדערס בולט אין דעם ליטווישן יידיש, וואו די פרייקייט ביים געברויך פון געשלעכט איז צום שטאַרקסטן. נישט נאָר וואָס דער גראַמאַטישער מין פון אַ גרויסן טייל שם־העצמס אין ליטווישן יידיש פאַלט נישט צונויף מיט דעם געשלעכט פון די זעלבע שם־העצמס אין אַנדערע דיאַלעקטן, נאָר אין גבול פון דעם דאָזיקן דיאַלעקט גופא איז אָן אַ שיעור די צאָל ווערטער, וואָס וואַקלען זיך אין זייער געשלעכט. דאָס נעמט זיך קודם־כל דערפון, וואָס אין דעם ליטווישן יידיש פעלט איבערהויפּט דאָס דריטע, דאָס מיטעלע געשלעכט, אַזוי ווי עס פעלט, למשל, אין העברעיִש, אין ליטוויש און אין אַלע ראָמאַנישע שפּראַכן, בשעת ווען אַלע איבעריקע יידישע דיאַלעקטן (אַחוץ אויך דעם קורלענדער יידיש, וועלכעס איז בכלל נאָענט צום ליטווישן) האָבן אויפגעהיט אַלע דריי געשלעכטער פון די דייטשע ריידענישן, אָנווענדנדיק דעם דריטן מין אפילו אויף זייער אַ גרויסער צאָל העברעיִשע און אַראַמעיִשע ווערטער.

אין אַן אַנדער אָרט*) האָב איך געפּרוווט מאַכן אייניקע השערות וועגן דער פאַרשווינדונג פון דריטן מין אין יידיש. דאָ בין איך בלויז אויסן פעסטצושטעלן, אַז דער גאַנצער פּלאָנטער ביים געברויך פון די געשלעכט־פאָרמען אין יידיש שטאַמט דערהויפּט פון דער דאָזיקער ערשיינונג, וואָס אין ליטווישן יידיש פעלט דער דריטער

*) אין זאַמלבאַנד „די אילוסטרירטע וועלט“, װאַרשע 1919, פאַרלאַג ברידער לעווין־עפּשטיין.

מין, בשעת ווען די יידישע דיאַלעקטן פון פוילן, אוקראַינע, רומעניע־בוקאָווינע, אונגאַרן, ווי אויך דאָס רוב קלאַסיקער אונזערע היטן אים גאַנץ שטאַרק אָפּ.

אַוודאי וואָלט דער בעסטער אויסוועג פון דעם דאָזיקן פּלאָנטער געווען, ווען אַלע געשלעכטער אין יידיש וואָלטן ניוועלירט געוואָרן. אויף דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט האָט זיך געשטעלט אַ גרופּע יידישע פילאָלאָגן מיט ב. באָראָכאָוו ז"ל בראש, וועלכע האָבן איינגעפונען, אַז די איינציקע עצה צום תוהו־ובוהו ביים געברויכן אין יידיש די פאָרמען פון גראַמאַטישן מין איז – זיי אינגאַנצן מבטל צו זיין, שאַפנדיק אַן איינהייטלעכע סכעמע פאַר אַלע דריי געשלעכטער, לויט דעם מוסטער פון ענגליש, מיטן אַלגעמיינעם אַרטיקל ד ע, וואָס זאָל פאַרטרעטן די דריי איצטיקע אַרטיקלען ד ע ר, ד י, ד אָ ס (למשל, ד ע מענטש, ד ע פרוי, ד ע קינד)*. דער לעבעדיקער אָרגאַניזם פון אַ שפּראַך קאָן אָבער נישט פאַרטראָגן אַזעלכע גוואַלד־אָפּעראַציעס, און עס איז נישט אָנצונעמען, אַז די פּראָיעקטירטע רעפאָרמען פון די ניו־יאָרקער פילאָלאָגן וואָלטן געקאָנט דורכדרינגען אין לעבן; דאָס שפּראַך־געפיל (בפרט פון די נישט־ליטווישע יידן), וואָס איז אַזוי שפּירעוודיק אפילו אויף גרייזן פון געשלעכט, וואָלט אינגאַנצן פאַרשוועכט געוואָרן דורך אַזעלכע קינסטלעכע קאָנסטרוקציעס**).

אפילו בלויז דאָס דריטע געשלעכט באַזייטיקן פון יידיש, לויטן מוסטער פון ליטווישן דיאַלעקט, איז אויך נישט אַזוי פשוט. די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך פאַרלאַנגט אַ פאָרזיכטיקע באַציִונג צו די מנהגים, וואָס הערשן אין איר נאָך אין דעם מאָמענט. די באַזייטיקונג פון דעם מיטעלן מין (פון אַלע דריי געשלעכט־פאָרמען בכלל – שוין אָפּגערעדט!) קאָן גיין נאָר אויף דעם וועג פון אַ לאַנגזאַמער עוואָלוציע, און קוים געברויכט די ווייט איבערוועגנדיקע מערהייט פון דעם יידישן פאָלק (אַלע נישט־ליטוויש רעדנדיקע יידן, ד"ה גוטע

*) מיטגעטיילט פריוואַט פון דעם באַוואוסטן יידישן פילאָלאָג אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, מיטגליד פון דער ניו־יאָרקער יידישער פילאָלאָגישער קאָמיסיע.

**) דרך־אגב באַמערקט: דאָ האַנדלט זיך דאָך נישט בלויז אום די פאָרמען פון דעם באַשטימטן אַרטיקל; פיל וויכטיקער זענען דאָ די אַדיעקטיווישע פאָרמען פון געשלעכט. אָנגענומען, אַז דער אַרטיקל איז פאַר אַלע געשלעכטער און אַלע פאַלן ד ע — ווי וואָלטן דאַן געברויכט געוואָרן די ביוועלטער? סיידן אויפן שטייגער פון דעם בייוואָרט אַ נ ד ע ר, וואָס ווערט על פי נוסח ליטע נישט פלעקטירט: דע אַנדער מענטש, דע אַנדער פרוי, דע אַנדער קינד, פון דע אַנדער מענטשן, פון דע אַנדער פרוי, פון דע אַנדער קינד; אַלזאָ אויך: דע קלוג מענטש, דע קלוג פרוי, דע קלוג קינד, פון דע קלוג מענטש, פון דע קלוג פרוי, פון דע קלוג קינד... אַ ביסעלע צו פוטוריסטיש!

$^{2}/_{3}$ און ... ש טאַקע די גאַנצע $^{3}/_{4}$), מיט אונזערע בעסטע שריפט־שטעלער ... ראַ..., אַלע דריי געשלעכטער, לשון זכר, לשון נקבה און דעם מיטלן, אָפּהיטנדיק דערביי אויך אַ געוויסע געזעצמעסיקייט און אויסגעהאַלטנקייט, קאָן מען בשום אופן נישט מספים זיין מיט די צו היציקע ליטוואַקעס, וועלכע ווילן נישט וויסן פון דריטן מין און פּלאָנטערן די געשלעכט־פאָרמען ביז גאָר. די דאָזיקע הפקרות מוז איינגעצוימט ווערן, מער אָדער ווייניקער, אין נאָמען פון דער איינהייטלעכקייט און קאָרעקטקייט פון דער יידישער ליטעראַטור־שפּראַך.

פון דער אַנדערער זייט אָבער איז אויך צו פיל צו פאָדערן, אַז די ליטווישע יידן, מכל־שכן — די ליטווישע יידישע שולקינדער זאָלן זיך זעצן חזרן גאַנצע לוחות ווערטער פון מיטלן געשלעכט. אָפּצוהיטן די פאָרמען פון גראַמאַטישן מין לויט דעם נוסח פון דעם נישט־ליטווישן יידיש — דערויף איז נייטיק אַ הויכע מאָס פון שפּראַך־קאָרעקטקייט און שפּראַכדיסציפּלין, צו וועלכע נישט יעדערער איז מסוגל; פאַרשטייט זיך — אויף שריפטשטעלער, ליטעראַטן, לערער ליגט אַ חוב זיך צו דערציען צו דער דאָזיקער מאָס, בכלל אָבער מוז מען אין יידיש בנוגע געשלעכט — נישט מחמיר זיין, נאָר מקיל זיין.

סוף־כל־סוף איז דער פרייערער געברויך פון גראַמאַטישן מין נישט אַזאַ חטא, אַז מ׳זאָל אים נישט קאָנען פאַרגעבן, און די מחמירים, וואָס ווילן פּסקענען די שאלות פון געשלעכט אין יידיש אויפן סמך פון דער דייטשער גראַמאַטיק, מוזן וויסן זיין, אַז אויך אין דער דייטשער פאָלקסשפּראַך (און פאָלקסשפּראַך איז דאָך מקור און געזעצגעבער פאַר דער ליטעראַטורשפּראַך) הערשט אַ מוראדיקער תוהו־ובוהו בנוגע דעם געברויך פון געשלעכט. אמת, די דייטשע גראַמאַטיקער פאַרשווייגן עס אינגאַנצן אָדער דערמאָנען עס בלויז פאַרבייגייענדיק, פאַרלאָזנדיק זיך אויף דעם דרעסירונגס־כח פון דער אַלטער דייטשער שול, אָבער די דאָזיקע שול האָט גענוג צו זינגען און צו זאָגן דערפון.

אַזוי צי אַזוי—איז עס אַ דרינגענדיקע אויפגאַבע פון דער יידישער פילאָלאָגיע צוצוגרייטן דעם נייטיקן מאַטעריאַל, וואָס אויפן גרונד פון דעם זאָל קאָנען אָנגעמערקט ווערן די ליניע פון רעגולירן ביז געוויסע גרענעצן דעם געברויך פון גראַמאַטישן געשלעכט אין יידיש. די ווייטערדיקע אָפּהאַנדלונג מיינע איז דער ערשטער פּרווו אויסצוגעפינען די דאָזיקע ליניע בנוגע אַ גאַנצער ריי קאַטעגאָריעס יידישע הויפטווערטער.

אַלס מאַטעריאַל פאַר מיינע פאָרשונגען איבער דעם גראַמאַטישן געשלעכט אין יידיש האָט מיר קודם־כל געדינט די לע־

בעדיקע פאָלקסשפּראַך, דאַן די ווערק פון דער שריפטלעכער ליטע-
ראַטור, אין דער ע״שטער ריי – פון מענדעלע, שלום-עליכם, פּרץ.
נאָך זיכערער, ווי ב י די דאָזיקע קלאַסיקער, איז דער מאַטעריאַל,
וואָס עס גיבן אונז די ווערק פון אַ נחמן בראַצלעווער, לינעצקי, און
בכלל די פֿאָלקסביכער, ווו מיר האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן פֿאַר
פ״עמדע שפּראַך-השפּעות, בפרט – מצד דער דייטשער ליטעראַטור-
שפּראַך. פון די יידישע ווערטערביכער איז דאָס רוסיש-יידישע ווער-
טערבוך פון יהושע-מרדכי ליפשיץ אַן ערשטקלאַסיקער מקור פאַר דעם
גראַמאַטישן מין פון וואָלינער יידיש (זיין י י ד י ש = רוסיש ווערטער-
בוך גיט ליידער נישט אָן דאָס געשלעכט) און דאָס יידיש-דייטשע
ווערטערבוך פון ד״ר שלמה בירנבוים*) — פון דעם פּוילישן (גאַלי-
ציש) יידיש, הגם ביי בירנבוימען איז דאָ די סכנה פון אונטערבאַ-
וואוסטזיניקער דייטשער השפּעה. אויף די איבעריקע (ווי פון דרייזין,
האַרקאַווי, שטראַק) קאָן מען זיך אין דעם ענין פון געשלעכט נישט
פאַרלאָזן.

## דאָס געשלעכט פון באַלעבטע הויפּטווערטער

די מניעה ביים איינשטעלן כללים פאַר דעם געברויך פון דעם
גראַמאַטישן מין אין דער יידישער שפּראַך (אַזוי ווי אויך אין דייטש)
איז – וואָס די יידישע הויפּטווערטער (אַחוץ די אָ פּ ג ע צ ו ו י י ג ט ע
מיט דער הילף פון סופיקסן) האָבן דאָס רוב נישט קיין ענדונגען,
פעלן דעריבער די אויסערלעכע סימנים פאַר די געשלעכטער (ווי מיר
האָבן זיי, למשל, אין רוסיש אָדער אין פּויליש, ווו די באַשטימונג
פון געשלעכט איז דערפאַר זייער אַ פּשוטער, ריין מעכאַנישער ענין).
און באמת – וואָס פאַר אַ סימן קאָנען מיר האָבן צו באַשטימען, אַז
אָ ר ט, למשל, איז לשון-זכר, ווי אין ליטווישן יידיש, און נישט פון
מיטעלן מין, ווי אין אַנדערע יידישע דיאַלעקטן (ד אָ ס אָרט); אָדער
אַז פ ע ל ד איז דווקא פון מיטעלן געשלעכט און נישט, ווי די ליט-
וואַקעס זאָגען – ד י פעלד; אָדער אַז ש י ף איז דווקא לשון-נקבה אין
אַלע יידישע דיאַלעקטן און נישט, ווי די קענער פון דייטש מיינען–
אַז ד אָ ס שיף גאָר?

די דאָזיקע מניעה ביים באַשטימען דעם גראַמאַטישן מין אין
יידיש – דאָס פעלן פון אַ פאָרמעלן סימן – פאַלט אָפּ אין די קאַטע-
גאָריעס הויפּטווערטער, וואָס זייער געשלעכט הענגט אָפּ פון זייער

---

Praktische Grammatik der jiddischen Sprache (*

באַדייטונג. דאָס זענען קודם־כּל די ווערטער, וואָס באַצייכענען פּערזאָנען אָדער בעלי־חיים לויט זייער נאַטירלעכן געשלעכט (סעקסוס), למשל, דער פֿאָטער, די מוטער, דער מלך, די מלכּה, דער הונט, די צויג אאַז״וו.

אין אַזעלכע הויפּטווערטער איז זיך די פֿאָרם אינגאַנצן מכניע דער באַדייטונג. ווערטער, וואָס באַטייטן געגנשטאַנדן פֿון דער נאַטור אויס מאַנסבילשע, זענען לשון־זכר, אומאָפּהענגיק פון זייער ענדונג, למשל, דער זיידע, דער שררה, דער מורזע, דער מאָנאַרכע (אַרכאַישע, פּוילישע פֿאָרם פֿאַר מאָנאַרך) אאַז״וו (לויט דער פֿאָרם – מיט דער ענדונג ע – וואָלטן זיי געדאַרפֿט גאָר זיין לשון־נקבה). אפילו ווערטער פון לשון־נקבה, ווען זיי ווערן מעטאַפֿאָריש באַנוצט צו באַצייכענען מאַנסבילשע פערזאָנען, גייען אַריבער אין לשון־זכר, למשל, ביי לינעצקין: „דער מחילה אַליין, וואָס נעמט כּאַבאַר“ (געמיינט—אַ פּאָליציי־באַאַמטער).

דאָס רוב נעמען פֿון בעלי־חיים באַצייכענען אָבער דעם גאַנצן מין לעבעדיקע באַשעפֿענישן סתּם, נישט נעמענדיק אין אַכט דעם אונטערשייד פון געשלעכט. די דאָזיקע הויפּטווערטער (עפּיצענישע) זענען אָדער לשון־זכר, אָדער לשון־נקבה, אָדער גאָר כּון מיטעלן געשלעכט, למשל, דער מענטש, דער נאַר (נישט דווקאָ אַ מאַנספּאַרשוין), דער אָדלער (סתּם אַן אָדלער, סיי אַן ער, סיי אַ זי), די פּערזאָן (קאָן אויך זיין אַ מאַנסביל), די טויב (סיי אַן ער, סיי אַ זי), דאָס פֿערד (אָבער אין ליטווישן יידיש — דער פערד), דאָס קאַלב (אין ליטווישן יידיש—די קאַלב).

געציילטע עפּיצענישע ווערטער קענען געברויכט ווערן אין יידיש איןביידע גראַמאַטישע מינים, בהסכּם מיטן פיזישן געשלעכט (שותּפֿישער גענוס), למשל, ביי נחמן בראַסלעווער: „אַז דער זון איז אַלט געווען פיר יאָר, איז ער געווען אַ גרויסער פּאַרשוין; „די בת־מלכּה איז געווען זייער אַ גרויסע פּאַרשוין“.

דאָס הויפּטוואָרט מענטש אַלס באַצייכענונג כּון אַ פרוי ווערט אין די נישט־ליטווישע דיאַלעקטן געברויכט אין מיטעלן געשלעכט – דאָס מענטש, למשל, ביי פּרץ: „נאַריש מענטש (אָנשטאָט נאַרישער מענטש) — מוסרט זי דער רבי — זע, דו ביסט אַן אָרעמע יידענע“; אויך ביי שאַצקעס: זי איז דאָך אַן אַלט מענטש (אַלס רודימענט--אויך אין ליטווישן יידיש: אַן אָרעם מענטש).

דאָסגלייכן איז דאָס וואָרט מת אין פּוילישן יידיש נייטראַל:

דאָס מת (כאַראַקטעריסטיש: אין העברעיש איז מת גיכער לשון־נקבה).

נאָך דער באַדייטונג אַליין קענען מיר אַלזאָ אין דער יידישער שפּראַך נישט אַלעמאָל דערקענען דאָס גראַמאַטישע געשלעכט אַפילו פון די־יעניקע הויפּטווערטער, וואָס באַצייכענען בעלי־חיים. בלויז די עטלעכע מינים בהמות און עופות, מיט וועלכע דער מענטש האָט אָפט אַ מגע־ומשא, האָבן אין יידיש פּאַראַלעלע קענטיקע פאָרמען פאַר מין זכר און מין נקבה. די נעמען פון די אַנדערע בעלי־חיים, וואָס קומען פאָר זעלטענער אָדער וועלכע האָבן כלל נישט קיין באַדייטונג אין דעם מענטשלעכן לעבן, האָבן דעם גראַמאַטישן מין אומאָפּהענגיק פון זייער נאַטירלעכן געשלעכט. מ'קען דאָ אַפילו נישט אָנווענדן דאָס קריטעריום, וואָס מיר ווענדן אָן, למשל, אין העברעיש — אַז שטאַרקע און מוטיקע בעלי־חיים ווערן פאָרגעשטעלט אין לשון־זכר, שוואַכע און ציטעריקע — אין לשון־נקבה. אמת טאַקע, אויך אין יידיש זענען לייב, טיגער, לעמפּערט, וואָלף, בער, אָדלער לשון־זכר און טויב, בין, מילב — לשון־נקבה, אָבער דאָ האָט גיכער צו זאָגן די פאָרם פון דעם וואָרט, ווי די גרייס פון דעם בעל־חיים. דעם, וואָס איז געוויינט צו דער רוסישער פאָרם pantera וועט שווערלעך זיין צו זאָגן אין יידיש דער פּאַנטער; פּונקט אַזוי קען אַ ייד דעם נאָמען פון דעם קליינעם פייגעלע שוואַלב געברויכן אין לשון־זכר, ווייל דער אַמאָליקער סוף־ע אַלס סימן פון לשון־נקבה האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעריבן. און פּונקט אַזוי איז נישטאָ קיין אינווייניקסטער טעם, פאַרוואָס אין יידיש זאָל נאַכטיגאַל זיין לשון־נקבה, ווייבאַלד די פאָרם פון דעם וואָרט שיקט זיך אַזוי גוט אין לשון־זכר: דער נאַכטיגאַל! דער ראָב און די קראָ זענען דיפערענצירט בלויז לויט דער פאָרם פון די ווערטער, און הלוואי וואָלט אַ יידישער מענטש זיך אויסגעלערנט צו דערקענען זיי אין דער נאַטור!

וואָס איז שייך נעמען פון פּערזאָנען, האָט דאָס ליטווישע יידיש קיין שום פּיקפּוקים נישט בנוגע זייער גראַמאַטישן מין, געברויכנדיק אים בהסכם מיט דעם סעקסוס, למשל, דער מאַן — די ווייב, דער יינגל-די מיידל, דער בחור — די פריילין, דער שייגעצל-די שיקסעלע, דער ייִדל אאַז"וו. אָבער די נישט-ליטווישע דיאַלעקטן זענען אויך אין דעם פאַל אָפט געבונדן צו דער פאָרם, מעג זי באַשיינפּערלעך סותר זיין דער באַדייטונג.

קודם־כל איז אין אַלע יידישע דיאַלעקטן (אַחוץ דעם ליטווישן

אַלזאָ) פעסט אָנגענומען דאָס ווייב, הגם אפילו די דייטשע גראַמאַטיק קען זיך נישט דערקלערן דעם דאָזיקן מערקווערדיקן אַבסורד*)

אַחוצדעם זענען אַלע פאַרקלענערונגסווערטער אין די יידישע דיאַלעקטן נייטראַל (אַזוי אויך אין דייטש) און דערפאַר קומען אַרויס אַזעלכע סתירות צו דער ליטוויש-יידישער אויפפאַסונג, ווי דאָס ייִנגל, דאָס מיידל, דאָס בחורל, דאָס שייגעצל, דאָס שיקסעלע, דאָס יידעלע, דאָס מענטשעלע, דאָס הינטעלע, דאָס קעצעלע, דאָס הענדעלע אאַז״וו. וואָרעם אין ליטווישן יידיש האָבן די פאַרקלענערונגסווערטער דעם אייגענעם גראַמאַטישן מין, וואָס זייערע גרונדווערטער, למשל, דער ייִנגל (דער יונג), די מיידל (די מויד), דער מענטשעלע (דער מענטש), דער הענדעלע (דער האָן), די קעצעלע (די קאַץ) אאַז״וו. (דאָסגלייכן אויך—ביי נעמען פון זאַכן: דער טיש—דער טישל, די שטאָט—די שטעטעלע אאז״וו).

די ליטעראַטור-שפּראַך האַלט זיך נאָך אין דעם פּרט גאַנץ פעסט אָן דעם נישט-ליטווישן נוסח: דאָס ווייב, דאָס מיידל, דאָס ייִנגל, דאָס טישל אאַז״וו. אָבער בנוגע נעמען פון פערזאָנען וואָלט געדאַרפט אָנגענומען ווערן דער ליטווישער מער נאַטירלעכער נוסח, בפרט אַז ביים פאַרבייטנדיקן פּראָנאָמען איז אין די דאָזיקע פאַלן דער סעקסוס ווידער גובר איבער דער פיקציע פון דעם גענוס, למשל: „איז זי אַוועקגעגאַנגען צום טייך, דאָס מיידל הייסט עס״ (ש״ע)-און נישט: איז עס אַוועקגעגאַנגען צום טייך...

## דאָס געשלעכט פון זאַמלנעמען און שטאָפנעמען

נאָר איין קאַטעגאָריע הויפּטווערטער פון די, וואָס באַצייכענען נעמען פון זאַכן, איז פאַראַן אין יידיש, וואָס זייער גראַמאַטישער מין איז באַשטימט נישט דורך זייער פאָרם, נאָר דורך זייער באַדייטונג; דאָס זענען די זאַמלנעמען און די שטאָפנעמען.

דאָס געשלעכט פון די זאַמלנעמען און פון די שטאָפנעמען אין יידיש איז אָפּהענגיק שוין נישט אַזוי פון דער פאָרם, ווי פון דעם

*) דער שורש פון דעם דאָזיקן וואָרט wip—„באַגייסטערט זיין פון פּריסטער״— וואָרעם די פרויען ביי די גערמאַנען זענען געווען נביאהטעס — קלערט נישט אויף דאָס רעטעניש, פאַרוואָס ווייב זאָל זיין אַ נייטרום, ווי ס׳איז, למשל, דער פאַל מיט דעם וואָרט „דאָס פרויענצימער״, פון וועלכן מ׳ווייס, אַז לכתחילה האָט עס באַטייט „דער חדר פאַר די פרויען״, דערפון איז עס געוואָרן אַ זאַמלנאָמען פאַר עטלעכע ווייבס-פאַרשוינען און דאַן ערשט איז עס איבערגעטראָגן געוואָרן אויף אַ איינציקער ווייבלעכער פּערזאָן.

פאַקט, וואָס זיי באַצייכענען אַ קיבוץ (זאַמלנעמען) אָדער אַ מאַסע (שטאָפנעמען). אָבער אויך דאָ איז דאָ אַ נפקא-מינה אין דעם געברויך פון דעם ליטווישן דיאַלעקט פון איין זייט און פון די אַנדערע יידישע דיאַלעקטן (און אויך פון דער ליטעראַטורשפּראַך) פון דער אַנדערער זייט.

דער נישט-ליטווישער, אַלזאָ אָנגענומענער נוסח איז, אַז זאַמלנעמען און שטאָפנעמען געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון מיטעלן געשלעכט.

נעמען מיר די זאַמלנעמען. די צאָל זייערע איז בכלל אַ גאַנץ קליינע: דאָס פאָלק, דאָס מיליטער, דאָס חייל, דאָס פּובליקום, דאָס פיך, דאָס געווער, דאָס געצייג, דאָס מעבל א. אַנד.

פאַראַן אויך אַ פּאָר אויסנאַמען, למשל דער וואַלד, דער עולם, דער המון. אין מאַנכע איז אויך משפיע די פאָרם; למשל, די פאָלקסטימלעכע פאָרם פון דאָס פּובליקום וועט זיין די פּובליק (לויט דער אַנאַלאָגיע פון אַלע אַנדערע הויפּטווערטער אויף יק, וואָס זענען לשון-נקבה — די פאַבריק, די קריטיק; די נאָך מער סלאַוויזירטע, אָבער נישט ליטעראַרישע פאָרם מיט סוף-ע איז די פּובליקע, אַזוי ווי די פאַבריקע, די קריטיקע אאַז"וו). לשון-נקבה זענען אויך די זאַמלנעמען, וואָס ענדיקן זיך אויף ע, למשל, די טשערעדע.

דער ליטווישער דיאַלעקט, וועלכער ווייס נישט פון מיטעלן מין, געברויכט די זאַמלנעמען אין לשון-זכר, אויב דער באַגריף פון געזאַמלטקייט איז נישט אַזוי בולט, למשל, דער פאָלק, דער חייל (פּונקט אַזוי איז דער באַגריף פון זאַמלנאָמען נישט בולט אין דער וואַלד, דער עולם); דריקט אָבער דער זאַמלנאָמען זייער בולט אויס געזאַמלטקייט, פילצאָליקייט פון באַשטאַנדטיילן, דאַן פּאַסט עס דער ליטווישער דיאַלעקט אויף ווי אַ רבים, למשל, די פיך (אַ סך פאַרשיידענע בהמות), די מיליטער (אַ סך סאָלדאַטן), די מעבל (אַ סך מעבלשטיק), די געצייג (אַ סך אינסטרומענטן) אאַז"וו.

דער אונטערשייד צווישן אַזעלכע זאַמלנעמען, ווי למשל פאָלק, וואַלד פון איין זייט און פיך, מעבל פון דער אַנדערער זייט, קומט אַרויס נאָך בולטער, ווען מיר וועלן נעמען אין אַכט, אַז אין דער צייט, ווען פאָלק, וואַלד האָבן אַ מערצאָל – פעלקער, וועלדער, קענען מיר פון פיך, מעבל קיין מערצאָל נישט בילדן. פאָלק, וואַלד זענען גאַנץ זעלבשטענדיקע באַגריפן, וואָס האָבן נישט אַזאַ אויבנאויפיקע שייכות צו זייערע באַשטאַנדטיילן (איז אַ פאָלק בלויז אַ סך מענטשן, און אַ וואַלד—בלויז אַ סך ביימער?), אין דער צייט, וואָס

פיך, מעבל זענען מער געבונדן צו דעם באַגריף פון זייערע באַשטאַנדטיילן.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע זאַמלנעמען קען מען אַזוי קלאָר דיפערענצירן. למשל, דעם זאַמלנאָמען חייל קענען מיר אויך נעמען אין רבים — חיילות, און דער זאַמלנאָמען מיליטער האָט נישט קיין מערצאָל-פאָרם, הגם ביידע ווערטער באַטייטן כמעט איינס און דאָסזעלבע.

אָט דער דאָזיקער באַגריף פון פילצאָליקייט, ווי מיר האָבן אים אין אַזעלכע זאַמלנעמען, ווי פיך, אויבס אאַז״וו., האָט אויך באַשטימט דעם גראַמאַטישן מין פון די שטאָפנעמען אין ליטווישן יידיש: אין דעם דאָזיקן דיאַלעקט ווערן זיי געברויכט אין אַ ספּעציפישער מערצאָל-פאָרם, למשל: די ביר, די ברויט, די בלוט, די געלט, די פלייש, די זאַלץ, די חלב, די וואַסער, די אייזן, די קופער, די זילבער, די גאָלד, די שטאָל, די צין אאַז״וו אַנשטאָט דעם אוניווערסאַל-יידישן שטייגער: דאָס ביר, דאָס ברויט, דאָס בלוט, דאָס געלט, דאָס זאַלץ, דאָס חלב, דאָס וואַסער, דאָס אייזן, דאָס קופער, דאָס זילבער. דאָס גאָלד, דאָס שטאָל, דאָס צין אאַז״וו.

אַז דער אַרטיקל די אין אַזעלכע (ריין-ליטווישע) פאָרמען, ווי די ברויט, די געלט, די וואַסער אאַז״וו מיינט מערצאָל און נישט די פאָרם פון לשון-נקבה, איז צו זען דערפון, וואָס ער ווערט נישט געענדערט ביי דער בייגונג, למשל, פון די ביר, פון די ברויט, פון די געלט, פון די וואַסער אאַז״וו. וואָרעם וואָלט דער אַרטיקל די דאָ באַטייט דעם לשון-נקבה פון דער איינצאָל, וואָלט ער נאָך דעם פאָרוואָרט פון (ווי נאָך יעדן אַנדערן פאָרוואָרט) זיך געענדערט אין דער, אַזוי ווי מיר האָבן עס, למשל, אין אַזעלכע וואָרט-פאַרבינדונגען, ווי פון דער שוועסטער, פון דער שטאָט אאַז״וו. אַזעלכע פאָרמען ווי פון דער ביר, פון דער ברויט, פון דער געלט, פון דער וואַסער אאַז״וו קענען גאָר אין ליטווישן יידיש נישט געמאָלט זיין (אין די אַנדערע דיאַלעקטן זענען זיי נישטאָ, ווייל די געבראַכטע ביישפּילן זענען דאָרט פון מיטעלן מין, אַלזאָ: דאָס ברויט — פון דעם ברויט, דאָס וואַסער — פון דעם וואַסער אאַז״וו. זיי קענען אָבער יאָ געמאָלט זיין מיט די-יעניקע שטאָפנעמען, וועלכע זענען אַלס יוצאים מן הכלל אין די דאָזיקע דיאַלעקטן לשון-נקבה, למשל, די מילך — פון דער

מילך, די פוטער — פון דער פוטער, די טיי — פון דער טיי, די טינט — פון דער טינט א. אַ. וו.

ווען דער ליטוואַק אַלזאָ זאָגט די מילך און דער פויליש-וואָלינער זאָגט די מילך, איז עס דאָך נישט די זעלבע פאָרם: אין ערשטן פאַל איז עס רבים, אין צווייטען לשון-נקבה פון דער איינצאָל. פאַרן ליטוואַק וועט קלינגען משונהדיק אַזאַ כּאָרם, ווי „מיט דער פוטער אַראָפּ" (אָדער: אויף דער מילך — פאַלקאָוויטש, צו דער קאַווע — שלום-עליכם, מיט דער טיי). וואָרעם די פוטער איז ביי אים נישט קיין אויסנאַם פון די שטאָפנעמען, וואָס אָנשטאָט מיטעלן געשלעכט איז עס לשון-נקבה, נאָר אַזוי ווי אַלע אַנדערע שטאָפנעמען פאַסט ער זיי אויף אין רבים — די פוטער, מיט די פוטער אַראָפּ.

פאַרהאַן נאָך אַ ראיה, אַז די פאָרם, אין וועלכער דער ליטווישער דיאַלעקט געברויכט די שטאָפנעמען (און טייל זאַמלנעמען), איז אַ ספּעציפישע מערצאָל-פאָרם און נישט לשון-נקבה פון יחיד.

כידוע, ווערט דער צוגעהעריקייטס-פראָנאָמען (מיין, דיין, זיין, איר, אונזער, אייער, זייער) אין יידיש נישט פלעקטירט, אַלזאָ אויך נישט געענדערט לויט געשלעכט, ווען ער שטייט פאַר אַ הויפּט-וואָרט אין לשון-יחיד, למשל, מיין פאָטער, מיין מוטער, מיין קינדס (נישט מיינע מוטער, מיינעס קינדס) אאַז"וו. בלויז אין מערצאָל באַקומען די דאָזיקע פראָנעמען די ענדונג ע: מיינע, דיינע, אירע אאַז"וו.

ווען אַ צוגעהעריקייטס-פראָנאָמען ווערט פאַרבונדן מיט אַ שטאָפ-נאָמען, האָט עס לויטן נישטליטווישן נוסח די פאָרם פון איינצאָל, למשל, מיין געלט, מיין ביר, דיין ברויט, איר מילך אאַז"וו. אין ליטווישן דיאַלעקט ווערט אָבער ביי אַ פאַרבינדונג מיט אַ שטאָפנאָמען דער צוגעהעריקייטס-פראָנאָמען גענומען אין מערצאָל: מיינע געלט, מיינע ביר, מיינע ברויט, אירע מילך אאַז"וו.

די דאָזיקע ראיה איז באַזונדערס וויכטיק פאַר די דיאַלעקטן, וווּ דער אַרטיקל די ווערט בכלל נישט געבייגט, אפילו אין לשון-נקבה פון איינצאָל נישט, ווי, למשל, אין ווילנע: די שוועסטער, די שוועסטערס (אָנשטאָט דער שוועסטערס), פון די שוועסטער, מיט די שוועסטער (אָנשטאָט פון דער שוועסטער, מיט דער שוועסטער) אאַז"וו.

אָנשטאָט דער פּרווו מיט אַ צוגעהעריקייטספראָנאָמען קאָן מען דאָס זעלבע דערגיין מיט דעם פראָנאָמען אַזאַ, וואָס האָט אין רבים

די פאָרם אַ ז ע ל כ ע: אַ ליטוואַק וועט זאָגן אַזעלכע ברויט, אַזעלכע געלט, אַזעלכע ביר, אַזעלכע מילך, אַזעלכע וואַסער אאַז״וו אָנ־שטאָט אַזאַ ברויט, אַזאַ געלט, אַזאַ ביר, אַזאַ מילך, אַזאַ וואַסער אאַז״וו.

די פאָרם, אין וועלכער דער ליטווישער דיאַלעקט פּאַסט אויף די שטאָפנעמען (טיילווייז אויך—די זאַמלנעמען), איז אַלזאָ נישט קיין לשון־נקבה, נאָר אַ מין מערצאָל. אָבער קיין עכטע מערצאָל איז די דאָזיקע פאָרם פאָרט נישט, והראיה—דער פרעדיקאַט מוז ביי אַזעלכע הויפּטווערטער שטיין אין לשון־יחיד און קיינמאָל נישט—אין רבים, למשל, די געלט ל י ג ט אין אַלמער (נישט — די געלט ל י ג ן אין אַלמער), די מילך ל ו י פ ט (נישט—די מילך ל ו י פ ן), די מעבל א י ז צעבראָכן (נישט—די מעבל ז ע נ ע ן צעבראָכן) אאַז״וו.

אויך וועט דער פאַרבייטנדיקער פראָנאָמען נישט שטיין אין רבים, נאָר אין יחיד, און דווקא אין דער מיטעלער אומפערזענלעכער פאָרם ע ס , נישט אין דער פאָרם פון לשון־נקבה, למשל, די מילך לויפט, מ׳דאַרף עס אַראָפּנעמען; די זייף איז אַראָפּגעפאַלן, מ׳דאַרף עס אויפהייבן (אין פּוילישן יידיש, למשל — מ׳דאַרף ז י אַראָפּנעמען, מ׳דאַרף ז י אויפהייבן).

ווי ס׳איז אַלזאָ צו זען, איז די פאָרם, אין וועלכער דער ליט־ווישער דיאַלעקט געברויכט די שטאָפנעמען, אַ מין צווישנפאָרם צווישן לשון נקבה און מערצאָל, אַ מיטעלע פאָרם, וואָס פאַרטרעט דעם אין ליטווישן יידיש בכלל פעלנדיקן מיטעלן מין*).

(המשך קומט)

---

*) אויף וויפיל די דאָזיקע פאָרם איז מערצאָל, האָט זי אַ געוויסע אַנאַלאָגיע אין דער רוסישער שפּראַך, וואו מאַנכע הויפטווערטער, וועלכע באַטייטן אַ טיילעוודיקן שטאָף אָדער אַ מאַסע, וועלכע באַשטייט פון טיילן, ווערן געברויכט נאָר אין דער פאָרם פון רבים, אין וועלכער עס פילט זיך די באַדייטונג פון געזאַמלטקייט, קאָלעקטיווקייט, ווי, למשל d'eńgi, otrubi, drożżi (די קליען, די הייוון, די געלט) אאַז״וו.

צי האָבן עס די דאָזיקע רוסישע פאָרמען געווירקט אויף דער אויסבילדונג פון דער ספּעציפישער מערצאָל־פאָרם פאַר די שטאָפנעמען אין ליטווישן יידיש?

אין העברעיש, ווו די שטאָפנעמען ווערן אויפגעפאַסט אַלס איינהייט און גע־ברויכט נאָר אין איינצאָל, באַגעגענען מיר אויך אַ פ ר אָ ד ו ק ט ן־א ו ן ש ט י ק־ר ב י ם, ווי חטים, דמים.

# פאָנעטיק פון מזרח-גאַליציִשן יידיש

(באַזונדערס געמומען אין אַכט די מונדאַרט פון לעמבערגער האָיעחודשאַפט)

פון ד״ר יעקב ווילער (לעמבערג)

## פאָרבאַמערקונגען

### 1. דער שטים-אַפּאַראַט

ר ע ד ן אין ברייטערן זין פון וואָרט רופן מיר אָן אַלע מיטלען, מיט וועלכע באַשעפענישן פאַרשטענדיקן זיך, דהיינו ווונקען, זשעסטן וכו׳.

אין ענגערן זין באַטייט רעדן דעם קאָמפּלעקס קלאַנגען, וואָס ווערן אַרטיקולירט דורך די אברים פון שטים-אַפּאַראַט.

דער שטים-אַפּאַראַט באַשטייט פון פאָלגנדיקע אברים:

1) די ל ו נ ג ע ן. זיי פירן אויס די פונקציע פון אַ בלאָזזאַק, וואָס שטעלט צו די לופט, וועלכע טרעפט אָן, ביים אַרויסקריגן זיך פון די לונגען, אויף מניעות. די מניעות און זייער באַזייטיקן זענען אַ אומבאַדינגטער תנאי אויף צו געבוירען קלאַנגען. אָן די מניעות וואָלט די לופט אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן דורך דעם חלל פון מויל אָדער פון דער נאָז, נישט אַרויסרופנדיק אינגאַנצן קיין געהער-איינדריקן.

2) מיט די לונגען איז פאַרבונדן די ק ע ל. דאָ געפינען זיך די ש ט י מ - ס ט ר ו נ ע ס אָדער ש ט י מ ב ע נ ד ע ר, זייער עלאַסטישע איינריכטונגען, וואָס געבן אַרויס שטימען, ווען דער לופט-שטראָם מאַכט זיי צאַפּלען. די דאָזיקע צאַפּלונגען איז לייכט פעסט-צושטעלן, צולייגנדיק אַ פינגער צום האַלז ביים כראַקען אָדער רעדן. כדי אָבער די שטימען זאָלן קענען געבוירן ווערן, איז נייטיק, אַז די שטימבענדער זאָלן נאָרמאַל איבערלאָזן צווישן זיך אַ שמאָל שפּעלטל (אַזויגערופענער שטימשפּאַלט, Stimmritze). ביי שטומע זענען די בענדער תמיד פונאַנדערגעשיידט, קענען זיך נישט דער-נענטערן צואַנאַנדער. אין די בענדער קומען אויף נאָר שטימען (די אייגנטלעכע וואָקאַלן און די שטימען, וואָס באַלייטן די קאָנסאָנאַנטן).

3) פון דער קעל גייט דער לופטשטראָם איבער אין ח ל ל פ ו ן מ ו י ל.

א) ד ע ר ח ל ל פ ו ן מ ו י ל איז געדעקט מיט אַ דאַך (גומען) און האָט אַן אויסגאַנג צום דרויסן דורך די ליפּן. די וויכטיקסטע פונקציע אין דעמדאָזיקן חלל פירט אויס די צ ו נ ג. פון דער צונג

שטאַמט עס דער נאָמען פון לשון אַלס שפּראַך ביי אַלע פעלקער. פון דער ביבל איז באַקאַנט דער אויסדרוק, אַז ביי יציאת־מצרים האָט קיין הונט „זיך נישט געשאַרפט די צונג". די צונג איז באַהעפט מיטן באַזיס פון דעם מויל־חלל און שטעלט פאָר אַ מוסקולדיקן אבר, וואָס איז זייער באַוועגלעך און ענדערט אָפט זיין געשטאַלט; באַזונדערס איז פעיִק דערצו זיין פעדערשטער טייל. ער קען זיך מאַכן גראָב און אויך פלאַטשיק. ס'דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז איבער דעם באַוועגלעכן שפּיץ־צונג ליגט דער האַרטער, אומבאַוועגלעכער גומען, און איבער דעם ווייניקער באַוועגלעכן צונג־רוקן (הינטערשטער טייל) ליגט דער באַוועגלעכער (ווייכער) גומען, וואָס ווערט גערופן אויך „גומענזעגל" (Gaumensegel, velum palati). אויף דעמדאָזיקן „זעגל" געפינט זיך אַ שטאַרצנדיק אבר־ל, וואָס ווערט גערופן „צינגל" אָדער „צעפּל" (uvula). מחמת דער גומענזעגל איז באַוועגלעך, קען ער שלאַבריק נאָכהענגען, אַזוי אַז דער חלל פון מויל קריגט אַ פאַרבינדונג מיטן חלל פון דער נאָז, אָדער ליגן אויפן רוקן פון דער צונג אַזוי, אַז די לופט האָט אַ וועג צום דרויסן נאָר דורך דעם חלל פון דער נאָז.

אין דעם חלל פון מויל זענען חוצדעם אַ וויכטיקע מנ'עה די אייבערשטע און אונטערשטע ציין (אָן ציין איז שווער צו באַשאַפן ס, ז) און די ליפּן (די אייבערשטע און די אונטערשטע). קינדער געברויכן דערעיקרשט ליפּנקלאַנגען, ראשית דערפאַר, וואָס די ליפּן זענען שוין בטבע צוגעפּאַסט צום זייגן, און צווייטנס דערפאַר, וואָס, נאָכקוקנדיק די עלטערע, באַמערקן די קינדער פון גאַנצן רעדן די באַוועגונגען פון די ליפּן, וואָס זענען מיט גאָרנישט צוגעדעקט.

ב) אין חלל פון דער נאָז קומען אויף די נאָזקלאַנגען.

ביי די נאָזוואָקאַלן גייט די לופט אַרויס דורך דער נאָז, און די אַרטיקולאַציע קומט פאָר אין דער קעל; ביי די נאָזקאָנסאָנאַנטן אַרטיקולירן באַשטימטע טיילן פון דעם מויל־חלל, הגם די לופט גייט אַרויס דורך דער נאָז.

## 2. די אופנים פון אַרטיקולירן פאַרשיידענע קלאַנגטיפּן

1) וואָקאַלן ווערן אַרטיקולירט אין דער קעל, און נאָר זיי. די אַזויגערופענע „קעלקאָנסאָנאַנטן" האָבן צו דער קעל קיין שום שייכות נישט. דער נאָמען איז אַלזאָ אַ ריין היסטאָרישער. פאַר

די סעמיטישע שפּראַכן, אַקעגן־זשע, זענען געווען און זענען איצט אויך כאַראַקטעריסטיש קעלקלאַנגען.

2) קאָנסאָנאַנטן איז פאַראַן:

א) אויפרייסיקע (עקספּלאָזיווע, Verschlusslaut, Explosivlaut). זייער אייגנשאַפט באַשטייט אין דעם, וואָס די מניעה ווערט פאַרמאַכט פאַר דעם לופטשטראָם, דערנאָך צוריק געעפנט, און די לופט גייט דעמאָלט אַרויס אינדרויסן (שיסט אויס).

ב) רייביקע (ספּיראַנטן, Reibelaute). דאָ דערנענטערן זיך די אַרטיקולירנדיקע אָרגאַנען צואַנאַנדער, איבערלאָזנדיק אַ „שפּאַלט" צווישן זיך; די לופט, רוקנדיק זיך דורך דער מניעה, רופט אַרויס דאָס פאַר די ספּיראַנטן כאַראַקטעריסטישע „רייבן".

אין ערשטן און אין צווייטן פאַל אונטערשיידן מיר: שטימיקע קאָנסאָנאַנטן, וואָס ווערן באַגלייט מיט אַ שטים אין דער קעל, און שטומע, וואָס זענען בלויז גערוישן.

## יידישע פאָנעטיק

### אַלגעמיינע באַמערקונגען

באַ רויִקן אָטעמען שפּאַרט זיך די צונג אָן אויף די אייבערשטע ציין (הן אויף די שניידציין הן אויף די באַקציין). די הויפּטמאַסע אירע איז געווענדט צום פאָרנט פון דעם מויל־חלל, דער שפּיץ רירט אָן די אינעווייניקסטע זייט פון די אייבערשטע פעדערציין (דער פעדערטייל פון דער צונג איז אָפטמאָל אַזוי פעסט צוגעפּרעסט צום האַרטן גומען, אַז דורך דעם פלוצימדיקן אָפּרייסן די צונג פון גומען ביים רעדן אַנטשטייט דאָס סמאָטשקען, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יידן: דריקט אויס אָפּאָזיציע בנוגע צום קעגנער אין אַ שאַרפן וויכוח, אומצופרידנקייט. דער באַוועגלעכער גומען הענגט נאָך, די ליפּן זענען פאַרמאַכט, איבערלאָזנדיק נאָר אַ שמאָל שפּעלטל, ביידע שורות פעדערציין צונויפגעפּרעסט.

די ליפּן אַרטיקולירן מער אָדער ווייניקער בולט ביי פולע וואָקאַלן.

### A. — באַזונדערע קלאַנגען

#### a. – וואָקאַלן

§ 1. – איינצלנע וואָקאַלן.

1) i (קורצער י): – דער פעדערטייל פון דער צונג רירט אָן די אייבערשטע זוים פון די אונטערשטע ציין. דער הינטערשטער

טייל פון דער צונג (דער אַזויגערופענער ‚רוקן) געװעלבט זיך אויס און אַרטיקולירט אַקעגן דעם מיטלטייל פון האַרטן גומען. ביידע שורות ציין בלייבן אין דער נאָרמאַלער פּאָזיציע, נאָר די ליפּן אַנטבלייזן די ציין, די מוילווינקלען צאַפּלען דערביי. דער קורצער i האָט אין פּוילישן יידיש אַ טונקעלע פאַרפאַרבונג, אין רוסלענדיש־ליטווישן איז ער העל. — אויף אַ ענלעכן אופן אַנטשטייט דער לאַנגער i. נאָר די צונג ווייזט דערביי אַרויס אַ שטאַרקערע אָנשפּאַנונג, דער קלאַנג ציט זיך לענגער און האָט אַן אויסדריקלעך העלע פאַרב. די אונטערשטע ליפּ פּרעסט זיך שטאַרקער צו צו די אונטערשטע ציין, און די מוילווינקלען עפענען זיך.

2) e (קורצער ע): — דער רוקן פון דער צונג לאָזט זיך אַראָפּ פון דער פּאָזיציע, וועלכע עס פאַרנעמט ביים אַרטיקולירן i, און פאַרהאַלט זיך גלייך מיט דער שאַרף פון די אונטערשטע ציין. דער אונטערשטער קינבאַקן פאַלט אַראָפּ און די אונטערשטע ליפּ דערווייטערט זיך אַממייסטן פון די אונטערשטע ציין. — לאַנגער e (ê) ווייזט אַרויס אַ שטאַרקערע אָנשפּאַנונג פון דער צונג.

3) a (קורצער אַ): — די גאַנצע מאַסע פון דער צונג ציט זיך צוריק אין דער טיף פון דעם מויל־חלל און געוועלבט זיך אויס אַקעגן דעם מיטלטייל פון באַוועגלעכן גומען צווישן דער פּאָזיציע פון וואָקאַל u און דער פּאָזיציע פון וואָקאַל o. די ליפּן זענען דערביי אַממייסטן דערווייטערט פון זיך. דער עפענונגסווינקל צווישן די קינבאַקן איז דאָ דער גרעסטער. — לאַנגער a (â) שפּאַנט שטאַרקער אָן די צונג.

4) u: — הויך־אָנגעשפּאַנטער רוקן פון דער צונג אַרטיקולירט צום פעדערשטן ווייכן גומען. די ליפּען זענען פאַרקיילעכדיקט און אַרויסגעשטעלט פאָרווערטס. די ליפּן־עפענונג איז דאָ די קלענסטע.

5) o (קורצער): — הויך־אָנגעשפּאַנטער רוקן פון דער צונג ציט זיך צוריק ווי צום ווייטסטן הינטערווייכעך, צום הינטערשטן ווייכן גומען צו, גלייכצייטיק אַראָפּלאָזנדיק זיך אַ ביסל. די ליפּן ווייזן אַן אָוואַלע עפענונג. דאָס ליטוויש־רוסלענדישע יידיש האָט אַ פאַרמאַכטן o, דאָס פּוילישע אַן אָפענעם. — לאַנגער o (ô) קומט פאָר נאָר אין געציילטע ווערטער; צב״ש môt לעבן mouit (מויד).

6) דאָס מזרח גאַליציש יידיש האָט צווייערליי „שוא׳ען“. לויט זיווערס (Grundzüge der Phonetik[5], לייפּציג, 1901, § 280) ווערן ביידע אַרטיקולירט ביי אַלצאיינער צונגשטעלונג, וואָס איז די אייגענע, ווי ביי u, נאָר מיט דעם חילוק, אַז דער רוקן פון דער צונג

איז אַראָפּגעלאָזט און געפּינט זיך צווישן ווייכן און האַרטן גומען, און די ליפּן פאַרהאַלטן זיך רויִק, די צונג רוקט זיך אַרויס אַ ביסל צום פאָרנט פון וועגן דעם, וואָס איר רוקן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. וואָס שייך דעם איכות אונטערשיידט מען:

א) אַ שוא, וואָס איז ענלעך צו e. מ׳באַצייכנט אים: ə (ע). די קינבאַקן זענען דערווייטערט פון זיך ווי ביי קורצן i. צב״ש: gitə (גיטע), jidənə (יִידענע).

ב) אַ שוא, וואָס איז ענלעך צו a. מ׳באַצייכנט אים: ɐ (אַ). די שטעלונג פון דער צונג ווי אָנגעוויזן, דער אונטערשטער קינבאַקן לאָזט זיך קוים-קוים, כמעט נישט צום באַמערקן, אַראָפּ. צב״ש:. fûtɐ, mitɐ, brîdɐ, schwestɐ (פאָטער, מוטער, ברודער, שוועסטער).

§ 2. — נאָזוואָקאַלן

דער באַוועגלעכער גומען דערנענטערט זיך ממשותדיק צו דער צונג, אַזוי אַז דידאָזיקע וואָקאַלן אונטערשיידן זיך כמעט גאָרנישט פון דער פאַרבינדונג: וואָקאַל מיט נאָזקאָנסאָנאַנט. אהער געהערן:

1) â$^n$; צב״ש mâ$^n$sta, wâ$^n$schl (מײַנסטער, ווײַנשל);

2) ô$^n$ ; צב״ש wô$^n$sis (וואָנסעס);

3) ê$^n$; ê$^n$ (לעבן e) איז אַן אינטעריעקציע, וואָס דריקט אויס ספקות בנוגע צום גערעכט-זיין פון קעגנער;

4) û$^n$ ; צב״ש û$^n$nemen, û$^n$fâfn (אָננעמען, אָנפּײַפן);

5) î$^n$; צב״ש ɐhî$^n$fiR$_\eta$, „אַהינפירן“ (פאַרגלײַך § 20).

§ 3. — פּשוטע דיפטאָנגען

1) ej. דערדאָזיקער דיפטאָנג אַנטשטייט אַזוי, ווי די צוויי וואָקאַלן e און i באַזונדער גענומען, ד״ה תּחילת e, דערנאָך i. — אַנאַלאָגיש געשעט ביים דיפטאָנג aj (a+i), דערביי גייט די צונג פון דער הינטערשטער פּאָזיציע a איבער צו דער פעדערשטער פּאָזיציע i. — אין רוסלענדיש-ליטווישן פּאַסט זיך דער e אין דער גרופּע ej צו צום i, אַזוי אַז דאָס ערשטע גליד, דער e, איז פאַרפאַרבט ווי פאַרמאַכטער e.

2) ou: דער רוקן פון דער צונג גייט איבער פון דער פּאָזיציע o אין די פּאָזיציע u ; אויך די ליפּן ענדערן דערביי שנעל זייער שטעלונג, פון דער קלענסטער עפענונג אין אַן אָוואַלע עפענונג.

3) ɐu, əu — פאַרבינדונגען פון אַ קורצן פאַרמאַכטן (געשלאָסענעם) u (וואָס טרעט קיינמאָל נישט אויף זעלבסטשטענדיק) מיט די וואָקאַלן, וואָס זענען „שוא׳ען“, אַנטשטייען, ווען עס טרעפן זיך:

א) r+u (וואָס ווערט וואָקאַליזירט נאָר דאָרט, ווו עס איז ווע-לאַריש), צ"ב: pue (פּאָר); l+u, צ"ב: dus muel (דאָסמאָל);

ב) ch+u, n+u; צ"ב: buəch (דייטשיש Bach, דאָס טייכל Pełtew אין לעמבערג), fuən (פאָן).

4) ie, iə. – דאָס ערשטע גליד i איז אַ קורצער וואָקאַל מיט העלער פאַרפאַרבונג (וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן לאַנגן i); דאָס צווייטע – איינער פון די „שוואָ'ען" (זע פונקט 3); צ"ב: ie (איר), biəch (בוך).

5) אַ קעגנזאַץ צום דיפטאָנג ía, וואָס איז באַטאָנט אויפן ערשטן גליד, איז דער דיפטאָנג ié; צ"ב: â-ié (איַער), וואָס ווערט אַל-געמיין אויסגעלייגט â-je.

## § 4. — נאָז-דיפטאָנגען

צונויפגעשטעלט אויף דעם אייגענעם אופן ווי די געוויינטלעכע דיפטאָנגען, צייכענען זיי זיך אויס בנוגע צו זייערע גלידער דערמיט, וואָס נאָר דאָס צווייטע איז נאַזאַלירט, דאָס ערשטע איז אַ ריינער וואָקאַל. אייגנטלעך איז נאָזדיפטאָנג—פאַרבינדונג פון אַ געוויינטלעכן וואָקאַל מיט אַ נאָז-וואָקאַל.

צו די נאָז-דיפטאָנגען געהערן: a$^{in}$, o$^{un}$; צ"ב: amma$^{in}$stn (אַממיינסטן), bro$^{un}$fn (בראָנפן). – דער באַוועגלעכער גומען (velum) פאַלט אַראָפּ נאָך דער אַרטיקולאַציע פון ערשטן גליד צו דער צונג צו.

אויסטערליש איז, וואָס נאָזוואָקאַלן טרעטן אויף פאַר די ספּי-ראַנטן f, s, און אויך sch [ש] (wa$^{n}$schl)[1].

## § 5. — דרײַקלאַנגען

דרײַקלאַנג איז אַ איינזילביקע פאַרבינדונג פון דריי וואָקאַלן (Sievers, Grundzüge der Phonetik, § 425). דאָס מזרח-גאַליצישע יידיש האָט דרייערליי דרייקלאַנגען, דהיינו:

a) oui (אַלגעמיין אויסגעלייגט oj). די צונג גייט דירעקט איבער פון דער פּאָזיציע o דורך דער פּאָזיציע u צו דער פּאָזיציע i (די בוקאָווינער יידן האָבן שטאָט דעם אַ דיפטאָנג: uj);

b) oue (ד"ה ou פאַר r, l), צ"ב: poue (פויער), mouel (מויל);

c) ouə; צ"ב: bouəch (בויך).

---

1) אויספירלעך ווערט דערדאָזיקער פענאָמען ארומגערעדט און דערקלערט אין ערשטן באַנד פון נח פּרילוצקיס „מאַמע-לשון" (וואַרשע 1924). — די רעד'

## b. — קאָנסאָנאַנטן

### § 6. — l (ł)

1) דער שפּיץ־צונג שפּאַרט זיך אָן אויף דעם צאָנפלייש פון די אייבערשטע פעדערציין. די זייטנרענדער פון דער צונג רוקן זיך אָפּ פון די באַקציין, דורכלאָזנדיק דעם לופטשטראָם דורך די דורכגענג, וואָס בילדן זיך אויף אַזאַ אופן.

2) דאָס אוקראַינער יידיש האָט אַ וועלאַרן l (אויף פּויליש באַצייכנט מען אים: ł): די גאַנצע מאַסע פון דער צונג ציט זיך צוריק אויף הינטערווײַלעכץ; דער רוקן אירער הייבט זיך אויף צו דער ליניע צווישן האַרטן און ווייכן גומען, אָננעמענדיק די פּאָזיציע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די וועלאַרע קאָנסאָנאַנטן; די זייטנרענדער פון דער צונויפגעפּרעסטער (זיך גראָב געמאַכטער) צונג בילדן די צווייזייטיקע עפענונגען, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם קאָנסאָנאַנט l.

3) פּאַלאַטאַליזירטער l (אויף פּויליש באַצייכנט: l). די אַרטיקולאַציע ווי ביי געוויינטלעכן l. נאָר דער שפּיץ־צונג שפּאַרט זיך אָן אויפן ראַנד [אויף דער שאַרף] פון די אייבערשטע פעדערציין, דער מיטלטייל פון דער צונג־מאַסע רירט אָן דאָס צאָנפלייש פון די אייבערשטע ציין, און ערשט אָנהייבנדיק פון דעמדאָזיקן מיטלטייל בילדן די זייטנרענדער די דורכגענג פון ביידע זייטן.

### § 7. — R, r.

1) „דער צונגרוקן הייבט זיך אויף צום באַוועגלעכן גומען. לענגאויס דער אַקס פון דער צונג בילדעט זיך אַ פאַרטיפונג ווי אַ מולטערל, אין וועלכן דאָס צעפל (uvula) פירט אויס באַוועגונגען ווי אַן צומרו“ (זיווערס § 307). — ווען מ׳פאַרהיפּערט צו מאַכן ס׳מולטערל, קריגט דער R אַ כאָרכלענדיקן כאַראַקטער. — וועגן שטומען R פאַרגלייך § 11 פונקט 3.

2) r זעען מיר אין רוסלענדיש־ליטווישן יידיש. דער שפּיץ פון דער צונג, אין פאָרם פון אַ אויסערגעוויינטלעך דינעם פאַרפלאַטשיקטן הייטל, לייגט זיך צו צום צאָנפלייש פון די אייבערשטע ציין, דער לופטשטראָם רייסט אים אַוועק, און דער שפּיצצונג קערט זיך אום צו דער פריערדיקער פּאָזיציע אויפן שטייגער פון עלאַסטישע הייטלעך (אויף אַ פּויק למשל), מיט קלאַנגען, און דערדאָזיקער פּראָצעס חזרט זיך איבער. דערפון נעמט זיך אַ וואָרטשען ביי דעמדאָזיקן r.

§ 8. — נאָז־קאָנסאָנאַנטן

דער חלל פֿון מויל און דער חלל פֿון נאָז זענען נישט פֿאַר־בונדן. דער באַוועגלעכער גומען איז אינגאַנצן אַראָפּגעלאָזט אויפֿן צונגרוקן און פֿאַרמאַכט גוט דעם חלל פֿון מויל, אַזוי אַז דער לופֿט־שטראָם גייט פֿון די לונגען אַרויס דורך דער נאָז.

a) דערבײַ אַרטיקולירן די ליפּן, אַרויסגעבנדיק דעם קלאַנג m;

b) אָדער דער שפּיץ־צונג שטעקט צווישן די אייבערשטע און אונטערשטע ציין, קומט אַרויס אינטערדענטאַלער n;

c) די צונג פֿאַרנעמט די פּאָזיציע פֿון l, נאָר אָן די זײַטן־דורכגענג, קומט אַרויס ń (פּאַלאַטאַליזירטער n). „די צונג איז פֿלאַ־טשיק און דריקט זיך צו מיט דער גאַנצער לענג צום האַרטן גומען, ביז צום ווייכן צו, און נאָך דער אַרטיקולאַציע רײַסט זי זיך מיט־אַמאָל אָפּ פֿון גומען" (פֿאַרגל' O. Bremer, Deutsche Phonetik, לייפּציג 1893, ז' 63);

d) ŋ (נאַזאַלער n) איז אַ נאָז־קאָנסאָנאַנט, וואָס שטייט פֿאַר די וועלאַרע קאָנסאָנאַנטן. דער צונגרוקן פֿאַרמאַכט דעם חלל פֿון מויל, צודריקנדיק זיך צום מיטלטייל פֿון האַרטן גומען.

§ 9. — ליפּן־קאָנסאָנאַנטן

1) p: שטומער אויפֿרײַס־קאָנסאָנאַנט (stimmloser Ver-schlusslaut), בילאַביאַל, אַנטשטייט צווישן ביידע ליפּן. נאָך דער אַרטיקולאַציע עפֿענען זיך די ליפּן אינדערמיט.

2) b: די שטימיקע פּאָר צו p.

3) f: צאָנליפּנדיקער (לאַביאָדענטאַלער) רײַבקלאַנג (ספּיראַנט). די אונטערשטע ליפּ דריקט זיך צו צום אונטערשטן ראַנד פֿון די אייבערשטע ציין, אַזוי אַז אינדערמיט איז דער וועג אויסן מויל פֿאַרמאַכט, און נאָר פֿון ביידע זײַטן בלײַבן עפֿענונגען, דורך וועלכע דער לופֿטשטראָם גייט אַרויס.

אָנמערקונג. — ביים אַרויסרעדן דאָס דײַטשישע pf ווערן ביידע געריוישן אַרטיקולירט צווייליפּנדיק (בילאַביאַל).

4) v איז שטימיקער f;

5) w: בילאַביאַלער ספּיראַנט אין פֿאַרבינדונג מיט c; צ״ב: cwischn (צווישן), cwaj (צוויי); דער רײַב איז דאָ אַ סך שוואַ־כער ווי אין vâs (ווײַס), vouil (ווויל).

### § 10. – צאָן־קאָנסאָנאַנטן

1) אויפרייסיקער, שטומער t ווערט געבוירן אינטערדענטאַל (האַלטנדיק די צונג צווישן די ציין). שוין זיווערס § 150 מאַכט דערויף אויפמערקזאַם ווי אויף אַן אייגנשאַפט פון יידישן t. — אין פאַרבינדונג מיט s, sch (ס, ש) ווערט דער t באַשאַפן אויף אַזאַ אופן, אַז די צונג ציט זיך צוריק און אַרטיקולירט צום צאָנפלייש פון די אייבערשטע ציין (זיווערס § 136).

2) d: שטימיקער אינטערדענטאַלער קאָנסאָנאַנט.' — פאַר z און ż (ז, זש) ווערט ער אַרטיקולירט ווי t פאַר ס, ש (אַלוועאָלאַר – alveolar); צ״ב: gendzl (גענדזל), dżawe (שאַווער, זשאַווער).

3) s (ס): שטומער, הינטערצאָניקער ספּיראַנט. אינמיטן דער צונג בילדט זיך אַ נישט־טיף רינוועלע. די ציין זענען צונויפגעפּרעסט. די ליפּן ווייזן דיזעלביקע עפענונג ווי ביים וואָקאַל o, דערביי לאָזט זיך באַמערקן אַ צאַפּל פון די מוילווינקלען.

4) z (ז): שטימיקער s (ס).

5) sch (=דייטש sch, פויל' sz, =ש): די צונג ציט זיך צוריק הינטערוויילעכץ; צווישן דער מיט פון דער צונג און דעם פעדערשטן האַרטן גומען שאַפט זיך אַ ענגער דורכגאַנג (Enge), וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די סאָנאַנטן; דער מיטלטייל פון צונג איז איינגעקנייטשט אין פאָרם פון אַ רינוועלע; דער פעדערטייל פון דער צונג הענגט אַראָפּ, און איר שפּיץ שפּאַרט זיך אָן אויפן אינעווייניקסטן ווענטל פון די אונטערשטע ציין; די ליפּן זענען אַרויסגערוקט צו פאָרנט צו אין פאָרם פון אַ קעסעלע, אַזוי אַז די ציין מיטן צאָנפלייש זענען אַנטבלייזט.

6) ż (זש), וואָס נעמט זיך פון סלאַווישן (צ״ב: אין żabə, זשאַבע): שטימיקער sch (ש).

### § 11. – וועלאַרע קאָנסאָנאַנטן (אַזויגערופענע „קעליקע“)

1) k (ק). — ווען דער קאָנסאָנאַנט דאַרף אַרויסגערעדט ווערן פאַר די פעדערשטע וואָקאַלן e, i, פאַרמאַכט דער צונגרוקן דעם חלל פון מויל, צודריקנדיק זיך צום מיטלסטן האַרטן גומען, ס'איז אַלזאָ אייגנטלעך אַ „פּאַלאַטאַלער“ קאָנסאָנאַנט; פאַר די הינטערשטע וואָקאַלן a, o, u אַרטיקולירט דער צונגרוקן אין די געהעריקע פונקטן פון חייכן גומען (פאַר a, u), אָדער אויף דער גרענעץ פון האַרטן און ווייכן גומען (פאַר a).

2) g (ג): שטימיקער k, אַרטיקולירט פּאַלאַטאַל פאַר e, i און וועלאַריש פאַר o, u, a.

3) ch (כ): שטומער ספּיראַנט, ווערט אַרטיקולירט, לויט דעם וואָקאַל נאָך, וואָס גייט נאָך אים, אויפן האַרטן אָדער ווייכן גומען (פּרגל׳ פּונקטן 1 און 2). דאָס כאָרכלען ביי דעמדאָזיקן ספּיראַנט נעמט זיך דערפון, וואָס גלייכצייטיק צאַפּלט דאָס צעפּל (uvula). ס׳איז, אַלזאָ, אַ אינטערעסאַנטע קאָמבינאַציע: ch מיט „שטומען" צעפּל־R (זע § 7). דערדאָזיקער ספּיראַנט איז אַ ספּעציעלער כאַראַקטעריסטישער סימן פון יידיש (און בכלל פון די סעמיטישע דיאַלעקטן).

אָנמערקונג 1. – x (דייטשישער ich־קלאַנג): דער צונגרוקן שאַפט מיטן צאָנפלייש פון די אייבערשטע ציין דעם ענגן דורכגאַנג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ספּיראַנטן (ענלעך אין זאַקסן; פּרגל׳ ברעמער 78). – ביים מחבר קומט דער פעדערשטער טייל פון דער צונג אין באַרירונג מיט דער אָפּגעלענטער אונטערשטער ליפּ. אַנדערע שאַפן דעם ענגן דורכגאַנג מיט דער הילף פון פעדערשטן צונגטייל און דעם צאָנפלייש פון די אייבערשטע ציין, דער פעדערשטער טייל פון דער צונג באַרירט דערביי די אינעווייניקסטע זייט פון די אייבערשטע ציין. – דערדאָזיקער קלאַנג שטאַמט פון דייטשישן.

אָנמערקונג 2. – דער צעפּל־R וואָלט געקענט באַטראַכט ווערן אַלס שטימיקער ספּיראַנט (אַקעגן שטומען ch); פּרגל׳ § 7.

## § 12. — h (ה)

ס׳איז אַ שטומער ספּיראַנט. טייל רוסישע יידן האָבן אים נישט, מחמת אין דער רוסישער שפּראַך פאַרטרעט אים דער קאָנסאָנאַנט g (צ״ב: gilzy פון דייטש׳ Hülse). די פאָרם פון מויל־חלל פּאַסט זיך צו צום וואָקאַל, וואָס גייט נאָכן h.

## § 13. — שטימיקע און שטומע קלאַנגען

1) די שטימיקע אויפרייסקלאַנגען און ספּיראַנטן הייבן זיך אָן שטום, און ערשט נאָך דעם, ווי עס באַרירן זיך די צוויי געהעריקע טיילן פון מויל־חלל (אים צו פאַרמאַכן), עווענטועל נאָך דעם, ווי זיי בילדן דעם ענגן דורכגאַנג, קומט אויף די שטים, וועלכע דויערט אפילו נאָך דעם, ווי דער מויל־חלל עפנט זיך צוריק, עווענטועל נאָך דעם, ווי דער שמאָלער דורכגאַנג ווערט בטל.

2) די שטימיקע b, d, g ווערן אָן וואָרט־אויס אָדער פאַר שטומע קלאַנגען די שטים, איבערגייענדיק אין p, t, k; אַנאַלאָגיש פאַרוואַנדלען זיך ביי די אייגענע באַדינגונגען די ספּיראַנטן v, z, ż אין f, s, sch (ש). אַקעגן זשע ווערן שטומע שטימיק פאַר וואָקאַלן און סאָנאַנטן.

צ״ב: אויפרייסיקע: kluk (קלאָג), „klukt ɐ“ (ער קלאָגט), אַקעגן klug, „klug że“ (קלאָגן, קלאָג־זשע); lâp (לײַב), lâbɐ (לײַבער); „lejpt ɐ“ (ער לעבט), „lejb mɐ“ (לעב מיר); lant (לאַנד), lendɐ (לענדער); zîd͈ (זידן), „zîd ouəs“ (זיד־אויס, צ״ב: „an aj“), מ״צ „zits ouəs“ (זידטס אויס).

ספּיראַנטן: Rojs (Rojzn): Raizl; „loz əɯ gəmach“ (לאָז אים געמאַך), „loz nischt“ (לאָז נישט), „chloz dech“ (כ׳לאָז דיך), אַקעגן זשע, „los toubən gajn“; – prîvn: gəpRîft; bRîf: bRîvl; hîżik: h̑sch. צווישן ts און dz קומט פאָר באַשטענדיקער טויש; צ״ב: ints: indzɐ, gants: gendzl.

(סוף אין צווייטן העפט)

---

# שפּעט־לשון

## פֿון נח פּרילוצקי (וואַרשע)*

§ 1. – דאָס פֿאָלק רעדט קערנדיק און מאָלעריש. די ווערטער זענען געטוקט און וואָגיק. אינהאַלט און פֿורם אָנגעמוסטען ווי האַנט און הענטשקע. דאָס אַליין איז שוין אַ סגולה קעגן לאַנגווײַליקייט אָדער „נודנעקײַט“, ווי מ׳רופֿט עס אין ווילן.

אַ גלײַכווערטל איז אַן אָפטער און ליבער גאַסט, וואָס לעבט נאָך מער אויף ס׳געוועב פֿון די רייד. אַ וויץ, אַ שטעכווערטל, אַ שפּילקעלע, אַ הלצה נישט פֿון די יקר־המציאות׳ען: פֿײַערלעך, דורך וועלכע ס׳געמיט לוזט זיך זען.

דאָס פֿולק שאַפֿט די שפּראַך, און דער מײַסטער איז האַר איבער זײַן ווערק. פֿאַרן קינסטלער עקזיסטירען נישט קיין ווערטגרעבעצען. איז פֿאַר דער שטימונג, פֿאַרן אַפֿעקט צו ענג דער אַלטער געווינטלעכער וואָקאַבעל, ווערט ער איבערגעשמולצען ווי אַן אָפּגעריבענע מטבע, און אויס שיסט אויס דער פֿאַרדרוס, דער כעס, די פֿאַרביטערונג, דאָס עגמת־נפֿש, די פֿאַראַכטונג, דער ביטול אָדער די פֿריילעכקייט, די איראָניע, דער שפּוט, דער סאַרקאַזם, דאָס ליצנות מיט אַ נײַגעגאָסענעם אויסדרוק, וואָס לייזט אויף די אָנשפּאַנונג פֿון געפֿיל, באַפֿרידיגט דאָס אָדער יענץ פּסיכיש באַדערפֿעניש.

---

*) דאָס אַרטיקל איז לויטן פֿאַרלאַנג פֿון מחבר געזעצט מיט זײַן אייגענער אָרטאָגראַפֿיע. רעד׳

פֿורעמס פּעלען נישט אין דער כישופֿלאַבאָראַטאָריע פֿון דער שפּאָנטאַנער פֿאָלקסטימלעכער ווערטשאַפֿונג. אַף פֿאַרשידענערליי אופֿנים ווערען געגאָסען די גלידער פֿון דער משפּחה, וואָס איך גיב איר דאָ דעם נאָמען: ש פּ ע ט ־ ל ש ו ן [1]. —

## I. מאָרפֿאָלאָגישע עפּעמערידען.

§ 2. ‏–1) א. בערנשטיין, „יידישע שפּריכווערטער און רעדענס־אַרטען", נ. 918: „געלט־שמעלט! אָבער איז דען שמעלט געלט?" — ש. בערנשטיין, „מאַגאַזין פֿון יידישע לידער" (וו. 1880) 69: „געלד איז נים קיין שמעלד". — ש. בערנשטיין, „ר' יאָחצע דל גאה" (קישענ. 1887) 14: „עט בייא אונז שפּילט געלד גאָר נים אַזאַ גרויסע ראָלע, געלד שמעלט אויך אַ וועלט, געלד איז קיילעכדיג".

2) ממ"ס, „דער פּריזיוו" (פּעטערבורג 1884) 40, דיאַלאָג: „עפּיס רחמנא־ליצלן טערקיש!..." — „ט ע ר ק י ש צי שמערקיש אַנדערש קען עס נישט זיין"...

3) דורט 48, זאָגט שפּרינצע: „האַ?... יאָ! פּייבוש איז היינט אַריינגעקומען... וואָס האָסט־דוא זיך אַזוי פֿאַרקרימט, שמחה?"–ענטפֿערט שמחה: „מילא, עט... פּייבוש־שמייבוש!"...

4) דורט 25: „געמיינט: עט־שמעט הפקר אַ וועלט"...

5) י. י. לינעצקי, „דאָס משלחת" (זש. 1875) 14: „וואָס ניצט מיר דיין שמיגראַפֿי, אויף סים סאָט [2] כפּרות! אַפּנים דיא שמיגראַפֿי ווייסט שוין בעסער פּינ'עם של"ה הקדוש?" (שפּעט יידעל כניוק). — ד. ה. ג ע ו ג ר אַ פֿ י ע.

6) ש"ע, „יוסעלע סאָלאָוויי" (פּ.־ב. II) 170: „טהו אַ קוק, אַלטער, יאַבער וואָסער אַ סחורה די דינגסט זיך נאָך אויף אַזעלכע

---

1) דעם טערמין נאָש איך פֿון ישראל אַ ק ס ע נ פֿ ע ל ד ס זע זיין „געגנאַרטע וועלט" 75: „טריינע (פֿון איבערוועניק מיט אַ ש פּ ע ט ־ ל ש ו ן): „אַוודאי'..." —

2) ד. ה. סימסוט; אוקראיניש simsot ‏(700)

„די געגנאַרטע וועלט" פֿון י. אַקסענפֿעלד 89: „היינט דאַרף איך איהם אַף טיסציע כפּרות". — רוסיש: tysjacza, tysjaszcza ‏(דאַל' IV).

אין וואַרשע: „כ'דאַף זאי אויף אַ ראַינאַ שאַינאַ גאַפּאָראַ, אויף טישונצאַ רונצאַ גאַפּאָראַס". — „סערקעלע" 28: „איך באַדאַרף אים מיט דיר אויף טישאָנצע כפּרות". — פּויליש: tysiące (טויזענטער), gorące (הייסע).

קרעמענעץ: „אויף טישאַ נאַנציק כפּרות" (ד. ה. „תשעה"=9).

אין שעדלעץ: „ס'טויג אף אַכצן שוק כפּרות". —

פִּיפּצִיג ווערעמִיגע שמאַרדאָוואַנצִים"[1]. – שטאָט קאַרבאָוואַנצעס" (אִין דִי יִיד. ווערטערבִיכער נִישט רעגִיסטרִירט).

פִּיסק.: karbowanecj (זִילבערנער רובעל מִיט קאַרבען אַפ'ן ראַנד); דאַל' II: karbowaniec (קערבעל, זִילבערנער רובעל); פוו"ב II: karbowaniec (מונדאַרטלעך).

7) דוד זאַהִיק, „דִיא ראָזע צִיווִישען דערנער" (פּעטרִיק. 1884) 37, דאָס שנײַדערעל זאָגט: „אִיהר האָט מִיך גִיבעטען, אַז אִיך זאָהל נײַען נאָך דער מאָדע, האָב אִיך געמאַכט מִיט אַ טאָנִיק, וואָרום הײַנט נײַטמען אַזוי". — שרה־דוווסי: „שנײַדעראַק! הִילטײַא! דראַבן! וואָס מִיר שמאָנִיק, ווער מִיר פּאָנִיק... נאַ דִיר אַ קלײַד מִיט אַ שמאָנִיק"...

האַרק: טוּנִיק (=tunic, וואָס ווערט באַ האַרקאַווי II פאַר־טײַטשט: אַ טוּנִיק, אַן אונטערקלײַד, אַן אַלטרײַמִישער לײַברוק).

פוו"ב VII: tunika, = 1) אונטערקלײַד (אִין אַלטערטום); קלײַד אונטער'ן אורנאַט; 2) אַ מִין קורץ קלײַדעל (ספּודנִיצע)־דראַפּעריע, אָנגעטון פון פרויען אַפ'ן קלײַד. – פון לאַטײַן. tunica = אונטער־קלײַד, העמד, קִיטעל.

8) דורט 49: „לאָז זוך דִיר נִיט גלוסטען קײַן נאַרעשקײַט. וואָס מִיר העפּטען? ווער מִיר שמעפּטען?"

9) אַ רענדאַר, דערצײַלט מען אִין וואַרשע, הוט זִיך נאָכגע־פרעגט, וואָס זײַן פאָטער מאַכט.—„ער אִיז נפטר געוורען", הוט מען אִים אָנגעזאָגט דִי טרויעריקע בשורה. – „נִיפּטו, שמִיפּטו, אַבִי אַ לעיפּט!" האָט זִיך אָנגערופען דער עם־הארץ.

10) אִין עלזאַס־לוטאַרִינגען: „Hâligi Schmaria", „Hâligi Schnaria", — טראַוועסטִיע פון „heilige Maria"[3].

11) עוזר בלאָשטײַן, „דִיא שטאַדט־רויבער" (ווִילנע 1881) I 43: „פע חלשות! לִיבע, שמִיבע, פִּיבע, פע! אִיך קען דאָס נִיט הערִין"..

---

1) דער d שטאָט b מסתמא דערשײַנונג, פון וועלכער ס'אִיז דִי רײַד המסטער אִין קאַפּיטעל IV,—אודער אפשר אִיז דאָ בכלל אָנלעגונג אַף דאָס אַלטפּוילִישע szmard (פוו"ב VI), = דעם אַלטפויל. smard, „געשטאַנק, מיאוסקײַט"? (ווען יו, ווולט דער ווּקאַבעל געהערט צו קאַפּיטעל III).—

2) באַטוֹנט דִי צווײַטע זִילב, און דערִיבער דִי דרִיטע זִילב אַרויסגערעדט, אײַגענט־לעך, מִיט ə.

ש. לעדערער (אויס לעבעם), „דִיא צִיגײַנער" (ווִיל. 1897) II 61: „רוסִישע זעקס קאַרבאָוונִיצעס". — מִיט מעטאַטעזִיס: ־נִי־ שטאָט ־יִנ־ (־nə־).—

3) Emmanuel Weill, Le yidiscn Alsacien-Lorrain. Paris 1921.—71

12) ג. ח. לעווּנער, „דיא באַשערטע פּאָר" (ווילנע 1898) 18 „אי וואָס ער איז ניט רײַך, ער האָט זײַן גאַנציִן איײגינס ‹אַטויזענט שקאַרבאָווענצעם› ... נו... וועט ער שוין ווערען רײַך"... — פאַרגלײַך פּונקט 6.

13) אין וואַרשע הוב איך געהערט: „שטיצא - מיצא!"; „דינטוירא וואן[1] — מוירא וואן!".

14) אין וואַרשע: שוויעטשארא (=וויעטשערע[2]).— דרילטש (קרײַזשטאָט אין ראָדעמער קאַנט): שווילטאָק (=ווילטאָג). —

§ 3. — 1) דער קונסונאַנטישער אָנקלאַנג פון וורט ווערט פאַר־ביטען אף שמ־, אודער וואַקסט־צו צום וואָקאַלישען אָנקלאַנג, ווערט דעם וואָקאַבעל צוגעגעבען דער כאַראַקטעריסטישער ניואַנס: ביטול, הוזק, פאַראַכטונג, באַליידיגונג.

2) דידוזיקע בילדונגספורם איז זייער פּופּולער.—„ווען וועסטא מש אָגיבם ס'ביכל[3]?" — „טשעפּא זשך אָפּ פּי מיש[3]! נאַ דש גאָ: ביכל[3], שמיכל[3]!" — — „גימש ש אַנטשך!", דערקוטשעט א קינד דער מאַמען.—„וואָס פּשדרעיסטא מש דאם קופּ! אַנטשך, שמאַנ־טשך!", איז דער בייזער ענטפער פון דער נישט אויפגעלייגטער מוטער. — — „אוסצשך אַלעין גאזאָקט!!" — „וואָס מש גאזאָקט, גאשמאָקט!" (די אַלע בײַשפּילען אין ק־עמעניצער טראַנסקריפּציע).

3) די בילדונגען פון דעם מין זענען מומענטאַנע, געשאַפען פאַר'ן געברויך פון אויגענבליק, און לוזען נישט איבער נאָך זיך קיין שפור אין ווערטערבוך. — בלויז שמעלט הוט זיך אָפּגעשטעלט אַלס רעאַלע נײַבילדונג, פון וועגען אופטען באַנוצט־ווערען.—אין וואַר־שע אויך: שמיגו[3] (=שוויגו[3]=שוויגער), שמעיגארן (=שווע־גערין), שמוקולאַדא (=טשאקוליאַדא); אין דרילטש: שמעיגארן, שמעטשארא. — אין טשעמערניק (לובלינער קאַנט, לעווערט. ק.): קאַרטן־שמאַרטן.

4) דײַטשמעריש שטאַמט פון דייטשעריש: נאָכ'ן ־ש־ איז אַרײַנגעשטעלט געווורען א ־מ־, און די גרופּע ־שמ־ טראָגט עס אַרײַן אין דעם וואָקאַבעל די פאַרב פון הוזק (זע מײַן „געוועט" I ז. XLVII). — לויט אַנאַלוגיע מיט דײַטשמעריש איז אַנטשטאַנען פּראַנצייזמעריש (דאָ ברענגט דער ־m־ אַרײַן דידוזיקע פאַרב). —

1) = דין־תּורה'ווען (ווערב), ד. ה. „האָבען דין־תּורות" אודער „פּאַרלירען צײַט אף א דין־תּורה".—

2) זע מײַן „געוועט" I 1.—„ס'מעשה צדקה" (וו. 1843) ג': „עסט וועטשער:".

3) מיט לאַנגען i.—

„דיא קאָמישע חתונה פאָן שמענדריק מיט דיא כלה" 5: „האָט זי גירעט מוט אַדייטש דייטשמערוש, צו פראַנצויזמערוש" — „אבן נגף" 240: „דוקא אַ הײַנטוועלטיגע מיט פראַנצויזמעריש". — אין בעלעם (טײַלט מיר מיט ה' משה לערער) ווערט פראַנציזיש־מעריש זייער אופט געברויכט ליצנותדיק וועגן דער פראַנציזישער שפראַך. —

§ **4.** — 1) אַלס ביימיטלען, לעבען שמ־, קומען־פור אין די דרוקקוועלען: p= (§ 2 פונקט 7), f= (§ 2 פ. 11).

2) ס'קומען־פור אויך בילדונגען מיט ש־, וואָס וואַקסט־צו צום קונסונאַנטישען אָנקלאַנג (§ 2 פ"פ 10, 12, 14).

3) אַמאָל פאַרטרעט m= דעם ריכטיקען קונסונאַנטישען אָנקלאַנג (§ 2 פ. 13). —

§ **5.** — פון וועגען דעם אופן בילדען און געברויכען דידוזיקע קאַטעגוריע פורמען פון שפּעט־לשון, באַצייכען איך זיי, אַלס קאַפּריזישע מומענטשפונגען, מיט'ן טערמין: מורפולוגישע עפּעמערידען. —

## II. אדידעאַציעס, נישט קיין נייע ווערטער.

§ **6.** — אָנשטאָט דעם געהעריקען וואָרט ווערט געברויכט אַן אַנדערס מיט אַ ענלעכען פונעטישען קומפּלעקס (דער חילוק קען אַמאָל באַשטיין בלויז אין איין קלאַנג), נור מיט גאָר אַ פרעמדער גרונט־טײַטש. דער פאַרטרעטער קען באַצייכענען אַ נישטסימפּאַטישע אודער נישטעסטעטישע זאַך, אייגענשאַפט, האַנדלונג. ער קען, אובער, האָבען אויך אַ נייטראַלע באַטײַטונג, און דעמאָלט שטעקט דער שטוך, די אירוניע, דער וויץ אודער די הלצה אין דעם קונטראַסט צווישען דערדוזיקער באַטײַטונג און דער באַטײַטונג פון דעם נייטיקען נורמאַלען, נור אויסגעמיטענעם, וואָרט.

§ **7.** — 1) ממ"ס, „דער פריזיוו" 54: „אַ יחוס שידוך, אַ בחוריל מיט אַ אויסגעווייקט פּעניציל"; זײַן „פישקע דער קרומער" (אַד. 1888) 121: „פאַרקרים דאָס פּניצעל און זיפץ, זיפץ, דוא הונט איינער"; מ. ספעקטור, „אַ ווײַבערשע נשמה" (וו. 1894) 11: „אַבי ער געהט זיך מיט זײַן אויסגעפּיצט פּענעצעל"; א. ב. גוטלובער, „דער דעקטוך" 24: „וואָס טוג פריידעלען דאָס יראת שמים פּעניציל?" שטאָט פּענימעל (דימ. צו „פּנים").

ליפ.: פּעיניצל (=sucharik); ליפ. II 372: פּעניצעל (דיטו); הורוו.: פּענעצל (=„רקיק־יבש, פּת־חרבה"); דריז. 6:

פעניצל (=sucharj); אויך אין קרעמעניץ: פעינאצל (געטריקנטע רעפּטעלע ברויט אודער בולקע). — „ספר תחינות“ (פראנקפורט א. מ. 1714) רכ"ג: „דער סדר איז דש מן ברוט אויף קולן פפלעגט צו דירן אונ דער נאך מיט מושקט צו רייבן אונ׳ ליגטש דר נאך אין ביר מן היישט עש בעניץ“. — „אור חדש“ (אמסט. 1671) כג"b: „פעניץ היינו פת שמייבשין אצל גחלים ושורין אח"כ בשכר... ואפי׳ השכר מתלבן מחמת הפענ"יץ...“.

הארק.: פענעץ, =slice, ד. ה. רעפּטעל; דאס ענגל. ווארט ווערט בא הארק. 11 איבערגעזעצט: (ווערב) „צושניידען אין פענעצער“, (ה"וו) „א פענעץ, א המוציא“; ער ברענגט א ביישפּיל: „א פענעץ ברויט“. — אויך אין קונגרעספּוילען (צ. ב. אין ווארשע, קושעניץ א. א. וו.) הייסט א פענעץ: אן אפּגעשניטען (אודער אפּגעבראכען צי אפּגעצופּט) רעפּטעל (אודער שטיקל) פון איטלעכער קיילעכיקער זאך (אובער נור פון עסנווארק). — אין שעדלעץ קוקט מען שמחת־תורה „רענדלאך“; ווי ס׳האט מיר אויסגעטייטשט א דורטיקער יונגערמאן: מ׳צושניידט מייערן אף קיילעכדיקע פענעצלעך און מ׳קוקט דעם צימעס אזוי, אז זיי זולען נישט צוריבען ווערען, נור בלייבען גאנץ.

די עטימולוגיע פון דעם ווארט? איך האלט אים פאר א רומאניש ווארט, וואס שטאמט פון לאטייניש panis, „ברויט“. — איטאליעניש: pane, m. („ברויט“). — שפּאניש[1]: pan, m. („ברויט, געבעקס אין פורם פון א דין בלעטעל; לאבען ברויט; בלעטעל גולד, זילבער וכ׳“); panecillo, m. („ברייטעל, ביסקוויט צו שוקולאד“). — מעגלעך, אז פון panecillo איז געווארען פעניצל (אומקלאנג פון a — דימינוטיווומעסיק), און ערשט פון „פעניצל“: די נייטראלע פורם פעניץ. — צי איז דער ווארט אריין צו אונדז דירעקט פון רומאנישען אודער דורך דער פארמיטלונג פון דייטשישען? דאס דארף נאך נאכגעפורשט ווערען.

2) אין י. י. ליגעצקיס „דער כלבוניק“ (זש. 1876) זאגט דער שוסטער, וואס איז געקומען צום רב האלטען א דין־תורה: „היינט רבי לעב פּאצקיט[2] איר, ווער איז דא געברעכט?“ — „דיא שטאדט רויבער“ IV :51 „ער האט נאך געפּאצקעט (געפּאסקענט) שאלות, בשעת ער איז נאך געווען אכט יאהר אלט“.

---

1) זע L. Booch-Arkossy, ‚Spanisch-Deutsches... Handwörterbuch‘ — Leipzig 1887. 1 808 f.

2) ד. ה. פּאסקעט.—

ליפ., ליפ. II 224, דרייז. 379: פּאַצקען; קרעמעניץ: פּאַצ׳קאַן; האַרק.: פּאַטשקען. — פוו״ב IV: paćkać (מונדאַרטלעך); דאַל׳ III: patschkatj; פון דייטשישען patschen (מיינט פוו״ב).

אין קרעמעניץ זאָגט מען וועגן איינעם, וואָס איז (אודער מאַכט זיך) צו איידעל: „עידל גאַפּאַצ׳קאַט״.

3) אין פונקט 2: גיבּרעכט (שטאָט געבּרעכט). — ליפ.: געבּרעכט (= kiłastyj; אויך באַ הורוו. (=שבור); האַרק.: געבּריכט (ruptured); קרעמעניץ: גיבּריכט. — לייב פּימסענשטיין אויס קולומיי, „תיקון לייבּאַלע״ (לעמ. 1894): 26: „אַלו בעל מלאכה׳ס וואָס גופּונט זוך נאָר אויף מירינאָווקע, גרויס אונ קליין, יונג אונ אַלט, אָרום אונ רייך, טויב אונ שטום, גובּרעכט אונ קרום״...

לעק.: gebrĕchen (שטאַרק צ״וו), ווען געבּרויכט אומפּערזענלעך מיט דאַטיוו פון דער פּערזון און נומינאַטיוו אודער געניטיוו פון דער זאַך צי מיט an, הוט די טייטש: „פעלען״. — זאַנדערס: gebrechen, איינטראַנז. שטאַרקער ווערב (‚es gebricht mir etwas‘ אודער ‚an etwas‘...: „עס פעלט מיר עפּעס, אַזוי אַז עס ווערט פון מיר געפילט אַלס שטאַרק בולטער חסרון, מום״). — אין יידישען איז די אומפּערזענלעכע פורם פּרעזענטיס, קענטיק, אויפגעפאַסט געווארען אַלס פּאַרט. פּרעטער., מיט דער ספּעציפישער טייטש: האָבען אַ קילע (ווי מ׳רופט עס אין קרעמעניץ), אַ גריזשעל (ווי ס׳הייסט אין וואַרשע); דעריבער: איך בין, דו ביסט א. אַזוו. „געבּרעכט״.

4) ש״ע, „יוסעלע סולוויי״ (פ.-ב. II): 87: „אַוודאי בעדאַרף מען קאָנען צימבלען אויפ׳ן טופּטשאַן״. — פּלטיאל זאַמושטשין, „נור אַ דאָקטאָר״ (בערד. 1889): 17: „אונ אַביסעל ברומבלען אויף דעם טאַפּ־טשאַן״... (מיט הויפּטטון אַף ענדזילב, ווי דער גראַם ווייזט). — אמ״ש (=S. M. Ostrowski), „דער מאַסקעראַדין באַל״ (וו. 1884): 16: „זאָלען ברימבלען אויף טאַפּטשאַנעס״ (מיט הויפּטטון אַף מי־טעלזילב, ווי דער גראַם ווייזט). — א. קאַלמוס, „שמערעלע טראָסטי־נעצער״ (וו. 1902): 6: „האָסטו זייא געקויפט אַ טאָפּטשאַן (אַ פּאָרטעפּיאַן)״...

ליפ.: טופּטשאַן; ליפ. II 269, דרייז. 482: טאַפּטשאַן. — קרעמעניץ: טופּטשאַן (לאַנגע, זייער ברייטע קיכבאַנק, אַרבעטס־וואַרשטאַט פון דער קעכין; אַף איר מאַכט זי אַלע הכנות צום קוכען, האַלט ס׳געשיר און די פּרודוקטען בשעת׳ן קוכען, שטעלט אַראָפּ די טעפּ פון דער קיך אודער פון דעם פּריפּעטשיק, וואַשט ס׳געפעס א. אַ. וו.). — דאַל׳ IV: toptschán; פוו״ב VII: tapczan.

5) זאַמושטשין 25: „דער הייסט, מן הסתם, אַ דאָקטאָר מיט־דיפּלאָם“. — ד. ה. דאָקטאָר־מעדיצין (מיט לאַנגען i אין דער ענדזילב).

6) „דאָס חסידישע יונגעל“: „דיין שוויגער אַ שלעכטע... אַ יאָ, איציקעל?... אום... רבי יונה שלמה... וואָס איך ווינטש דיר, זאָל עס מיר נאָר אין מיין בּיזעם אַריין!“... (108, 109); „אין מיין פּאָזעכע זאָל עס אַריין, וואָס דיר קענן דאָ שאַטען, רבי יונה שלמה!“ (110). — „יענטאַליס קבר אָבות“ (וו. 1883) 17: „האָט זי זיך גיבעטין ר׳ יונה של עולם דיא זאָלסט דעם גוי אַליין באַצאָלין. זיא האָט גיבעטין ר׳ יונה שלמה טאַטע פּאָטער“... — „דער ווייבערישער יום כפור“ (וו. 1899) 19: „רב יונה שלמה דיא זאָלסט מיך אויך צו הערין מיין געוויין“. — „כּרנס המתגאה“ (וו. 1888) 22: „ר׳ יונה של עולם נעם שוין אַוועק פון מיר דיא שכינות“ (2 מאָל אף דעם זייטל).

טראַוועסטיעס פון רבונו של עולם.

7) זאַמושטשין 24: „איך האָב נאָך איינעם, ער איז אַ פּעטער־נאַר“. — ד. ה. ווערטערינאַר.

8) „דער פריזיוו“ 6: „ווען רייזעלי מיט איהר חתן זאָלען אייבער אין דעם אַנדערען זיך נישט פּאַרליאַפּען“...; „פּישקע דער קרומער“: „וואָס איז דאָס צזוינס, זיין פּאַרליאַפּעט?“ (128), „פּאַרליאַפּעט זיין האָט ביי אונז געהייסען“..., „אויך איז אַ מצוה געווען צו לאַכען אויס יענע פּאַרליאַפּעטע דעם גרעסטען געלעכטער“ (129); „דער מאַסקעראַדין באַל“ 53: „וויא הערט מען אַזוינס? גיוואַלד גישריגען, אַ פּאַר ליאַפּעט אידעש קינד“...; שמ״ר, „פון דער חופה צום טויט“ (וו. 1884) 52: „ווער ווייס אין ווען זיא האָט זיך פּערליאַפּעט“. — שטאָט פּאַרליבען־זיך, פּאַרליבט־זיין.

ליפּ.: פּאַרליאַפּען (=אָנגיסען); האַרק.: פּערליאַפּען (=פאַרשמירען מיט קיט, באַדעקען מיט ליים). — פּור״ב ll: lapać (מונד־אַרטלעך); דאַל׳ ll: ljapatj; פּיסק.: ljapaty.

9) „דאָס חסיד. יונגעל“: „לאָזען דיא דייטשונעס, דיא געבולבעטע זעהן“... (65); „נאָ, פערמאָגען אַללע זיירע געבולבעטע און אויפגעלעערטע אַזאַ גילדענע תורה...?!“ (79); זע אויך ז״ז 92, 93. — זאַמושטשין 11: „זי וועט זיך נאָך אויסגלייכען מיט אַלע געבאָלביטע אַדעסער מאַמזעלען“. — י. דינעזון, „אבן נגף“ (וו. 1890) 79: „ניין, ניין, האָט דער חסיד געשריען, דאָס שמעקט מיט געבאָלבעטקייט!“. — „דער בעקאַנטער דאָק־

טאָר" (וו. 1882) 5: „וואָס זאָגסטו נאָר צוא דער גיבוילבעטער נאַמזעל"... — „דיא ראָזע ציווישין דערנער" 60.:5: „זיא זאָהל איינך זיין וויא ריפט מען דאָס אַ געבאָלביטע, צוא אויב ניט, דאַכט זיך וויסטציקראַצטע"..., „ניט מיט אַזעליכע אויפפי־רונג ווערט מען וויא זאָגט איהר געבאָלביט". — ג. ח. לעווי־נער, „אַ חתן מיט דרייא נעמען" (וויל. 1901) 6: „ער מאָג זיך זיין געבוילבעט"... — שמ"ר, „דער בעל מופת" (וויל. 1890) 15: „חתנים זאָלין זיין שיינע און געבוילבעטע (געבילדעט)"...
שטאָט געבילדעט.

ליפּ.: בולבען־זעך (=puzyritjsia, ד. ה. בלעזלען־זיך);
ליפּ. II: בוילבען (דער j גיט איבער פּאַלאַטאַליזירונג פון l);
האַרק.: בולבען־זיך (to bubble). — יידישער ווערב פון ה"וו בולבע (וואָס ווערט באַ ליפּ. פּאַרטייטשט: „בלאָז, בלעזעל"[1]; גאַ־טונג קאַרטופעל"[2]"), בול'בע (ליפּ. II); באַ האַרק.: בולבע (=קאַרטופעל); באַ דריזז.: בולבעלע (סינונים פון „בלאָז"). — פוו"ב 1: bulba, „קאַרטופעל, רויז" (פון לאַט. bulbus); דאַל' I, פּיסק.: buljba („קאַרטופעל"); פּיסק.: buljbacha („וואַסערבלאָז, פּעכירעל").

---

1) אין דער טייטש אויך אין קרעמענייץ. — א בלעזעל אפ'ן וואסער, אף מילך אודער אף אן אנדער פליסיקייט: בול'בא, בול'בשלא; א פליסיקייט בלעזעלט זיך: בול'באַצשך. — אין „ווורעם אין כריין" (פּ.־ב. I) 75, א קאפיטעל: „רעדעליך, בולבעליך און בולבעס"; אין טעקסט: „אזעלכע פלוצליכע סלוטשייען, וואָס מאַכען אַן רעדעליך אויך אויף דער קאליזשע, אוג אזעלכע, וואָס מאכען אַן בולבעליך אינ בולבעס"...

„די שטאדט־רויבער" IV 51: „האָט גינומען באָלבענען, אז מען פלעגט אוואָרט ניט פארשטיין, עפּעס וויא פלעגט ער דאָס רופין, פאנצייז, לאנצייז, שדים וויסין אים". — עוזר בלאָשטיין, „דיא קאָקעטטע" (וויל. 1893) 76: „זיא פערשטעהט איהם ניט גוט, ווייל ער באָלבעט דיא דייטש מיט דיא פראנצייז צו זאממען". — זיין „ווילנא־דהאשע פאָהרט צוריק פון אמעריקא" II (וויל. 1894) 44: „סאָ וויא ריידען זייא זיך צו נויף? גאָטינקע"; „זייא באָלבענען..."— ד. ה. רעדען ניט קלאָר, אומפארשטענדלעך. —

2) פארגלייך מיינע „זאמעלביכער פאר יידישען פאָלקלאָר"... 1 65; דורט ז 85 זענען געבראַכט אויך אנדערע מוגדארטלעכע באצייכנונגען פון קארטופעל. — חנה ברחן, „שירי חדוה" (וויל. 1874) 25: „מען הויבט אָן צוא קלייבין // בולבעס צוא רייבין // מען לויפט נאָך אריבאייזין". — לעמבערג: בול'בא (= קארטופעל). — „חיי אדם" (לעמ. 1865): „באָלבים גיקאָכטי" (נ"ד b), „קניידליך אויס באָלבים" (נ"ו b). — „דיא פטירה פון דעם היילוגון בעלזער צדיק" (לעמ. 1894) 14: „דאָס וויב שטייט אוג קאָכט באָלבים". — „דיא קאָקעטטע" 46: „שווייג דוא ארצעעזותניצע!... מיט וועמען גלייכסטו דאָס מיר? צו אַבולבעסניצע, צו אהעריגניצע?" (בולבעסניצע == קארטו־פעלהענדלערין). —

10) אין פּ. 10: וויסטצוקראַצטע. — באַ דוד זאַהיק (41) נוך: „וואָס ניצט דיר רייזעלע צו זיין אַ וויסט צוקראַצטע (אַריסטאָקראַטקע) אָדער ווי אַ רופט מען דאָס אַ מאַנירטע צו אַ געשמירטע (געשטודירטע)". — „זליידניעפּקער לעבענדע פהאָטאָגראַפיע" (בערד. 1891) 19, 20: „פּאַר זליידניעפּקער, פּוסטע־קראַפּען' (אַריסטאָקראַטען)"...

וועגן קראַפּ — זע ווײַטער פּ. 21.

11) אין פּ. 11: געשמירטע (=געשטודירטע).

12) „דער יודישער פּאַר־פּסח" (וו. 1881): „קיין זאַך געשוועלט איהם ניט" (22); „עס געשוועלט איהם ניט, עס איז איהם פינסטער?" (61); „עס געשוועהלט איהר ניט, פרעג וואָס?" (63). — מ. עפּשטיין, „דער געשמיסענער אפּיקורוס" (וו. 1879) 7: „שוין ווײַטער בין איך איהם ניט געשוועלען".

שטאָט געפעלט, געפעלען.

האַרק.: געשוועלען (=געשוואָלען ווערען). — זע אויך „קאָנסאָנאַנטיזם" I 135.

13) שמ"ר, „ניט טויט ניט לעבעדיג" (ווילנע 1893) 23: „אײַער יחנה קריינע עליה השנאָבעל". — ש"ע, „בלאָנזעגדע שטערען" (וו. 1922) I 221: „שטשופּאַק ווו ער איז? עהע־הע! (זי טוט אַ מאַך מיט ביידע הענט) עליו השאָלעבק"... — פּאַראָדיעס אַף עליה (עליו) השלום.

ספּיוואַק־יהואש 132: לחיים ולשנאָבעל (פּאַראָדיע אַף לחיים ולשלום).

שנאָבעל שטאָט שלום אויך אין וואַרשע.

14) „ברוך שפּטרני" (וו. 1880) 9: לשון קולעטש (=לשון־קודש). — זע „דאָס געוועט" I 12.

15) „דעקטוך" 41: אָרון־קוילטשעל (=אָרון קודשעל). — זע „דאָס געוועט" I 12.

16) „דער געשמיסענער אַפּיקורוס" 8: „דער טאַפּט דעם טײַערען שׂערעם" (=איידעם). — ד. ה. „שדים".

17) „סטעמפּעניו" (פ.־ב. I) 93: „,אַ שענער גענײַדעם!' זאָגט די שוויגער פון איהר זײַט מיט אַ שטאָך" (וועגן איר איידעם, סטעמפּעניו).

גענײַדעם = גן־עדן (זע מײַן „קאָנסאָנאַנטיזם" I §303).

18) „דער דעקטוך" 51: „מול קלאָפּ, מאָרגין וועט זיין אַביר געלד. מאָרגען עס איך אוף דרײַ שטיק פיש און אַקקע פלייש. מול

אין טאָפּ.. יאָסעלע, פרײַדעלע, הילעט, מזל האָפּ"... — טראַװעסטיעס פון מזל־טוב.

19) „דער אַקציזניק" (זש. 1868) 41: „באַלד נעם זײַא צװא פּאָקיופּקיס גראָבינאַנקים נאַמען". — ד. ה. גרובע ניאַנ'קעס (טראַװעסטיע פון גוװערנאַנטקעס).

20) ש. בודזון, „דיא כלה איז אַנטלאָפין" (װיל. 1900) 27: „מײַן פּריצע איהר קענט איהר? אַ שפּאַס! עס פּלאַצט (פּאַסט) איהר ניט"...

21) י. דרײַזין, „לחיים" (זש. 1875) 29: „געלט גוט מען סך הכל פינעף הונדערט קראַפּען" (אויך אַף ז. 55), — שטאָט קאַרבען[1] (קערבלעך, רובעלס).

ליפּ. (פּאַרטײַטשט: pirog), הורוו. (פּאַרטײַטשט: „לביבה, עוגת־דבש"): קראַפּ; דימ.: קרעפּל. — „ס' אור חדש" (אַמסט. 1671): „קרעפּלי"ך הממולאים בבשר וכיוצא" (י"ג), „אם רוצה לאכול מאלו (היינו מכיסנין הממולאים בפירות או במיני ירקות כגון שרגילים לעשות בפורים וקורין אותם פורים קרעפּל"יך..." (י"ג), „אותן פורים קרעפּליך שהעיסה נילושה בדבש ובמיני תבלין וגם ממלאי' אותם במיני מרקחת" (כ"ה). — „ס' ברכת מנחם" (1858) פ"ט: „קרעפּלאַך"; „קרעפּליך של פורים הוי כיסנין". — „חיי אדם" (לעמ. 1865) נ"ז: קרעפּלעך. — „חיי אדם" (װיל. 1868) 92: קרעפּלאַך. — לעק.: krepfel, krapfe. אוסקאַר װײַזע, „Unsere Mundarten" (לײַפּציג־בערלין 1910) 197: „... באַצײַכנונגען פון געװיסע מאכלים, װי Knödel, Kräpfel..., האָבען מיר צו פאַר־דאַנקען דעם גוטען לעבען פון באַיריש־עסטרײַכישען שטאַם".

אַף אַן אַלטען תּרח זאָגט מען אין קרעמענעץ פּאַרעכטלעך: אַלטש קראַפּ. — „סערקעלע" 27: „װאָס, דער אַלטער קראַפּ?! גייא צו אַלדע שװאַרץ יאָהר מיט אים צו זאַמען!" (װעגען אַלטען דוקטור).

22) ספּיװאַק־יהואש 219: פּנים־חלשות, — פּאַרודיע אַף פּנים־חדשות.

23) „ערשט. ייד. פּאַר־פּסח" 23: „מע קאָן טאַקי לעבין אין פריידען מיט די 10 גרילען װאָס ער גיט מיר אַ װאָך?" — ד. ה. גילען (מיט לאַנגען i), = גילדען.

24) אין „די בלונזענדע שטערן" 235: „מזל טוב, אין אַ גוטער שטאָדט" (שעה), — לעצװען די אַקטורען.

---

1) „דאָס חסידישע יינגעל" 157: „500 קאַרבען" (= רובעל). —

25) דורט: „לוז גוט געבען מיט בלוט (מיט גליק)", – לעצע־וועז אַקטורען.

26) דורט: „ס'זול זיי גוט פערלויפען (גוט אָבלויפען)". — „פערלויפען" קענען די אויגען מיט בלוט. ליפ.: „פאַרלויפן מיט בליט"[1].

27) דורט 163: „ער זול ניט זשאַלעווען קיין, שערבלעך' (קערבלעך) און געבען וויפעל מ'דאַרף"...

28–29) „תיקון לייבאַלע" 27: „וואָס איז גיוועז פאַר א משלחת און יאַשניוויץ ביי דעם פרנסה געבור זכר צאַפיק לגיסרחא"...— שטאָט „זכר צדיק לברכה".

30) „דיא ציגיינער"[2] I 47: „אַקליינינקייט וויא פיעל נדן ער גיט איהר? פינף טויזענד טרובעס (רובעל)... היינט נעהמט אַשניי־דער פיעל מעהר"...

ליפ.: „טרובע (= טרומויט)". – ליפ. II 383: די טרובע (סינונים פון „דער טרעמעט"). – אויך הורוו., האַרק., דרייז. 747. – דאַל' IV: truba.

31) דורט I 36: „וויא איך פערשטייא, וואַר דאָרט איין היינט־מאָדישער, לימון' (ראָמאַן) און דיין שוואָגער מרדכי איז גראַדע אונצופריעדען מיט שארלאטעס בעשערטען". – דאַל' II: limon („לימע־נע, ציטרין").

32) דורט I 56: „איך האָב זיך אויף דער וועלט אויטגעלערענט דייטש ברעכען (שפרעכען)"...

33) דורט: „וויא אונ וואו האָסט דוא דיך מיט דער גרויס־צייטיגע ממזר (גרויסאַרטיגע מאַמזעל) בעקאַנט?"

34) דורט III 10: „איך וועל זעהן, וואָס מיין אָגער (שוואָגער) שרייבט מיר".

קרעמעניץ: אוגש; וואַרשע: אוגו; ליפ., ליפ. II 83, דרייז. 122., האַרק.: אוגער (נישט קאַסטרירט פערד). – פוו"ב III: ogier (פון טערקישען jogiur, ögiur); פיסק.: oger, ogirj; דאַל' II: ogjer (פון טאָטערישען).

35–39) דורט IV 6: „האָסט ניט געוואָלט דיין סינאָק (זאָהן) מאַכען פאַר אַ שניידערוק, האָסט געוואָלט ער זאָל זיין איין אַ חאַפ דיא קאַטץ (אַדוואָקאַט), אַ פולען טאָפ (פילינזאָף)... שפעטער,

---

1) „דיא ציגיינער" III 6: „זיינע אויגען זיינען געוואָרען מיט בלוט פערלאָפען" (פאַר כעס).—

2) געשריבען פון אַ פוילישען י.ד (אויס כעלעם).—

אַז ער האָט גיִעגדיִגט דיִא חלאת'ן (קלאַסען) און געוואָרען אַהיִצעל (אוטשיִטעל, לעהרער), איִז איִהם דער שנײַדערוק מיִט דער שנײַדערקע ניִט געפעליִן... דער שנײַדערוק האָט געהאַט אַ עהרע, ווען דער פּרעסער (פּראָפעסאָר) האָט מיִט איִהם אַ גלײַך וואָרט גערעדט"... (זיִדעלט לײַבקע שנײַד'ער דאָס ווײַב).

קרעמעניִץ: איִצאַל' (=כאַפּער פון היִימלוזיִקע היִנט, הונטשלע־גער, שיִנדער; שלעגער בכלל, אכזר, קאַלטער מערדער, באַרײַסער, בלוטצאַפּער, רשע); וואַרשע: היִצאַל'; ליִפ.: היִציִל; הורוו., האַרק.: היִצעל. — פוו"ב ll: hycel (פון דײַטש. מונדאַרטל. Hitzel); פּיִסק., דאַל' l: gicel. — דער ייִדיִשער וואָקאַבעל איִז גענומען פון סלאַוויִשען, ווי דער פּאַלאַטאַליזיִרטער l באַווײַזט.

(40–41 דורט IV :50 „מאַזיִל טאָפּ (מזל טוב)! עס זאָל זײַן איִן אַשאַל צאַרעס (אַ שעה מצלחת)!", רופט אויס בערקע (אַ באַנ־דיִט) מיִט אַ געלעכטער, אָפּשפּעטענדיִק פון זײַנעם אַ חבר.

וועגען שאַל: זע מײַן „געוועט" l 31, 56, 68–71, 138.

צאַרעס: פּל. צו צאַרא (צ. ב. איִן וואַרשע) = cyra, cera (פוו"ב l), „פאַרצערעוועט אורט" (מ'איִז זיִך משער, אַז דער פּויל. וואָקאַבעל שטאַמט פון cyfra = „עפּעס אויסגעניִיטס"). — פאַרגלײַך מײַן „קונסונאַנטיִזם" l 25.

(42–43 „אבן נגף" :240 „צו האָסטו ליִעב אַ ברוינע־עטע, ווי די מופקרים רופען אָן די שוואַרץ חנעוודיִגע בתולות; אָדער עס וועט אפשר ניִט שאַדען ,אַ בלאָע־דיִנע' (בלאָנדיִנע) מיִט ווײַסליִכע שערות, מיִט אויגען בלאָע ווי דער הכנף פּתיל תכלת?"

ד. ה. ברונעטע, בלונדיִנע. — עטע און דינה: פּרוי־ענגעמען.

(44 א. ל. אַלטמאַן (אויס סטולבצי מיִנסק. גוב.), „דער פּאַבּ־ריִקאַנט אָדער דער געוועזענער איִזבאָרסציִק" (וויִל. 1893) l 61: „אַ ליִיִטער דיִא גרויס וויִא איִיִג מעלעך הלאָקס (עוג מלך הבשן)". — „לאָקס"=לוקש.

(45 דורט: „פאַר שלאָסיִן טיִט אַזאַ שלאָס, וואָס שמשון הנעג־בער (שמשון הגבור) וועט אויך ניִט אויפרײַסיִן". — „נעגבער" = עגבער (זע מײַן „מאַמע־לשון", באַנד ll, איִן רעגיִסטער).

(46 דורט ll :63 „איִהר זײַט דאָך עפּעס קלאָהר אַלע זאָקענס (זאַקאָנעס)". — רוסיִש: zakony. —

(המשך — אין צווייטן העפט).

# יידישע עטימאָלאָגיעס

פון ד״ר מ. ווײַנרײַך (ווילנע)

אין יענע נאָענט-ווײַטע צײַטן, וואָס זענען אין אונדזער געדעכעניש פֿאַרקניפּט מיט קירפּיטשניקאָווס כשרן נאָמען, האָט מען אונדז געלערנט, אַז די גראַמאַטיק באַשטײט פֿון צוויי טײלן: עטימאָלאָגיע און סינטאַקסיס. סינטאַקסיס איז געווען די לערע פֿון זאַץ; און אַלע אַנ.ע ע קאַפּיטלעך: קלאַנגען, רייד-טײלן, בייגונג, האָט כולל געווען אין זיך די עטימאָלאָגיע. ס'איז שווער צו זאָגן, ווי אַזוי מען איז געקומען צו אַזאַ מין אויסטײַטשונג פֿונם גריכישן וואָרט, ווײַבאַלד אַפֿילו די אַלטע גריכן און רוימער האָבן פֿאַרשטאַנען אונטער „עטימאָלאָגיע״ פּונקט דאָס אײגענע, וואָס די היינטיקע וויסנשאַפֿטלעכע גראַמאַטיק: אַרויסדרינגען אַ וואָרט פֿון זײַן שורש און אויסגעפֿינען זײַן בעצמדיקן, לכתּחילהדיקן פּשט. יעדנפֿאַלס איז שוין אַפֿילו די רוסישע גראַמאַטיק אין דער לעצטער צײַט פּטור געוואָרן פֿון דעם גרײַז, מיט וועלכן מען האָט זי מזכּה געווען, און אויך די יידישע גראַמאַטישע ליטעראַטור האָט, נאָך אַ קורצער בלאָנדזעניש, געפֿונען דעם ריכטיקן פּשט פֿונם אויסדרוק.

אין פֿלוג קאָן זיך דוכטן, אַז שאַפֿן אַ יידיש עטימאָלאָגיש ווערטערבוך איז אַ סך גרינגער, אײדער אויסגעפֿינען, אַ שטײגער, די שורשים פֿונם לאַטײנישן אָדער דײַטשן ווערטער-אוצר. יידיש איז דאָך נישט קײן אורשפּראַך, ס'איז אַ יונגע שפּראַך, און ווער ווייס דען נישט, אַז אונדזער „טאָג״ נעמט זיך פֿון דײַטשן Tag, אונדזער „נעמען״ פֿון nehmen, אונדזער „פֿרעגן״ פֿון fragen. ווער עס מאָלט זיך אַזוי אויס די אויפֿגאַבע, דער קאָן טאַקע אָפּטון די אַרבעט גיך און מיט אַ גרינגען האַרצן. אין דער אמתן איז דאָס אַ פֿאַלשער, אַן אויבנאויפֿיקער קוק. יידיש וואַקסט נישט פֿון דער דײַטשער ליטעראַטור-שפּראַך, נאָר פֿון די דײַטשע פֿאָלקס-דיאַלעקטן (אַחוץ אַ קלײנער צאָל ווערטער, וואָס זענען לעצטנס אַרײַנגענומען געוואָרן דורך ליטעראַרישע השפּעות); די דײַטשע דיאַלעקטן גײען זיך אָבער פֿונאַנדער צווישן זיך אַ סך מער, ווי די יידישע; ממילא מוז מען אין הונדערטער פֿאַלן זוכן נישט די נה״דײַטשע פֿאָרם, וואָס קלינגט אַן ערך אַזוי, ווי אונדזער וואָרט, נאָר דעם דײַטשן דיאַלעקט, וואָס פֿון אים האָט געקאָנט אַרויסדרינגען אונדזער פֿאָרם. למשל, אויב Tag האָט געגעבן „טאָג״, פֿאַרוואָס איז פֿון fragen נישט

געוואָרן „פראָגן“[1])? ענטפער: אונזער וואָרט שטאַמט נישט פון fragen, נאָר פון אַ בייפאָרם frägen. אין וואָסער דיאַלעקט איז פאַראַן אָט די פאָרם? איר זעט, אַז ריכטיקע עטימאָלאָגיעס האָבן אַ וויכטיקן באַ-טייט פאַר דער גאַנצער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך.

אָבער גראָד מיט עטימאָלאָגיעס דאַרף מען זיין זייער אָפּגעהיט. נישטאָ נאָך איין פעלד פון דער גראַמאַטיק, ווו מען זאָל אַזוי גרינג קאָנען צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. נישט נאָר אַמאָליקע יאָרן, איידער מען האָט געוווּסט פון די פרינציפן פון דער היינטיקער שפּראַכפאָרשונג, האָט מען געדרונגען פולצל פון בתולה[2]), און נישט נאָר אַ הדיוט[3]) טייטשט היינט, אַז הויזראָט נעמט זיך פון רהיטים, דאַוונען פון דאבותינו, סקאָצל קומט פון ס׳קאָטשל קומט אָדער אשת קצין קומט[4]). איך וועל ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן, אַז עס זענען נכשל געוואָרן אַ סך גרעסערע מענטשן, ספּעציאַליסטן.

ליפשיץ 117: „לאַדן — זע לדין“. אין דער אמתן שטאַמט, פאַרשטייט זיך, אונזער לאָדן (צום בית-דין) פונם דייטשן laden. דוו״ב (VI, 46, 4) ברענגט דאָס וואָרט מיט דעם פשט נאָך פון דער צייט פאַר לוטערן.

סיינעאַן, ז׳ 184: „דאָס פוילישע וואָרט ‚קאַפּצן‘ אָרימאַן, פורעמט דעם פלוראַל קאַפּצ—אָנים, און אין לשון-נקבה קאַפּצנ—טע, לויט דעם העברעישן נוסח“. אַזאַ געלערנטער, ווי סיינעאַן, זאָל האַלטן „קבצן“ פאַר אַ פויליש וואָרט![5])

סיינעאַן, ז׳ 189: „‚קלייט‘ [ביי אים געשריבן: [klêd], אַ קראָם, פון ‚סקלאַד‘“. איך האָב שוין אָנגעוויזן אין „שטאַפּלען“ 233, אַז דער שורש איז רוס׳ kletj, פויל׳ kleta, לעט׳ klêts[6]).

---

[1]) אין מערבדיקן יידיש, אַ שטייגער אין האָלפסזאָהנס „לייכטזינן אונד פרעממע-לייא“, האָבן מיר טאַקע די פאָרם.

[2]) ביי קריזאַנדערן, Jüdisch-Teutsche Grammatick (1750), § IX.

[3]) ד״ר זשיטלאָווסקיס אַ וואָרט פאַר „לאַיע“.

[4]) אין דער „פרייהייט“ (ניו-יאָרק), אָקטאָבער 26, 1922 דערציילט אַ לעזער, אַז צאַר און סער שטאַמט פונם העברעישן „שר“, אַנטיק פון „עתיק“, אידעע פון „דע“ (וויס), טוריסט פון „תור“ (אויסקוקן), טעאָריע פון „תורה“. די רעדאַקציע האָט אָפּגעדרוקט די דאָזיקע אַנטפּלעקונגען אונטערן נאָמען „דערקלערונגען בויך-סברות“.

[5]) פור״ב II 240 האָט דאָס וואָרט kapcan, kapcon, מיט אונדזער פשט; אָבער איז געקומען, געוויינטלעך, פון יידיש.

[6]) זע אויך ז. רייזען, גראַמ׳ I, ז 62.

און אפילו דער גרויסער שטיינשניידער האָט זיך געקאָנט אויס־גליטשן. אין האַמבורגער העבר׳ קאָדעקס נומ׳ 33 שטייט געשריבן: „וועו איינר האט פערקויפט דינרי זהב פר דינרי כסף זוא באלד אז דער בעל הכסף האט איין משיכה גיטאהן אן דען זהב חדשה דער בעל זהב האט דאס כסף נאך ניט אין העגדין האט דער בעל זהב דאס כסף קונה גיוועזן, אבר הכסף אינו קונה את הכסף“[1]).

ס׳איז אַ שטיקל פֿון בבא מציעא. „חדשה“ הייסט, פֿאַרשטייט זיך, „כּאָטשע“ = הגם. דאָס וואָרט איז פֿאַרשפּרייט געווען ביי די דייטשע יידן. דער שרייבער האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר אַ העברעיִשן וואָרט און אויסגעלייגט אויף העברעיִש. נאָר שטיינשניידער גופא מאַכט דערצו אַזאַ מין הערה: „‘Chodsche’ (auch ‘chotschik’) scheint hebräischen Ursprungs, aber Avé-Lallemants (Deutsch. Gaunerthum IV, 368: חדשי) Ableitung von אחד זה ist absurd!“. דער אויסגעשריי־צייכן בנוגע אַוועֿ־לאַלעמאַנס סברא איז געוויס גערעכט; אָבער נאָך מער ווונדער איז אויף שטיינשניידערן גופא, וואָס דאָס וואָרט ווייזט זיך אים אויס צו זיין פֿון אַ העברעיִשן מקור. ערשט דערנאָכדעם האָט ער זיין טעות פֿאַרריכט[2]).

די גרעסטע צאָל יידישע עטימאָלאָגיעס, און גראָד דאָס רוב ריכטיקע, האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען יעקב גערצאָנען. ביי אים קאָן זיך אויך טרעפן, אַז ער זאָל (ז׳ 99) פֿון שאָפּנפעלץ מאַכן אַ Schafpelz[3]), אָדער ניט וויסן זיך אַן עצה צו געבן מיט מיל־גרוים[4]), אָבער נאָך אַלעמען האָט ער אין זיין קאַפּיטל „ווערטער־אוצר“ פֿאָרט אויפגעשטעלט אַ רשימה פֿון העכער 400 האַרגערע יידי־שע ווערטער און געגעבן צו זיי די פּאַראַלעלן פֿון מה״ד אָדער פֿון היינטיקע דייטשע דיאַלעקטן. קיין גרויס חריפות זעט זיך דאָ נישט, אָבער ס׳איז פֿאָרט אַ גוטע אַרבעט.

---

[1]) שטיינשניידער, קאַטאַלאָג פֿון דער האַמבורגער שטאָט־ביבליאָטעק [באַרג׳לאָח № 304], № 166.

[2]) המזכיר XVIII (1878), ז׳ 17.

[3]) ליפשיץ 208: „שאָפּען—jenotowyj“. דוו״ב IX 2019 Schuppenpelz מיטן פֿאַרשן געדראַנג פֿון רוסיש szuba און דערנאָך XIII 2213 שוין ריכטיק: „Waschbär der Schupp“. פֿוו״ב VI 646: „szop: 1) אַ רויב־חיה פֿון דער משפּחה פֿון די בערן; 2) אַ פּוטער פֿונם פעל פֿון דער חיה“. — אויף גערצאָנס גרייז האָט אָנגעוויזן נאָך אַ. לאַנדוי אין זיין רעצענזיע [באַרג׳לאָח № 475].

[4]) פגל׳ איטאַליעניש melagrana, פֿון לאַט׳ malum granatum = גראַנאַט־עפּל.

ביי אַ העלפט פון גערצאָנס צאָל, נאָר מיט אָן אַ שיעור מער עַמקות, זענען געגעבן אין די ווערטערביכער צו גליקל האַמילס זכרונות און צו די פּראָגער בריוו פון 1619, וואָס אַ. לאַנדוי האָט אונז געשאָנקען [באָראָכאָוו נומ' 359 און 360]. גאַנץ אינטערעסאַנט זענען די עטימאָלאָגיעס, וואָס פעליקס פּערלעס ברענגט אין זיין אַרטיקל „Zur Erforschung des Jüdisch-Deutschen“[1].

עטימאָלאָגישע באַמערקונגען, אָפטמאָל זייער שאַרפזיניקע און גרינטיקע, זענען, איבעריקנס, צעשאָטן איבער אַלע יידיש-פילאָלאָגישע אַרבעטן, און איך בין נישט אויסן זיי אַלע דאָ אויסצורעכענען און אַרומצורעדן. דער צוועק פון דעם דאָזיקן אַרטיקל איז נישט אויסצושעפן דעם ענין; ער וויל נאָר ברענגען צושטייער, מאַטעריאַל פאַר אונזער קומענדיקן ווערטערבוך.

אויסגעדרייוועט. ספיר, דער פאַלשע קאַשטאַן (געשריבן 1820) Magyar Zsidó Szemle, 1900, ז' 332: „Losst noch Ihr ausgedewerter Schmadworz“. אחשורוש-שפיל [לעמבערג] 1849, בויגן f3: „דֶבֶר זִיא זָאל אוֹיס גְדֶעוֶוירְט וֶוערִין“. ליפשיץ a18: „אויסגעדעיווערט – is-chudałyj, toszczij, czachłyj“. קליאַטשקע, יוביל' אויסג' ז' 41: „אַ העלדזעלע אַ אויסגעדיירווערטע“ איז אַ דרוקפעלער; די ריכטיקע פאָרם אָן אַ „ר“ באַגעגנט זיך באַ מענדעלען אַ סך מאָל. אָלגין, „נייע וועלט“ (ניו-יאָרק) 1921, אָקטאָבער 15: „אָפּגעריסענע... אויסגעדרייווערטע מענשען“. נאָך ביז היינט לעבעדיק אין דער פאָלקסשפראַך. – פון העבר' דֶבֶר, מש"כ 158: mor, זייכע. פגל' דאָס רוס' umoritj, zamoritj.

אויסטערליש. נישטאָ נישט באַ ליפשיצן, נישט באַ האַרקאַווין. דאָס באַקרעפטיקט מיך אין מיין מיינונג, אַז דאָס וואָרט איז היינט כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר אונזער פּויליש דיאַלעקט. שטראַק 6: „אויסטערליש — aussergewöhnlich, ausserordentlich“. אַ וואַרשעווער דאָקטאָר האָט מיר דערציילט, אַז ווען ס'קומען פּראָווינצער יידן מיט אַ חולה, פרעגן זיי: „ס'איז נישט אויסטערליש?“ (אַלזאָ: געפערלעך). ס'באַגעגנט זיך אויך די פאָרם אויסטריש. — גניב Der Johrmark zu A...z, ווין 1871 (גיט דאָס לשון פון די אונגאַרישע יידן), ז' 25: „Heute host du aussdrische Kapritzen“. צו אויסטריש; קאַפּריזן=קאַפּריצן', ...

[1] אין Beiträge zur Gesch. d. deutschen Sprache u. Literatur, באַנד 43 און 44. זע „שטאַפּלען“ ז' 44 און 211.

איז פֿאַראַן אַ הערה: aussergewöhnlich. י. י. לינעצקי, לינעצ־קיס יובילעאום, אַדעס 1891, ז' 36: „אַ ניי אויסטרעש חדר". — פֿון מה"ד ûzerlich, וואָס באַטייט נישט נאָר אויסנווייניקסטער, דרויסנ־דיקער (פֿגל' אונזער דייטשמעריזם: ,אויסערליך'), נאָר אויך (לעק־סער II 2039): דאָס וואָס עס גייט אַריבער די געהעריקע באָס, פֿרעמד: ,זיין גאַנץ באַנעמען איז געווען ûzerlich'. דוו"ב I 1035: „פֿריער פֿלעגט מען זאָגן sich äusserlich stellen – באַנעמען זיך קאַלט און פֿרעמד". שמעללער I 168 ברענגט לעבן ausserig נאָך די פֿאָרם austerig (מיטן ט־אַריינוווקס), אָבער נאָר מיכן פּשט ,דרויסנדיק', להיפוך צו ,דאָיִק'[1].

אירע. ליפֿשיץ 25: „אירע–osoba". פֿינקעלכער בירנבוים 107: „אירע – צאָלוואָרט – ...eine Gruppe von". ביי האַרקאַווין און שטראַקן נישטאָ.–ליפֿשיצעס סינגולאַר איז פֿאַלש; נישטאָ: ,איין אירע' אָדער ,יענער אירע'; מען זאָגט נאָר (איך קען דעם אויסדרוק פֿון פּאָדאָליער גוב'): ,זעקס אירע זענען געזעסן', ,דריי אירע זענען געגאַנגען'; ס'איז אַלזאָ נישט קיין צאָלוואָרט, ווי בירנב' פֿאָר־מולירט, נאָר אַ סובסטאַנטיווירט פּראָנאָמען (פֿגל': drei Mann, זוּ מאַן' איז אַ סובסטאַנטיוו, נישט קיין צאָלוואָרט).–,אירע' איז די אַל־טע געניטיוו־פֿאָרם פֿון ,זיי' (אין היינטיקן דייטש ihrer, אין מה"ד ir אָדער ire, און אָט די קירצערע פֿאָרם גילט ביז אין 17טן י"ה אַריין (ז' דוו"ב IV 11 2055); ,דריי אירע' איז אַלזאָ אַ טיילנדיקער געניטיוו, = דריי פֿון זיי. פֿון גראָדנע ווייס איך טאַקע דעם אינ־גאַנצן אַנאַלאָגישן אויסדרוק: ,דריי זייערע'. פֿגל' אויך וו. נאַגלס אַר־טיקל: „ihrer drei" אין Deutsche Mundarten, 1895.

אַליאָז = Aloe. ליפֿשיץ 25: „אַליאָז–sabur". הורוויץ, ספר המלים[5], אַדעס 1903, ז' 22: „אַליאָס (אַליאָז) – אהלים, אהלות". בײַ האַרקאַווין איז אָט דאָס עלט־יידישע וואָרט נישטאָ; און אין ענגליש־יידישן טייל ז' 13 ברענגט ער: „Aloe – אַלאָי (אַ בוים, וואָס זיינע בלעטער האָבן אַ ביטערן זאַפֿט, וועלכן מען ברויכט פֿיר רפואות...)". דוד איינהאָרן האָט אין זיין איבערזעצונג פֿון תהלים מה, ט („דער אָנהייב", בערלין 1922, ז' 15) אויסגעמיטן איבערצוזעצן ,אהלות' און איבערגעלאָזט: „מיט מור, אהלות און קציעות שמעקן אַלע דיינע קליידער". — ,אַליאָז' איז דער קלאַנגיק פֿאַריידישטער געניטיוו aloes,' וואָס האָט אין מה"ד טיילמאָל געדינט אָנשטאָט דעם

[1] פֿגל' דאָס פֿראַנצויזישע étranger, וואָס האָט אויך דעם טאָפּלן טייטש „אויסלענדיש" און „מאָדנע".

נאָמינאַטיוו; פגל׳ ביי לעקסער I 41 די מה״ר ציטאַטע: „aloes ist ain holz und ain paum“.

**אַלקער.** ביי ליפשיצן און הורוויצן נישטאָ (צי פעלט דאָס וואָרט אין וואָלין?); האַרקאַווי 62, שטראַק 16, בירנבוים 108. ניט פון Alkoven (וואָס איז געקומען אין די אייראָפּעיִשע שפּראַכן פון אַראַביש), ווי מען דרינגט אָפּטמאָל, נאָר פון פויל׳ alkierz, וואָס נעמט זיך פון דייטשן Erker (פוו״ב I 25); דאָס דייטשע Erker וואַקסט ווידער פון לאַט׳ arcus־געוועלב (דוו״ב III 871). דער בייט פון r צו l איז אַ דיסימילאַציע; דוו״ב ברענגט אויך אַ פאַרקערטע דיסימילאַציע: erkel. — אין פוילן (ראָדעם, וואַרשע) הערט מען טאַקע: אַ ל׳ קעזש (מיט אַ ווייכן l) און מען דערקלערט דאָס: אַ שלאָף־צימער, וואָס האָט נישט קיין פענצטער.

**אַרצי־.** ממ״ס, שלמה ר׳ ח׳, יוביל׳ V: „זי מאַכט איהם... פאַר אַנ׳ ערצי־מחוצף־פּנים“. ביי עוזר בלאָשטיינען: „אַן אַרצענער יונג[1])“.— ס׳איז דאָס פוילישע arcy- (פגל׳ אַרציביסקופּ), וואָס נעמט זיך פונם גריכישן archi- (הויפּט־) און באַטייט, אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע ווערטער: זייער, אויסערגעוויינטלעך, אין אַ הויכער מדרגה (פוו״ב I 54–56 ברענגט העכער הונדערט פוילישע ווערטער, וואָס הייבן זיך אָן מיט arcy-).

**באַדאַנע.** מיידלשער נאָמען (אין ווילנע פאַמיליע־נאָמען: באַדאַ־נעס). סלאַוו׳ Bohdana.

**באַריל.** יונה ראָזענפעלד, פאָרווערטס 1922, דעצעמבער 24: „... אָנגעשלאָגען אויף די פוכקע פינגער ווי באַרילכענטלאַך גאָלדענע רייפלאַך און דיימאָנדס“, ליפשיץ 56: „באַרילעכן—boczenok“. הורוויץ 27: „באַריל – הבית, כד“. האַרקאַווי 79: באַרילקע f.־עס— „barrel“. — ס׳איז דאָס רוס׳ barilo, barilko, baril’ce (דאַל׳ I 49), פויל׳ baryla, barylka, barelka, וואָס וואַקסט פון פראַנצ׳ baril. אַלע יידישע ווערטער, חוץ הורוויצעס, זענען פאַר־קלענער־פאָרמען; אויך רוסיש און פויליש ווייזן אַרויס (פגל׳ די בייש־פילן) אַ ליבשאַפט צו דער פאַרקלענערטער פאָרם.

**באַרעמע,** די, ־עס. ווילנע: „אַ באַרעמע האָלץ“ (אַזוי פיל האָלץ, וויפיל מען קאָן אָננעמען מיט איין מאָל אויפן אָרעם). אין גראַיעווע, לאָמזש׳ געגנד: „אַ באַרעמע האָלץ“. ביאַליסטאָק: „ברעמיע“; בערעזנע (וואָלין): „אַ ברעם האָלץ“. אין די ווערטערביכער

---

1) פגל׳ אָבער ד״ר אַ. לאַנדויס השערה אויף ז׳ 57.

ניִשטאָ. – פוו״ב l 218: brzemię — אַ משא, וויפיל אַ מענטש קאָן אַוועקטראָגן אויף ביידע הענט אָדער אויף די פּלייצעס, למשל: brzemię drzewa. דאַל׳ l 84: beremja מיטן זעלבן פּשט.

בולבע. 1) ליפשיץ 53: „באַלבע–rod kartofel'a“. האַרקאַווי 80: „בולבע .f, -עס — potato“. שטראַק 26: „בולבע–Kartoffel (פון פּויליש)“. הורוויץ און בירנבוים האָבן נישט דאָס וואָרט.–פוו״ב l 232: bulba. דאַל׳ l 143: bul'ba. בריקנער, די השפּעות פון פרעמדע שפּראַכן [אויף פּויליש] אין Język polski, קראָקע 1915, l 130, § 7: „פון [לאַטייניש] bulbus האָבן מיר bulby, וואָס באַגעגנט זיך נאָך אין 1652, שפּעטער (ביי וו. פּאָטאָצקין) bulwy“. ייִדיש האָט אויפגעהיט די ערשטע פאָרם; כאַראַקטעריסטיש איז דערביי, אַז אין גרעסטן טייל (און אפשר אויפן גאַנצן שטח) פון פּוילישן ייִדיש ווערט „בולבע“ נישט באַנוצט. דאָס וואָרט איז פאַראַן אויך אין ליטוויש און לעטיש (ליטוו׳ bulbė, bulwis; לעט׳ bulbes, bulwas (מיטן פּשט קאַרטאָפל) און אין גריכיש (bolbós–ציבעלע), פון וואַנען ס׳איז אַריבער אין לאַטיין טאַקע מיטן גריכישן פּשט (פּרעללוויץ, Etymol. Wörterb. d. griech. Spr.², געטטינגען 1905, ז׳ 80). || 2) אין דער ניו־יאָרקער טעאַטער שפּראַך איז פאַראַן אַן אויסדרוק: „מאַכן אַ בולבע“—זאָגן אַ גרייז, פאַרפּלאָנטערן זיך אין דער ראָלע (פּריוואַטע מיטטיילונג פון אַב׳ קאַהאַן). ס׳האָט אָבער נישט צו קאַרטאָפל, נאָר ס׳איז דערזעלבער שורש, ווי אונדזער ,באָלבענען׳ (פוו״ב l 189, bołbotać 2, וואָס הייסט אויך נאָך אַנדערש—פוו״ב l 232–bulbotać, רעדן גיך און אומדייטלעך. || 3) בולבע = זייפנבלאָז. ממ״ס, קליין מענשעלע, יוב׳ 5: „דאָס רעדל איז ווי אַ בולבע זיך צעפלויגען“. דאָרטן גופא 3: „באַלד איז דאָס צונויפגעשטיקטע רעדעל צושפּרונגען געוואָרן ווי א זייפענבולבע“. ממ״ס, שלמה ר׳ ח׳, יוביל׳ 69: „אַזאַ זייפענבולבעלע ווי ליעבעס, וואָס פּלאַצט, צושפּרינגט פון אַ בלאָז“. פגל׳ ליפשיץ 33: באַלבענען זיך—puzyritjs'a“, ענלעך צו פוו״ב l 189: bołbotać 1.

בופלאָקס, דער. דאָס דייטשע Büffel איז גענומען פון פראַנצ׳ bufle, וואָס דאָס איז ווידער - דורך אַ לאַטייניש צווישנשטאַפל — אַ לייוואָרט פון גריכיש boúbalos (קלוגע 75). אויך די פאָרמען אין די סלאַווישע שפּראַכן שטאַמען פון גריכיש. אין דער עלטערער דייטשער שפּראַך זענען פאַראַן די פאָרמען Büffelochs און Büffelkuh (דוו״ב ll 492).

בלאַט. נישט־כשר. שלום אַש, שלמה נגיד, קיעוו 1919, ז׳ 60: „סטאַש ,קאָניקראַד׳... ,וואו האָסטו די קוה געפּאַקט?׳... ,שווייגס, זי איז בלאַט׳“[1]). ליפשיץ 59: „בלאַט (pril.) soumyszl’ajuszczij“, דאָרטן גופא: „שלאָגן בלאַט — sgoworit’s’a wtajn’e, staki-wat’s’a“. אין די אַנדערע ווערטערביכער נישטאָ. דאָס וואָרט איז פאַראַן אויך אין פּויליש (פוו״ב l 164: blatka — איינע וואָס באַהאַלט געגנבעטע זאַכן, און נאָך ווערטער פון דעם שורש; אָנשטאָט דער עטימאָלאָגיע שטעלט פוו״ב אַ פראַגצייכן) און אין רוסיש (אַ זאַמלונג ווערטער פון דער רוסישער גנבים־שפּראַך הייסט blatnaja muzyka, זע באָראָכאָוו נומ׳ 498). — ס׳איז נישט פון העבר, ,פלט׳, ווי ס׳מיינט צווע־לאַלעמאַן IV 584, און אויך נישט פון דייטש platt, ווי ס׳ווייזט אָן טריוואַקס, ביי אונז יודען 161, נאָר פון העבר׳ ,בלט׳ (מש״כ 487) — שטילערהייט, בסוד. || אומדערקלערלעך איז פאַר מיר, פון וואַנען האָט געקענט אויפקומען אַ צייטוואָרט ,בליאַטעווען׳ מיטן היפּוכדיקן פשט. ליפשיץ 60: „בליאַטעווען — zakr’epl’at’, zajawit’“. ממ״ס, קליין מענשעלע, יוביל׳ 5: „זי האָט אַ געבליאַטעוועטע [=כשרע, לעגאַלע] כתובה“.

בעיקערן. אין די ווערטערביכער נישט פאַרצייכנט. קאַסאַריטשי, מינסק׳ גוב׳: „מ׳קען אַמאָל קריגן געבייקערט“. שלאָגן, אָנבערעכן די ביינער. אַ געבירטיקער פון טעלדז (ליטע) האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין: „,אַ בוכצע׳ — אַ שמויס אין זייט; ,אַ בייקער׳ — אַ שטויס אין רוקן. — Vilmar אין זיין Kurhessisches Idiotikon 1868, ז׳ 477 ברענגט baeckern, וואָס ווערט באַנוצט אין דעם [דייטשן] דיאַלעקט פון פולדע מיטן פשט: שטאַרבן, דאָס רוב בלשון חוזק אָדער ביטול. ווילמאַר דרינגט דאָס אַרויס גאַנץ ריכטיק פון ,פּגרן׳. צי איז אונדזער וואָרט אויך פון דאַנען?

ברוידא, ברוידע. דער דאָזיקער פאַמיליע־נאָמען נעמט זיך מסתמא פון דער שטאָט בראָד, וואָס פלעגט זיך אַמאָל שרייבן ,ברודא׳. דער נאָמען פון דער שטאָט איז געבליבן דער אייגענער; דעם פאַמיליע־נאָמען האָט מען גענומען אַרויסרעדן, בשעת דער פאַרבונד פונם נאָמען־טרעגער מיט דער שטאָט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, מיטן דיפטאָנגירטן o. ס׳טרעפט זיך דעריבער דער פאַמיליע־נאָמען Broda (ביי עסטרייכישע יידן) און מיט דער דיפטאָנגירונג פונם o (ווי Not — נויט אאַז״וו): ברוידאָ, ברוידע.

---

1) פגל׳ 5. אַלפאַבעטס אַרטיקל ז׳ 62,

הונדושאַ'ווקע, די (u). לאָדז: אַ וויג, אַ הוידע. אויך אַ צייט-
וואָרט: הונדזשען זיך, איך הונדזשע מיך. – דאָס פּוילישע huśtawka
מיט דער נאַזאַלירונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּוילישן יידיש.

הײַליג (די ציין). בראַנטשפּיגל 1676, פרק לג: „ירמיהו
הנביא זאָגט: (אבות יאכלו בוסר ושיני בנים תקהינה) דז איז טייטש
דז ועטר [=פעטער, פאָטערס] עשין אונצייטיגא טרויבן אונ' די זין
[ע"פ טעות אָנשטאָט: צין = ציין] פון קינדר ווערדן איילינדג". ליפּ-
שיץ 82: „האליג ווערן (פין צעין)". הורוויץ 20: „איילינג (דיא ציין)".
האַרקאַווי 52: „אייליג, אַייליג מאַכען דיא צייהן". שטראַק 54: „הייליג".
בירנבוים 124: „הײַליג". – קלוגע 108 ברענגט מיטן סימן † (דאָס
הייסט נישט פון אַלעמען פאַררעכנט פאַר ליטעראַריש): eilige Zähne.
אַלס עלטסטן אויפווייז פון דעם וואָרט אין דער דייטשער ליטעראַ-
טור ברענגט קלוגע אַ ציטאַטע פון 1587. דער שורש איז מסתמא אין
קרובהשאַפט מיט אַה"ד ilgi הונגער, וואָס דאָס ווידער איז משפחה
מיט רוס' ałkat', ליטוו' alkti. – דער „ה' איז אַלזאָ אַן אומאָר-
גאַנישער (ווי אין האַרמאַט, האַרן, הײַלן זיך אאַז"וו) און היסטאָריש
ריכטיקער איז די שרייבונג אָן אַ „ה', כאָטש די אויסשפּראַך איז,
דוכט מיר, דאָס רוב מיט אַ „ה'.

ווײַנשל. אין איסערלינס „תרומת הדשן" כט [1]): „גודגדניות
שקורין ווי"כשלין". סגולות ורפואות [אָן אַ מחבר, אָרט און צייט,
מסתמא פון 18טן י"ה, פראַנקפ' שטאָט-ביבליאָטעק, Jud. Germ.
№ 645] ז' 5a: „אויך איז גוט דיא שיילינכט [= שיילעכץ, קאָרע]
פון איין ווײַנקסיל בוים". קהלת שלמה, אַמסטערדאַם 1744, כט a:
„ווײַנקסל פרישי אודר דארי". אַלס „ווײַנשל" פאַרצייכנט ביי ליפּ-
שיצן 90 (wiszn'a; דאָרטן גופא 185: „קאַרש – czereszn'a"),
ביי האַרקאַווין 144 (grape, וואָס הייסט ווײַנטרויב), ביי שטראַקן
62 און בירנבוימען 127: Weichselkirsche. פון דעם לעצטן
טייטש זעען מיר שוין, אַז אונזער וואָרט נעמט זיך טאַקע פון
Weichsel מיט נאַזאַלירונג. די ביידע ביישפּילן פון 18טן י"ה
ווײַזן דעם איבערגאַנגס-מאָמענט: נאָך אַ „קס', אָבער שוין דער „נ',
און דוו"ב XIV l 533 ברענגט, אויך פון 18טן י"ה, אַזאַ ציטאַטע
פון אַ דייטשן לעקסיקאָגראַף: „Einige sprechen es als wein-
xel aus". אויך אין היינטיקע דייטשע רעדענישן (נירנבערג, ריינ-
פראַנקען) זענען פאַראַן (דוו"ב, דאָרטן גופא) נאַזאַלירטע פאָרמען. —
דאָס וואָרט האָט נישט קיין שום שייכות צום טייך ווײַסל, וואָס

1) לויט דער אויסגאַבע ווענעציע 1546.

הייסט אויף דייטש Weichsel; Weichselkirsche איז בעצם אַ פּלעאָנאַזם, וואָרים Weichsel גופא באַטייט אויך דאָס אייגענע. ס'איז אַן אינדאָגערמאַנישער שורש, דער אייגענער, ווי דאָס רוסישע און פּוילישע wiśnia. „ווײַנשל' און 'wiśnia, האָבן אַלזאָ נישט נאָר דעם זעלבן פּשט, נאָר ס'איז אויך דאָס זעלבע וואָרט.

ווירע. נתן נטע האַנאָווער, שפה ברורה, פּראָג 1660, שער ב: „שרטוט—וִוירָא". פאַרצייכנט אין אַלע ווערטערביכער, צוזאַמען מיטן צײַטוואָרט „ווירען'—ציען ליניעס. פּערלעס האָט אָנגעוויזן אין זײַנע „בײַטרעגע" [באָראָכאָוו נומ' 260] ז' 207, אַז דאָס וואָרט איז פאַרצייכנט, אַלס פּראַנצויזיש וואָרט („בלעז') נאָך בײַ רש"ין שבת יא: „כעין סרגלא שמשרטטין בה ספרים שקורין ווירא בלע"ז". דערפון ווערט שוין קלאָר דער ראָמאַנישער אָפּשטאַם פונם וואָרט, און פּערלעס האָט עס ריכטיק אידענטיפיצירט אַלס לאַט' virga –, „שטעקעלע'. דאָס וואָרט איז אַרײַנגעדרונגען אין דייטש אויך; שמעללער I 848: Strich, Linie, virgula, die (das) Virgel (אויך בײַ ליפשיצן איז דער פּשט נישט נאָר lin'ejka, נאָר אויך „graf-lennaja linia"). אינם רעגענסבורגער „ערוך", וואָס שטאַמט לויט פּערלעסן פון 14-טן י"ה[1], שטייט: „סרגול — קורין לסירטוט סירגול וירין בלע"ז"; אַנטקעגן אינם „ערוך הקצר", קראָקע 1597, שטייט שוין: „שרטט פ' סרגל ויראין בל"א"[2]). דאָס וואָרט האָט זיך, הייסט עס, אײַנגעפונדעוועט אין יידיש אין דער צײַט צווישן דעם 14טן און דעם 16טן י"ה.

(אַ צווייטער אַרטיקל קומט)

---

# מלואים צו מ. ווײַנרײַכס „שטאַפּלען"

## פון ד"ר אַלפרעד לאַנדוי (ווין)

דער מחבר פאַרײַניקט אונטערן טיטל „שטאַפּלען"[3]) פיר עטיודן צו דער יידישער פילאָלאָגיע. דער ערשטער ווײַזט נישט נאָר, ווי דער נאָמען זאָגט צו, „וואָס מיר האָבן און וואָס אונז פעלט", נאָר ער באַפרידיקט אויך אַ דרינגלעך באַדערפעניש, געבנדיק אַ קריטישן, גוט אָריענטירנדיקן איבערבליק איבער דער יידישער פילאָלאָגישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך די לעצטע יאָרן אַזוי ברייט פונאַנדערגע-

1) הײַנט איז דאָס דער מינכענער העבר' כ"י 421; זע מײַנע שטאַפּלען ז'91—92.
2) בל"א = בלשון-אשכנז (= יידיש).
3) ד"ר מאַקס ווײַנרײַך, שטאַפּלען, פיר עטיודן צו דער יידישער שפּראַכוויסנשאַפט און ליטעראַטור-געשיכטע, פאַרלאַג וואָסטאָק, בערלין 1923, $8^0$, 260 זײַטן.

וויקלט. דאָ ווערן באַהאַנדלט די געביטן פון גראַמאַטיק, לעקסיקאָגראַפיע, ליטעראַטור=געשיכטע, ביבליאָגראַפיע, שפּראַך=געשיכטע און פאָלקלאָר; גראָד די לעצטע אָפּטיילונג איז אָבער אָפּגעמאַכט אַ ביסל בקיצור. דער צווייטער אַרטיקל („דאָס ערשטע יאָרהונדערט יידישע שפּראַכפאָרשונג") נעמט צונויף די קנאַפּע און צעשפּרייטע מאַטעריאַלן און פורעמט פון זיי אַ פּלאַסטיש בילד פון די אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אין 16טן י"ה אַזוי צו זאָגן נישט ווילנדיק געלייגט דעם ווינקלשטיין פון דער יידישער שפּראַכפאָרשונג. מיר זעען דאָ די קריסטן בעשענשטיין, מינסטער, פאַגיוס און שאַדעאוס און דעם ייד אליה לוי, וואָס ווערן אַלע אָפּגעשאַצט לויט זייער ווערדע פאַר דער שפּראַך-געשיכטע. אויפן דריטן אָרט גייט—מיט אַ בפּרטיותדיקן היסטאָרישן און שפּראַכיקן אַריינפיר — אַן אויסגאַבע פון דער מגילת ווינץ, וואָס שילדערט אין אַן עפּישער פאָרם דעם פראַנקפורטער יידישן פאָגראָם פון 1614 [1].

מיט אַן אמתער פרייד דאַרף באַגריסט ווערן דער לעצטער עטיוד: „דאָס קורלענדער יידיש". דאָס איז אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אַ דיאַלעקט, וואָס איז נאָך אינגאַנצן נישט אויסגעפאָרשט, וואָס מען האָט אַפילו געלייקנט זיין עקסיסטענץ. די השפּעה פונם באַלטישן דייטש (וואָס איז אויפגעוואַקסן אויף אַ נידערדייטשן גרונט) און דער שוואַכער מגע=ומשא מיט די יידן פון די אַנדערע טיילן רוסלאַנד האָבן דאָ דערפירט צו אַ פאַרזיכדיקער אַנטוויקלונג. וועגן וועלכער מיר ווערן געווויר פון דער גראַמאַטיק און דעם אידיאָטיקאָן. הלוואַי וואָלטן מיר געהאַט וואָס מער אַזעלכע מאָנאָגראַפיעס! דעמאָלט וואָלט מען געקאָנט צוטרעטן אויפצובויען די יידישע היסטאָרישע גראַמאַטיק.

איך בין גערן געוועזן אויסצופאָלגן דעם מחבר'ס פאַרלאַנג וועגן צושיקן הוספות און באַמערקונגען, ווייל מיר ווילט זיך אַרויסווייזן אויף דעם שטייגער מיין אינטערעס צו דעם געראָטענעם ווערק און מיטהעלפן, אַז עס זאָל באמת ווערן אַ כלי-שלם.

צו ז' 6. אויף צו באַרעכטיקן די „יידישיסטיק" קאָן מען זיך נישט פאַררופן אויף גערמאַניסטיק, סלאַוויסטיק, מחמת דאָס וואָלט פאָרויסגעזעצט אַ „גערמאַנישיסטיק" אאַ"וו. לויטן משקל „גערמאַניסטיק" וואָלט געוועזן נאָר „יידיסטיק" – נאָר זאָל מען חלילה נישט מיינען, אַז איך רעקאָמענדיר דאָ אָט די פאָרם.

---

[1]) די אַרבעט איז איבערגעדרוקט (מיט קליינע שנוים) פונם זאַמלבוך „דער עָנ-הייב", וואָסטאָק, בערלין 1922.

צו 33. ili (אַלע) האָב איך געהערט מיט העכער 50 יאָר צו־
ריק פֿון אַ ייִדענע פֿון אַ דאָרף לעבן בראָד. „אילע טאָג און אילע
נעכט“ איז פֿאַראַן אין מ. י. בערדיטשעווסקיס „ייִדישע כּתבים“, וואַר־
שע 1912; נאָר חוץ דעם שרייבט בערד׳ ,אַלע׳. אין אַן אויסגאַבע
פֿון ,מעשה־בוך׳ (וואָס האָט נישט קיין שער, נאָר וואָס איך האַלט
פֿאַר אַ פּוילישן דרוק פֿון אָנהייב 19טן י"ה) און ווי עס שיינט נאָך
אַדורך די שפּראַך פֿונם אַלטן אָריגינאַל, שטייט כּסדר: אילך, אילה,
אילדינג. איך מיין דערמיט נישט צו זאָגן, אַז ili איז אַן אַרכאַיזם.
פֿאַרקערט, איך האַלט דאָס וואָרט פֿאַר אַ מאָדערנער דיאַלעקטישער
פֿאָרם; אין די אַלטע דרוקן האָב איך דאָס נישט באַגעגנט. – ille,
דאָס רוב אין צוזאַמענזעצונגען: illerbest, illerbetzt, איז זייער
פֿאַרשפּרייט אין נידערדייטשע ריידענישן.

צו 86, 161. אַנצליט. דוו"ב I 500: „fehlerhaft antslit,
antzlit,-it“ אין עטלעכע דייטשע ווערק פֿון מיטן 16טן י"ה.

צו 207. דאָס אַרומשרייבן דעם פּאָטענציאַל אָדער דעם קאָני־
יונקטיוו פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט מיט mögen איז פֿאַראַן אין
דייטש אויך. פֿגל׳ דוו"ב VI, 2459. אויך דיאַלעקטיש אין עסטרייך אָדער
אין פּראָגער דייטש. די דיאַלעקטישע פֿאַרשפּרייטונג פֿון דעם וואָרט
אין דייטש וואָלט ערשט געדאַרפֿט גענויער אויסגעפֿאָרשט ווערן.

צו 207. קריגן. דוו"ב V, 2235, B) 1). מיטן פּאַרטיציפּ פֿון
פּאַסיוו אין צפֿון־ און מיטל־דייטשלאַנד; ביישפּילן פֿון געטע, זשאַן פּויל,
אימערמאַן. 2255 4) e) β) m'r kriegen geholfen. אַלבּרעכט,
לייפּציגער מ"אַ, 154.

צו 209. איינע אין איינע. אין בראָד: איינס אים (אָדער אַם)
איינס = נה"ד eins um das andere.

צו 209. אַנקען, זיפּצן, קרעכצן. Sallmann, Lexica-
lische Beitr. z. deutsch. Ma. in Esthland, 1877, 19.

צו 210. אָנקרייטיק (-ûn) מיט פּשט 1) אויך אין בראָד.

צו 211. אָרצע. צו דעם איז כּדאַי צו פֿאַרגלייכן „אַרצענער
יונג“ ביי עוזר בלאָשטיינען פֿון דענעבורג.

צו 211. באָבע. וואַנדער, Deutsches Sprichwörter-
lexicon, לייפּציג 1863–1880, 4, 5,1024: „Wenn die Tante
Räder hätte, wär's ein Omnibus“ (אָן אָנווייז פֿונם מקור).

צו 212. בורבלען, ריידן שטיל און נישט דייטלעך. זאַללמאַנן
31, לויט זיין אָנווייז פֿון העסען, אָבער ווילמאַר ברענגט נאָר —
brommeln, brumblen.

צו 214. בערועלע. אין בראָד bêrali, פלור׳—אַך. דרייזין 611: „שטעכילקע, בערילע, r'ep'ejnik“.

בראַמענען. פויל׳ bramować, אויספוצן, צירן. פוו״ב I 200.

צו ז׳ 215. גיין אין... יאָר ,מען גייט פון איין יאָר (וואָס מען האָט געענדיקט) אין צווייטן אַריין׳, דוו״ב IV, l, 2443,2, 23) a).

גראַבלען. אויך אין בראָד. לעקסער l 1071. אין אַלע דייטשע ריידעניש: א״ד, מ״ד, נ״ד.

גראַבן. אַן אייזערנער טאָפּ, אויפן שטייגער פון אַ קעסל. זאַל-מאַנן 21. לויט אַדעלונג 2, 779 נידערזעקסיש.

גרעפּסן. בראָד: גרעפּצן. שמעללער 1007: groppezn. ווירצ-בורג: gröpsa. מיטל-לאָטרינגען: grèpsən און נאָך ענלעכע פאָר-מען אין אַנדערע דיאַלעקטן (עסטרייך, קאַרינטיע, טיראָל, Rhön).

דאָם. אין בראָד אָן דער שעמעדיקער אַרומקליידונג, פגל׳ בערנשטיין, עראָטיקאַ 191.

דוקאַטן. די זילבערנע רובלס מיט אַ געקאַרבטן ראַנד, וואָס מען האָט גענומען שלאָגן זינט ניקאָלאַי I, האָט מען גערופן אין בראָד: „געשריבענע קערבלאַך׳; סוחרים פלעגן דאָס רופן אויף דייטש: randgestochene. מסתּמא האָט מען דאָס אַריבערגעטראָגן אויף נישט-באַשניטענע דוקאַטן.

צו 217. הונט. טענדלוי 248: „Wo hat Hund Haus?“.

האַנדלשאַפט. פרישביר, פרייסישע שפּריכווערטער l 2 1475: „Handelschaft lött [leidet?] kein Bröderschaft“.

זאָלק אויפן עק. אויך אין בראָד. פגל׳ דוו״ב VIII, 1707 β).

דאָס אייגענע אין ענגליש, אַ שטייגער ביי דיקענסן.

צו 218. זיבן. די ערקלערונג איז קרום, בפרט אַז „זיבן׳ איז נישט נאָר ביי יידן אַ חשובע צאָל. פגל׳ וואַנדער, 4, 553, 15, 17. 552, 6. „מיסטייל׳ דעס פעריינס פיר זעקסישע פאָלקסקונדע“ 4, 54.

צו 219. טורעם. בראָד: טעריס מאַכן. פויל׳ tyr, tér שטאָכ-וואָרט, שטעכווערטל. לינדע V, 736: t-ów przyczynić. לויט בריקנער, ראָזדראַזאָווי 47, 380 פון איטאַל׳ tiro, שאָס. ווילערס ער-קלערונג איז נישט ריכטיק. אמת, מען זאָגט: „אפילו ווען מען זאָל טע-ריס שפּילן, וואָלט אַך [=איך] נישט געגאַנגען“, ד״ה „טעריס“ מיינט דאָ „פאָרשטעלונג׳, Schauspiel. אפשר וואָלט „ט׳ מאַכן׳ געקאָנט הייסן: מאַכן עמעצן פאַר אַ געגנשטאַנד פון אַ חוזק-שפּיל.

צו 219. טעם. פגל׳ טענדלוי 419, 734.

צו 220. טראַנטע. אוקר׳ drante, שמאַטעס.

יאַגעדע. אין ברײַד באַטײַט דאָס Heidelbeere, Blau-beere*) (אַזוי אויך אין פּויליש, זע ראָזפּראַווי 26, 379); יאַג'דלאַך זענען Preisselbeeren**).

צו 224. לושקענען. פּוו"ב II 797: łas(z)kować się, טו-ליען זיך.

צו 226. נחום גראָם. אין בראָד: „מעני גרויס". י. ב. פּאַל-קאָוויטש, רחלע די זינגערין, זשיטאָמיר 1861, ז' 35: „אַ דיענסטמויד און מאַכט זיך מעניע גרויס"...

צו 226. פּראָווע. שטימט גיכער מיט דער פאָרם profei, וואָס באַגעגנט זיך אָפּט אין 16טן י"ה, אַ טייגער ביי פּוילי, פּישאַרט (דוו"ב VII, 2159), איידער מיט privêt.

צו 229. דאָס ליד פלעגט מען זינגען נישט ביים פעלדמעסטן; ס'איז אַ חוזק-ליד אויף בעלי-גאווה, וואָס גרייסן זיך מיט זכות-אבות, אין דער פאָרם פון אַ פּאַראָדיע אויפן אויסרעכענען דעם יחוס פון די נפטרים ביים קנייטלעך-לייגן (באַשריבן דורך ווייסענבערגן אין מיטטייל' 17, 39 א"וו). אָט איז דער טעקסט פונם לידל, פאַרשריבן אין בראָד: 1) דער זיידע אָט [=האָט] מעזוזעס גיפּירט | געגאַנוועט אָט ער ווי גישמירט | אין קרימינאַל איז אַר [=ער] גישטאָרבן פאַר אַ קייטאַלי [=פאַר גנבענען אַ קייטעלע] | פאַר זײַן נישאָמי אַ קניי-טאַלי | דריי דים [=דעם] פאָדים און דריי נישט אויף | אַ-אַ-זוי! 2) מיין טאַטי איז גיווען אַן ערלעכאַר ייד | אין קרימינאַל איז אַר גיווען גאָר גיניט | אין די בריגיטקעס [אַ תּפיסה אין לעמבערג, אמאָ-ליקער מאָנאַסטיר פון דער הייליקער בריגיטע] איז אַר גישטאָרבם אין אַ קייטאַלי | אאַז"וו. 3) די מאַמי איז גיווען זייאַר פלינק | אין יאַטקי אָט זי גיגאַנוויט קישקי מיט לינג | אַמאָל אָט זי דאַר [=דער] קאַציוו גיכאַפּט, אָט אַר זי גיפּאַטשט, איז איר אָראָפּגיפאַלן דיס [=דאָס] זייטאַלי | אאַז"וו. 4) די מומי מיילי גידענק אַך [=איך] גאָר | ז'איז גיווען אַ מויד ביז 70 יאָר | די גאַנצי וועלט אָט אָף איר גיזאָגט | ז'אָט באַם גאַלאַך גיגעכפּיקט און גיטאָגט | באַם גאַ-לאַך איז זי גישטאָרבם אין אַ שייטאַלי | אאַז"וו.

צו 232. קאָפּשטיק = פּאַטש - נידערדייטש. נאָך אין 16טן י"ה ביים אונטערשטן ריין, אין פּויזן, אין עסטרײַך. דוו"ב V, 1780, 3) 5).

צו 230. פּערם. דוו"ב III, 1673. Schwäb. Wb. II, 1230: שווע-

---

*) אין ווילנע, ביאַליסטאָק: „שוואַרצע יאַגעדעס".

**) אין ווילנע: ברוסניצעס.

ביש פאַרשפּרייט, אויך שווייצעריש, עלזאַסיש. שמעללער 756: "sehr volksmässig".

פּראַסק. גנבים־שפּראַך?

צווייַ. אוקר׳ szczawyj.

צו 231. צו־פּאַס קומען. דוו״ב VII, 1496 b) Y): ביי פּי־שאַרטן, לעסינגען, ווילאַנדן, געטען.

קאַלעקאָצקענען. פּוו״ב II 355: klekotka—גראַגער, kle-kotać—גראַגערן.—וועגן דער קאַלוואַריער קאַלעקאָטקע ז׳ מיטטייל׳ 18, 75.

צו 232. קאַצנשפּרונג וועגן אַ קורצן וועג: דוו״ב V, 301.

צו 233. קניבלען. פאַראַן אין אַ גאַנצער ריי דייטשע דיאַלעקטן: gnübeln (פרייסיש), knibb- (וועסטפאַלען, מילהיים־רור) אאַז״וו.

צו 237. שטיפּענען. אפשר פון פויל׳ szczypać, רוס׳ szczipatj - קנייפּן. פגל׳ אין בראָד: „אַ ציפּעדיקע קעלט״, וואָס נעמט זיך מסתמא פונם סלאַווישן אויסדרוק, אָנשפּאַרנדיק זיך גלייכצייטיק אויפן שורש „צופּן׳.

קרוטשקע. פּוו״ב II 574 kruczek (4 מיטן זעלבן פשט.

צו 234. לאָם. אין בראָד: krim in lim; אַחוץ דעם אויס־דרוק נישט גענוצט. אין מערב־גאַליציע lum (אָדער lûm?), הינקעדיק.

צו 235. רומפּל. אין בראָד פלעגט מען פירער פירן דאָס יונ־גע ווייבל צו דעם מאַנס קרובים און מכבד זיין מיט קוכן. דאָס האָט געהייסן: רימפּלען די קאַלי (פגל׳ ווייסענבערג מיטט׳ 15, 73). אין די קראָקער תּקנות 1595 ווערט דאָס רומפּלען פאַרווערט. האַרקאַווי 315: „רומפּעל .m (פּלור׳ —עס) – דער טאָג אויף מאָרגן נאָך דער חתונה״. אַנטקעגן דעם ז. רייזען גראַמ׳ I, 58: „רומפּל, דער שבת נאָך דער חתונה, ווען מ׳פירט דאָס יונגע ווייבל אין שול אַריין״.—פגל׳ נאָך דערצו: Rumpelkuchen, וואָס מען פלעגט אין הערצאָגטום קאָבורג געבן די קינדער נאָכן אומקערן זיך פון דער קדושין־צערעמאָניע אין קלויסטער (Zvervolksk. 14, 377); Rumpelwagen—דער וואָגן (אין העסען), אויף וועלכן מען פירט דער כלהס אויסשטייער (Crecelius II 703); Rummelabend—דער אָוונט פאַר דער חתונה (דוו״ב VIII, 77) אאַז״וו.

צו 238. שין. זאַללמאַן 26. דוו״ב IX 206 ברענגט דאָס בפירוש אַלס צפון־דייטש וואָרט.

צו 239. שנאָדערנאָז. דוו״ב IX, 1376 ווייזט אויף דאָס וואָרט אין אַ מקור פון 1590.

שניקערן. זאַלמאַנן 11: schnickern (עסטלענדיש) פון שוועדיש snickra. מיטן זעלבן פשט אין דער פרייסישער אַלטמאַרק (Dauneil 199).

צו 227. פּאַפּע. Papa מיטן נאַטירלעכן אַקצענט Pápa, אויך ביי געטען (דוו״ב VII, 1433) −ppe, −pe.

---

# מאַטעריאַלן צו אַ אידיאָטיקאָן

## פון שטעטל פּיאָסק (Piaski), לובלינער קרייז.

פון פּ. אַלפּאַבעט[1]

אויער, דער. אַ כלב שבכלבים, אַן אויסוואָרף. „אוי איז דאָס אַן אויער!" [2]).

אויסוווערפונג, דאָס. (דער ערשטער און דער צווייטער טראַף מיט אַ גלייך שטאַרקן אַקצענט). אויסוואָרף. „דאָס איז אַן אויסוווערפונג!".

אויסמייקערן. אויסקרענקען. „ר'וועט עס אויסמייקערן"=ס'וועט אים אויספאַלן באָקעם.

עטימאָלאָגיע: אויסמייקענען, מקיא זיין. נאָר מיט דעם פשט „אויסברעכן" ווערט דאָס וואָרט אין פּיאָסק נישט גענוצט.

אויספּיאָקעווען זיך[3]). אויספּוצן, אויסטטרויען זיך מיט אַלע פליטער. „שוין דריי שעה און ר'האָט זיך נאָך אַלץ נישט גענוג אויסגעפּיאָקעוועט".

אויקעץ. „אַן אויקעץ"=אַ קליין ביסעלע (פון פליסיקייטן).
עטימ': העבר. עוקץ.

איינכעמולען—אַריינלייגן דעם פערד אין מויל דאָס אייזן. פוו״ב II, 326: chełznać (אַ דיאַלעקטישע ביישפּאָרם צו kiełznać) מיטן זעלביקן פשט.

---

1) די עטימאָלאָגישע הערות און פּאַראַלעלן אין טעקסט זענען צוגעגעבן פון מ. ווינרייך; די אָנמערקונגען אונטערן טעקסט זענען געשריבן פון נח פּרילוצקי.—

2) נעמט זיך אפשר פון דער רעדנסאַרט „אַ הונט מיט אויערן"?—

3) מיט o אין דער צווייטער זילבּ.—אויך אין וואַרשע.—ס'איז אַ פאַריידישונג פון פּויליש wyfiokować się (פוו״ב VII 856), „אויספּוצן זיך אין עפּיק און אין האַניק"; פון ה'וו fiok (פוו״ב I 745), וואָס שטאַמט פון איטאַליעניש fiocco.—

אָפּכֿוירעשן (אָפּ׳חורש׳ן). אָפּקויפן, אונטערקויפן, אָפּשטעקן אין דער יד אַריין.

ממ״ס, ווינשפּינגערל, יוביל׳ 17: „פון אַ שטיקל חלה, וואָס מען פלעגט אים אונטעררוקן חיירעש...״–עטימ׳: העבר׳ ח ר ש – שווייגן.

אָ׳פלקע, די. פלור׳: –עס. אַ זאַלצברעט (צו זאַלצן פלייש), געפלאָכטן פון געצווייג, האָט די פאָרם פון אַן עליפּס. מען זאָגט אויך: „אַן אָפּלקע עפּל״, דאַן מיינט מען אַן עליפּטיש צווייגן-קיישל, אַן ערך אַ מעטער די לענג, אין וועלכן די זיצערקעס פאַרקויפן אויבס.

פוו״ב II 786: opałka.

אָפּגעניגלט. – 1) „ביי אים איז יעדע זאַך אַזוי אָפּגעניגלט״. זאָרגעוודיק אָפּגעהיט, אַקוראַטנע אין יעדן פּיצעלע. 2) ווערט אויך באַנוצט אין אַ בייזן זין אויף מענטשן, וואָס לאָזן נישט אָנרירן זייערס קיין זאַך אויף אַ האָר.

עטימאָל׳: אָ פּ ג ע ׳ נ ׳ ע י ג ו ל ׳ ט (פון: אַן עיגול – אַ ניגל – דער ניגל). פגל׳ „אָפּגעצירקלט״.

בלאַט.[1] אַן אָפּגעקויפטער; אַן אייגענער צון אַ שטיק, צון אַ טרייפענער אַרבעט. „ר׳איז בלאַט״: ער וועט נישט אויסזאָגן; ער האַלט מיט. „אַ בלאַטער מיליציאַנט״. „אַ בלאַטע נקבה״: אַ פרוי, וואָס וועט נישט אויסזאָגן וועגן דער עבירה; אויך אַזוינע, מיט וועלכער מען קען טוען אַן עבירה, אָפּטמאָל = פּראָסטיטוטקע. זע אויוון ז׳ 53 און ביכער=וועלט 1923 ז׳ 481.

בראָק, דער. „יעדער בראָק האָט ער אין זין״, אויף אַלצדינג גיט ער אַכטונג.

געלענדער, דאָס. – אַן אומאָרדנונג אין שטוב. זאָך: ערב=פּסח שטייט אַ געלענדער אין שטוב. — עטימ׳ ?

---

1) וואַרשע: ש ל אָ ג ן ב ל אַ ט = „צונויפרעדן זיך, מאַכן יד=אחת״ (מעג זיין נישט פון וועגן אַ נישט=ריינער זאַך; אויך פון וועגן אַ נישט כשרן ענין); ר׳ א י ז אַ ב ל אַ ט ו (געמט לאַבאַר); אַ ב ל אַ ט ו ג ו ו (לאַבאַרניק, לאַפּקע=בחור, נעם=בהור); אַ ב ל אַ ט ה ו ו ס (שאַנדהויז). — פּראַגע: „א י ז ע ג אַ פ אָ אָ ר ן א ו ף אַ ב ל אַ ט אַ פ?ע (מיט לאַנגען i), ד״ה אויף אַ פור מיט גנבים.—ראַווע: אַ ב ל אַ ט ע ק ו (אַ געגאַנוועטע). — י. אַקסנפעלד, „דאָס שטערנטיכל״ 10: „שרה די שמשטע ווערט בלאַט מיט שלמה בעשעל ס׳׳ (ד״ה הייבט אָן צו האַלטן זיין צד). — „דאָס מטלחת״ 25: „ער קויפט אַמאָל אויף אַ ב ל אַ ט ע סחורה״. — וואַרשע: ב ל אַ ט י ר ן (מיט לאַנגען i)=אונ=טערקויפן, אָפּכוירעשן.

אין דער פּוילישער גנבים=שפּראַך: błatny (גנב, קאָלעגע); זע ק. עסטרייכער „Szwargot więzienny" (קראָקע 1903) ז. 41.—פוו״ב 1 163: blat (אויף העכטשקע=לשון), „וואָס באַהאַלט ביי זיך אויס געגאַנוועטע זאַכן״.—

גערסראָכע (û), די (גע׳טרחה). אַן אָוויר, אַן עיפוש. — בירנ־בוים 119: נייטרום.

גראָ׳כוויניעם (סינגולאַר נישטאָ). שמאַטעס, פּסולת, אָפּפאַל. דעם אמתן פשט, נאַטש פון אַרבעס, ווייסט מען שוין נישט.

פוו״ב I 908: grochowiny 2, אַן ערך מיטן זעלבן פשט.

דיניצע (dy), די, פּלור׳ –עס. – דאָסזעלבע, וואָס אַ לאַדיש (זע), וואָ־ צו שטעלן טשאָלנט. אַן „ערדערענער" (ערדענער) טשאָלנט־טאָפּ[1]) – פוו״ב I 490 dónica, dojnica.

האָדער (û), דער, פּלור׳ –ס. אַן אָפּגעשליסן, אַ צעשיט מלבוש; אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע צעפּאַלט זיך אויף „לאָקשן". „ער גייט אין איין האָדער" = אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. זע צעהאָדערן.

עטימ׳: דוו״ב IV, II, 111: Hader–אָפּגעריסן שטיק שטאָף, שמאַטע.

האַ׳וויע, די. אַ גרויס געזינדל. „אַזאַ האַוויע האָט זיך אָפּגע־לייגט אויף מיר", קלאָגט זיך דער באַלעבאָס.–עטימ׳ ?

האַקן דעם ריפּקוכן (זע). אַ באַבסקע רפואה צו ריפּקוכן. דאָס קראַנקע קינד לייגט מען אַוועק אויף אַ שוועל. אויפן בייכל לייגט מען דעם אַרויף אַ ברעטל און מ׳האַקט אויף דעם מיט אַ קיאָנקע. פון יענער זייט טיר, אין דרויסן, שטייט עמיצער, און ס׳ווערט גע־זאָגט אַזאַ מין שפּראַך אין פאָרם פון אַ דיאַלאָג. דער וואָס אין דרויסן: „צאָ׳רעם באַיעש (córem bájesz)?" [= וואָס האַקסטו!]. ענט־פער:–„קראַ!" דער דרויסנדיקער: „ראָמבטשע טאַק נאַ דראָבני מאַק". דעם דיאַלאָג חזרט מען איבער דריי מאָל. דערפון ווערט דאָס קינד געזונט.

האָ׳רמעס (o). אומגעהייער פיל; קופּעס. „היינט איז דאָ אויפן יריד אוגערקעס–גאַנצע האָרמעס". אין סינגולאַר נישט באַנוצט.

הייט, די (aj). אַ באַדויערלעכע לאַגע. „האָב איך אים גע־טראָפן אין אַ הייט..." (וועגן אַ חולה מסוכן).

עטימ׳: דאָס מה״ד הויפּטוואָרט heit, לעקסער I 1224), וועזן, שטייגער, באַשאַף, וואָס איז לכתחילה געווען זעלבשטענדיק און היינט האָבן מיר עס אין דער ליטעראַטור־שפּראַך נאָך אין צוויי סופיקסן: 1) שיינהייט, וואָרהייט אאַז״וו; 2) לעבעדיקערהייט, געזונטערהייט אאַז״וו.

וואַרשט, די. (פּלור׳ –ן), אַ שיכט. צעהאַקט האָלץ לייגט מען איין אין וואַרשטן[2]).

1) זע נח פּרילוצקיס „דאָס געוועט" I ז. LXII.—

2) עטימאָלאָגיע: דאָס ווייניקגעברויכטע פּוילישע warszta אָדער warst (=דעם קאָרעקטן warstwa).—זע פוו״ב VII 464.—

וולודאַזש (y). „שרייען, ווי אַ וולודאַזש" = שרייען מיט אַ ווילד קול. „ער טוט אַ הוק, ווי אַ וולודאַזש".

עטימ׳: פויל׳ włódarz (פוו״ב VII, 653 ברענגט די דאָזיקע בייפאָרם צום ליטער׳ włodarz), עקאָנאָם, פאַרוואַלטער.

זייכן — משתין זיין (גרעבער). פגל׳ י. טריוואַקס, בעל-עגלה-לשון, „ביי אונז יודען" ז׳ 172: „זייכען – משתין-זיין (וועגן פערד)"[1]. דוו״ב X, I, 168: אייבער- און מיטלדייטש.

זי: ערקע, די, –ס. אַ יידענע, וואָס פאַרקויפט אין מאַרק אויבס און גרינוואַרג[2].

טאַ׳דרעך, דער, -עס. — אַן אָפּגעטראָגן בגד, אַ ליאַך, אַ טראַנטע.

פוו״ב VII :6 tadrach מיטן זעלביקן פשט.

טאָליע (û) (תלוי), די. — „ער איז פּאַלטש, ווי די טאָליע". „מע מעג אים גלייבן, ווי דער טאָליע". „ר׳האָט זיך געשווירן, אַז מע האָט געטעגט דער טאָליע גלייבן".

טראָפּ. „אַ טראָפּ" – אַ קאַפּ, אַ קליין ביסל. „אַ טראָפּן" – אַ קליי-קעלע פּליסיקייט.

טרער. „אַ טרער"—אַ קאַפּ, אַ טראָפּ. ביים קרעמער: „גיט מיר צו אַ טרערעלע עסיק".[3]

טשאַטשקען זיך — האַלובען זיך (וועגן יינגלעך מיט מיידלעך). שפּילן זיך אין קוצעניו-מוצעניו, צאַצקען זיך. „גאַנצע נעכט האַלט מען זיך אין איין טשאַטשקען"[4].

טשוואַלעווען–זייער שטאַרק קאָכן. „דאָס וואַסער טשוואַלעוועט". פוו״ב I 356 czwalować מיטן זעלביקן פשט.

יויז (oj), דער. דעם נוצרים פיגור. פאַרקלענער-פאָרם: דאָס יאַיזל. אַ פאַרהויקערטער, אַ קרענקלעך פאַרקרימטער[5]. מיט אַ פאַרבריי-

---

1) שמואל חיינטרויב, „יענטאַליס קבר אבות" (ווי. 1883) 11: „אוי די זאָלסט מיר פאַרגרינסען זכות דער גרייכן, אַז אונזער אַב עלי זאָל זיך אויף העיין צו ביי אַ זייכען".—

2) „דער וואָרעם אין כריין" (פ.ב. I 72): „בעת טרייבען אין טערעדע, הייבען זיך אָן יאַוועצן די סעדעלעס און מאַרקזיטצערקעס".—

3) אויך אין וואַרשע. — ש. עטינגער, „משלים" (פעטערבורג 1889) 69: „האָט זיך... אַ טרער קאַווע גענומען".—

4) פוו״ב I 315: ciaćkać się (מיגדארטלען), 1 = צערטלען זיך (באַזונדערס העבן קינדער), 2) קושן זיך.—פוילישער ć ווערט אין פּויליש-יידישן אַרויסגערעדט: טש.—

5) תאַרקאַהי 172: „יויזעל = Jezus".—אין קרעמעניץ: יויז, יויזל, (=a)

טערונג פון פשט: „ער שטייט נאָך אַלץ פאַרקרימט ווי אַ יויז“ (אויף אַ קינד, וואָס האָט אָקאָרשט געוויינט). „אַ גרינער יויז“.

כאַלייען — שלאָפן ביז שפעט אויפן טאָג; אָדער לייגן זיך, פריער ווי געוויינטלעך. „ר'האָט זיך שוין אַנידערגעכאַלייעט“[1]). – עטימ׳: העבר׳ חולה.

כמאָרעם (û) – געדיכטע מאַסן פון שוויבלדיקע בעלי־חיים. – „וואָס אין דעם קאָפּ טוט זיך (לייז) – כמאָרעם!“[2]).

לאַדיש, דער. –עס. = אַן ערדער(ע)נער טאָפּ, אויף אויפצושטעלן מילך (אויף זויערמילך)[3]).

פוו״ב I 828 ładysz מיטן זעלבן פּשט.

לאַפּן. „לאַפּן קישקעס יויך“. אַז מען רייצט זיך מיט עמעצן.– פשט?

ליאָרווען = זייכן (זע).

צי איז פאַראַן אַ צוזאַמענהאַנג מיטן דייטשן lorken (פון שלעזיע) – מאַכן גראָבע וויצן (דוו״ב VI, 1151)?

לימנקעס (i). ער מאַכט עס מיט די ליסנקעס. – ווי אַ בריה, ווי אַ מייסטער. פגל׳ פיכעס. עטימ׳?

ליפּען (y) – עסן מיט אַן אויסטערלישן אַפּעטיט.

פוו״ב II 825: łupić 2: אָפּרייסן, באַראַבעווען. דאַל׳ II 278: łupit'-אָפּשיילן, אָפּשינדן, פּרעסן[4]).

לעק, דאָס – אַ קליין ביסל. „אַ לעק עסן“. אויך ביי פּליסי־קייטן בכלל.

---

דער נוצרי אָדער זיין פיגור, b) פיזיש און גייסטיק הינטערשטעליק קינד; c) צעקראָכן, תּכצהדיק קינד, ווייבער, ווינזעלע.

צו דער עטימאָלאָגיע: אין מערב־יידישן איז יויזלין אַ צערטלפאָרם און דימי־נוטיוו צו יוסף. — דער מחבר פון דער תּנ״ך־איבערזעצונג (אמסט. 1679) שרייבט זיך אונטער אויף דער הקדמה: „דאש ביט אייאר דינשט וויליגר שרייבר׳ יוסף בן לא״א אלכסנדר זצ״ל המכונה יוזלן וויצן הויזן׳ זעליר“. — אין „ס׳ אבני זכרון“ פון יצחק ראַזימש (לעמ. 1899) ל״ז b—ל״ט: „יוסף... יאסקא... יוסל, יוסלין, יאסיל, יוסלין, יוזפא, יוזב, יוזל...“—

1) כאָליען (מיט o) — פּאָפּולערער פאַראַכטלעכער אויסדרוק פאַר „ליגן, שלאָפן“.—קרעמעניץ: „וואָס כאָליעסטו אזוי שפעט?“, „גיי שוין כאָליען!“—„חרם דרבינו גרשון“ (וו. 1882) 7: „פרעס דיך אויהן אין גייא חאָלען“. —

2) „כמאָרעם“ = דעם העבר׳ חמרים (שמות ח׳ י׳, במדבר י״א ל״ב), = הויפנס, קופעס.—

3) ליפ. 111, ליפ. II 138, דרייז. 217, הארק. 180.—אויך אין קרעמעניץ. —

4) הא״ק.: לופען. —

מאַ׳שלינקע, די. = דאָס, וואָס עס בלייבט פון דער סמע־טענע, ווען מען פוטערט אויס; אַ זויערלעכע משקה [1]. – פוו״ב II 898: maślanka.

מייקעבץ, דאָס. –ן. אַן אומגעשמאַק געקעכץ, פון וועלכן מען קען ברעכן. — עטימ׳: מקיא זיין, מייקענען.

מערביק – גוט אויסגעבאַקן, אַז ס׳צעקרישלט זיך אין מויל. „מערביקע קיכעלעך".

דוו״ב VI, 2713: mürbe. ליפשיץ 124: „מערביג – raz-sypczatyj".

נאָגעלע (u), דאָס. אַ קליין שטיקעלע, אויך אַ קליינע זאַך: אַ נאָגעלע קינד, אַ נאָגעלע ברויט. — אויך אַדיעקטיוויש: „אַ נאָגעלע ברייטעלע" (= אַ קליין ברייטעלע).

נאָנט (ô), דער. אַ טייג, וואָס מ׳באַקומט, ווען מ׳פּרעגלט מאָן אין האָניק. אין גאַס פאַרקויפט מען קליינע, דינע „נאָנטלעך" (דער נאָנטל) אין פאָרם פון אַ ראָמב. – גידעמאַן ייד׳ 220, 224 ברענגט פון „ספר חסידים קטן": „נויוויט". קהלת שלמה, אַמסטערד׳ 1774, כהa: „אגוזים גדולים וקטנים וגם אם הם טמונים בדבש שקורין (נואי״ט)" [2]. גידעמאַן דרינגט אַרויס דאָס וואָרט פון מה״ד niuwet, צעשטויסנס.

נאָפּ, אַן אָפּ, אַן אָפּעלע (o)–אַ קליין ביסעלע (פון פליסיקייטן) [3].
עטימ׳? „נאָפּל" (Nabel) האָט אין פּיאָסק אַ û.

סאַרייסטער. — „ער רעדט ווי אַ סאַרייסטער" = ער רעדט ווי אויס אַ רייסטער, אַזוי ווי ער וואָלט אַליין געווען דערביי.

פוו״ב V 503: jak z rejestru – גענוי, אַקוראַט, פּינקטלעך איבערגעטריבן.

---

1) ליפ׳: „מאסלינקע = pachtańje". — ליפ. II 224: „pachtańje = די מאסלינקע, אויסגעשלאָגענע מילעך". — הורוו.: „מאסליאנקע = מי־חלב, מיך־חלב". — הארק.: „מאסליאנקע, מאשליאנקע, מאָשלינקע, = butter-milk". — ד״ר משה מארקוזע, „ספר רפואות" (פּאָריצק 1790) ל״ו: „אייניגע קראנקע זענן גיזונד גיווארן פון מאשליאנקע טרינקען". —

2) וועגן דעם וואָקאַבל — § 207 אין צווייטן באַנד פון נח פּרילוצקיס „מאַמע־לשון" (דרוקט זיך).

„ספר אור חדש" (אַמסט׳ 1671) כ״ז b: „אגוזים גדולים שקורין וועלש״י נוסי״ן אפי׳ המטוגנין בדבש שקורין (נאוי״ט)". —

3) וואַרשע: אַ ניאָפּ, אַ ניאָפּעלע (מיט קורצן o). — „חרם דרבינו גרשון" 19: „אין חאָטש זיך ווינט ביִשט אפילו אַ נאָפּ"... (גראַם צו „קאָפּ"). — „עגל הזהב" (וו. 1898) 85: „זיין פּנים... איז געוואָרן... גרין געלב אָהן אַ נאָפּ בלוט". —

פּאַרכֿען = עיפּושן[1].—עטימ': העבר' סרח.

סיגע, די. —ס. אַ מיאוסע מינע, וואָס מען חזרט איבער נאָכ־אַנאַנד; משונה העוויות; גרימאַסן. „ער האָט איבערגענומען דעם פֿע־טערס אַלע סיגעלעך".—עטימ'?

סע'רוועטקע – דאָס אָפּזייעכץ פֿון צוואָרעך (ווען מען מאַכט קעז), וואָס גייט אַרויס פֿון קעזנזעקל[2].

פּוו"ב VI :76 .serwatka – פֿגל' וויינרייך, „שטאַפּלען" 240, 249.

פּאָלטשעם. — פֿאַלן פּאָלטשעם (פֿון שלעפּעריקייט און מיד־קייט) — פֿאַלן שלאָפֿן אויפֿן אָרט, ווו מען געפֿינט זיך. „אַ גאַנצן טאָג אין דער היץ — כ'האָב געמיינט, איך פֿאַל פּאָלטשעם".

עטימ': פּוו"ב IV :546 połciem leżeć, אינסטרומענטאַל פֿון połeć – אַ לאַנגער פּאַס (אַ זייטל).

פּאָ'לעווקע (ס), די, —ס. — דאָס וואַסער, וואָס מען זייט אָפּ פֿון קאַרטאָפֿל, פֿאַרפֿל, קליסקעלעך. אָ־ימע לייט בעטן אויס כאָטש אַ ביסל פּאָלעווקע[3].

פּיאָלע (קורצ. ס). ביטער־פּיאָלע [=ביטער, ווי פּיאָלע]. אַ בי־טער גראָז אַזאַ, Artemisia. פֿגל' פּרץ, „מאָניש": „ר'איז ווי גאַל, ווי פּיאָלון ביטער". עטימ': פּוו"ב IV :195 .piołun

פּיזעם — עקלהאַפֿט, נמאס. „ס'איז מיר שוין פּיזעם צוצוגיין צו אים".

ליפּשיץ :158 „פּי'זעם-wychuchol', muskus". קלוגע 54: Bisam, מה"ד bisem, פֿון לאַט' bisamum, וואָס נעמט זיך פֿון העבר' בשם.

פּי'ושאַק, דער. –עס. מיט דעם נאָמען רופֿט מען אַלע שטע־כיקע אינזעקטן.- עטימ' ?

פּליד (płyt) = פֿאַרמערונג ביי חיות. טויבן מאַכן אַ גרויסן „פּליט".–ממ"ס, שלמה ר' חיימס, 96: „אַ אינדעטשקע... לאָז זי לעבן און בלייבן אויף פּליד".

פּויל' płód, רוס' płod, אוקר' plid.

---

1) אויך אין וואַרשע.—אויף שפּעט-לשון: „זכות אבות האָט זיך באַסאַרכעט".

2) משה מאַרקוזע ב"ד: סעראָוואַטקע.—

3) פּוו"ב IV :531 polewka און [מונדאַרטלעך] poliwka, = דער פֿליסי־קער טייל פֿון אַ געקעכץ.—

פסום=ביקבל (מיט קורצן u), דאָס. פלור׳ פסום=ביקסלעך. בשמים-ביקסל, בשמים=פושקע [1]). אין וואָלין: אַ הדסל. צו שמעקן ביי דער הבדלה.

פשע׳קופקע, די. –ס. = אַן אויפֿקויפֿערין פֿון הינער, אייער... היינט זאָגט מען דאָס רוב „אויפקויפערין"; פשעקופקע באַנוצט מען ווי אַ זידלוואָרט.

פֿאַך, דער. –ן. אַ שיכט (ביי פֿלאָדן). „כ׳האָב געמאַכט אַ פלאָדן פון דריי פאַכן".

פֿאָרהאַנט (û), די (אין קאָרטן) ערשטע האַנט; בילכער ביים אויסנעמען.–ליפשיץ 148. לעקסער III :599 vürhant.

פֿאַרוועטעווען = „פאָפראַוויען" (דערגאַנצן), פאַרבעסערן. – אויפן שלום-זכר, למשל, ווו מען עסט נאָר אַרבעס און מען מרינקט ביר, רופט דער שמש אויס: „ר׳ חיים [דער נאָמען פונם בעל=ברית] בעט איבער דעם עולם, אם ירצה השם אויפן ברית וועט ער פֿאַרוועטעווען מיט כל-טוב".

פוו"ב IV :840 powetować מיטן זעלבן פשט.

פאָריע (o), די. אָנשטעל; איבערגעטריבענער פּאַראַד. „אָן דער פאָריע גייט עס נישט ביי זיי".

עטימ׳: „פוראָר"? אין סאָכאַטשין (צפון-מערבדיק פון וואַרשע): „ס׳אַראַ פוראָר ער מאַכט!" (מיטן פשט: ס׳אַראַ גרויסע פאַראַדן!). – אויך מיטן זעלבן פשט: אין ביאַליסטאָק: פוריע; אין ווילייקע (לעבן ווילנע): פוראַזש.

פֿיך, דער. –עס (î). אָנפיכן. „ער מאַכט עס מיט די פיכעס" = ער מאַכט עס ווי אַ מייסטער. אין זעלבן זין: „ער מאַכט עס מיט די פערציק". דערפֿון דרינגט אפשר אַרויס די עטימ׳: העבר׳ נפוח? [2]).

פֿערפל = פאַרפל.

צומביק (מיט קורצן u), דער. פאַרקירצט פֿון פסום=ביקס (זע). ווערט באַנוצט נאָר אינם זאַץ: „שמעק מיר צום צומביק" אין אַן איבערגעטראָגענעם מיאוסן זין.

צעבויסן. — „ער גייט ציריסן און ציבויסן" = אָפגעריסן און אָפגעשליסן. ווערטל: „ווער עס גייט ציריסן – ער גייט ציבויסן".

---

1] וואַרשע: פסאָמביקס [מיט קורצן u], — זאַמישטש: פסאָמשמעקע (בשם-שמעקער).—

2) גיכער דאָס אַלטפּויליש fochy (פל.) = קונצן, קונצשטיק [פוו׳ב I 757]; פון דייטש. fachen. —

וואָרטשפּיל: ציריסן–צו רותן (cyrysn, אָבער די מגילה הייסט rîs); דערצו צוגעפּאַסט: ציבויסן = צי בוזען.

צעהאָדערן (û). צערייסן אַ בגד. זע האָדער.

קאָשקען (מיט קורצן o). מיט נויט אויפוועקן עמיצן פון שלאָף; וועקן און נישט קענען דערוועקן. „מ'קען זי נישט דערקאָש-קען"; „אפשר וועסטו זי קענען אויפקאָשקען?" – ריב"ל, הפקר-וועלט, וו. 1903 ז' 35: „און קאָסקעט דערמיט אַזוי איין דעם עולם". עטימ': פּויל' kośkać (פוו"ב II 487) – פּאַטשן מיט די הענט?

קוירעך, דער. –ס. אַ קמצן, אַ פּאַרביסענער שלעכטער מענטש. העבר' קורח, וואָס האָט באַקומען אין יידיש צווי טייטשן: 1) עושר („רייך ווי קורח"), 2) ווי דאָ.

קלעקטשען = בולבלען זיך ביים קאָכן[1], שטאַרק קאָכן, צעקאָכט ווערן. „די קאַרטאָפליעס זענען שוין צעקליעקטשעט", שטאַרק צעקאָכט. פּויל' klekotać, klektać (פוו"ב II 355).

קניפּיק, דער. –עס. אַ קליין מעסער מיט אַ הילצערן שטילעכל[2]. פוו"ב II 381 knypek מיטן זעלבן פשט (די פּאָליאַקען אין פּיאָסק רופן עס kozik).

קריש, דאָס. אַ קליין שטיקל. „אַזאַ קריש ברויט האָט ער אויפ-געגעסן".

פוו"ב II 577: krusz = ברעקל. – פּגל' ליפשיץ 201: „קרישנע–chrupkij"; דאָרט גופא 202: „קרישען – זע ברעקלען".

---

1) אויך אין וואַרשע, שעדלעץ וכ'.–טייטש: „רודערן, פּלאַצן ביים קאָכן".—

2) קרעמעניץ, זאַמישטש: ק נ י פּ י ק, ק נ י פּ י ק ל, = מעסערל, וואָס פאַרמאַכט זיך: איין קלינגל אין אַ הילצערנעם שטילעכל. — ליפּ. 199: „ק נ י פּ י ק = kljapik"; דער רוס. וואָקאַבל ווערט ביי ליפּ. II 125 פאַרטייטשט: „דער ק נ י פּ י ק, דאָס שוסטער-מעסער".—ביי הורוו., הארק., דרייז. נישטאָ — י. אַקסנפעלד, „קבצן עושר שפּיל" (פּרעס 1870) 7: „גוישע ק נ י פּ י ק ל י ך". — א. קאַלמוס, „דער קאָמיסיאָנער" (ווילנע 1880) 68: „ג נ י פּ י ק ל י ך (אָרדענערע קינדערשע מעסערליך)".

דאָס פּוילישע מונדאַרטלעכע knypek איז דימינ. צו knyp (מונדאַרטלעכע ביי פּאָרמען: gnyp, gnip), וואָס שטאַמט פון דייטשישן (אין דער ליטעראַטורשפּראַך נישט אַלגעמיין אָנגענומענעם) kneip, „מעסער" (מער געברויכט: Schusterkneip); זע קלוגע 248.

דאָס פּויליש-יידישע האָט אויך אַ געשטאַלט, וואָס איז געקומען דירעקט פון דייטשישן אָן דער פאַרמיטלונג פון פּוילישן. — גאָמבין: ק נ אַ אַ פּ ל („קליין מעסערל"), וואַרשע: ק נ אַ אַ פּ ע ר ו (קנייפּערל); „יענטאַליס קבר אבות" 13: „מיט אַ ק נ אַ פּ ע ר י ל גישאָלטין". — לעקסער 128: knîp, „מעסער". — אַנגעלזעקסיש (אַרום יאָר 1000) cni'f, ענגליש knife, פון אַלט-נאָרדישן kni'fr, „מעסער"; נידערלענדיש מונדאַרטלעך knijf „מעסער", און פראַנצייזיש (ליוואָרט פון גערמאַנישן) canif, „מעסער" (זע קלוגע 248).—

ראָגעווקע (קורצ. O), די. –עס. אַ קאָפּטיכל אין דער פאָרם פון אַ דרייעק; אַ געוויינטלעכע פּירקאַנטיקע פּאַטשיילע איבערגעשניטן אין דיאַגאָנאַל. – פוו״ב V 554: rogówka מיטן זעלבן פשט.

רייזעלע, דאָס. –עך. שבועות קלעפּט מען אויס אויף די פענס־טער, וואָס גייען אַרויס אין גאַס אַריין, בילדלעך, אויסגעשוירן אין פּאַפּיר.–ממ״ס, שלמה ר׳ חיימס, יוביל׳ 88: „דאָס יודישע חדר־יונגעל... געהמט זיך מיט חשק... מאָלען רייזלעך און קלעפּען אויף די פענסטער שבועות" [1]. – עטימ׳: פאַרקלענער־פאָרם פון „רויז"?

רימען (y). שטאַרק קלאַפּן אין לאָדן. — פוו״ב V 771: rumować מיטן זעלביקן פשט.

ריפּקוכן, דער, –ס. אַ קרענק ביי קינדער (זעלטן ביי אַלטע): אַ פאַרגרעסערטע מילץ (טיילמאָל אויך לעבער) ביי דער ענגלישער קראַנקהייט [2]. – אָפּאַטאָשו, אונטערוועלט, וו. 1922, ז׳ 33: „... זי וועט אים צאָלן ס׳חולאת מיטן ריפּקוכן" [=גאָרנישט].

פגל׳ דוו״ב V 2500: Herzriebkuchen. – Riebe איז די עלטערע פאָרם פון Rippe, ריפּ.

רעדניאַק, דער, –עס. – אַ גראָב לייוונטן בגד, אַ זאַק.

פגל׳ פוו״ב V 802: rzadzizna, rzedzizna – אַ שיטערער שטאָף. דאַל׳ IV 121: r'ednina – גראָב דאָרפיש לייוונט; אַ זאַק פון דעם שטאָף הייסט r'edni'k.

רעפטל, דאָס, –עך. = דער שפּיץ פון אַ ברויט [3]. אין בריסק: אַ שפּיצעלע, אַ זײַטעלע. אין ווילנע: אַן אַקרײַטשיק, אַ סקרײַעק, אַ ראָזשאַק.

דייטש Ränftchen (דוו״ב VIII 91) מיטן זעלבן פשט, פון Ranft – ברעג, קאַנט.

שאַכער, דער, –ס. אַ הענדלער פון געניצטע מלבושים, שוכ־וואַרג.

פגל׳ דאָס דייטשע schachern, עלטער sachern (זייט דעם 17טן י״ה, ז׳ קלוגע 382) פון יידיש סאַכערן (סחר׳ן); פויל׳ szachraj, szacher איז גענומען פון דייטש (פוו״ב VI 551).

---

1) אַ פאַרשפּרייטער מנהג ביי יידן. אויספירלעך וועגן די רייזעלעך (אָדער שבועותלעך, ווי מ׳רופט זיי אויך) — זע ביי רעגינאַ ליליענטאַלאָווא, „Święta Żydowskie" I, קראָקע 1908, 59—60. דאָרט זענען אויך געבראַכט מערקווירדיקע רעפּראָדוקציעס פון די רייזעלעך.—

2) דערקלערונג פון ד״ר צ. שאַבאַד. דער אויסדרוק איז באַוווּסט אויך אין ווילנע.

3) אויספירלעך וועגן דעם וואָקאַבל אין נח פּרילוצקיס „מאַמע־לשון", ערשטער באַנד [וואַרשע 1924], 51, 72.—

שטאַם. „מאַכן שטאַם"=מיטהאַלטן אין דער געהיימער זאַך, ווערן אַן אייגענער. — ערנצטער און אַקטיווער, ווי „מאַכן בלאַט". עטימ'?

שטויב, דאָס. – אַ קליין ביסעלע ביי שיטעוודיקע זאַכן. ס'שטויב מעל, פעפער צעריבענעם; אַ שטויב זאַמד („שטויב"=kurz, רוס' pyl', הייסט דאָס רוב קאָרעזש, koreż; נאָר ווען מען ניצט „שטויב", איז עס לשון זכר).

שטעטער (פלוראַל)=אויסטערליש רייכע הלבשה. „זי איז דאָך רייך, נאָר זי גייט גאָרנישט אַזעלכע שטעטער".

עטימ': פלוראַל פון „שטאַט".

שטעל, די, –ן. אַ קרעמל פון אַ זיצערקע (באַשטייט פון עט-לעכע קיישלעך אויף אַ באַנק); אַ קראָם (פון בעלי-מלאכות), וואָס באַ-שטייט פון אַ טיש (מיט אַ דעכל פון לייוונט אויף לייסטן פאַרן רעגן). „שטיין מיט אַ שטעל", „אַרויסטראָגן די שטעל אויפן יאַריד".

ליפשיץ 212: „שטעל (אין מאַרק) = ławoczka, ław-czonka, bałaganczyk, runduk".

שטעפּנט (סינג. און פל.)=קליינע המנטאַשלעך מיט מאָן, געטונקענע אין האָניק. מ'מאַכט עס אויף שמחת-תורה[1]. – עטימ'?

פאַראַן אַ קינדערליד (אַ טראַוועסטיע פון זמירות), וואָס הייבט זיך אָן אַזוי: „יום זה מכובד מכל שטעפּנט, די אַלטע באָבע האָט ג'אויון געפּענט"...

---

1) אין קאָזשעניץ (קריי-שטאָט אין ראָדעמער קאַנט) מאַכט מען שטעפּנט אַזוי: מ'קאָכט אָפּ און מ'צערייבט באָרקעס (מיט קורצן ס), די ווייכע מאַסע פּרעגלט מען איבער מיט ראָזשינקעס, אָדער מיט האָניק אָדער מיט צוקער, און דערנאָך לייגט מען די דאָזיקע געפילעכץ אויס אויף אַ בלעטל טייג; דאָס טייג פאַרוויקלט מען און מ'צעשניידט דאָס גאַנצע אויף דרייקאַנטיקע שטיקלעך, וואָס האָבן די פורעם פון המן-טאַשן; די שטיקלעך באַקט מען אויף אַ בעקן אין אויוון, און צום סוף טונקט מען זיי אין האָניק, וואָס איז צעלאָזן אין אַ פאַן, כדי זיי זאָלן איבערגעצויגן ווערן מיט דעם האָניק.—דער פּראָדוקט פון די אַלע מאַניפּולאַציעס הייסט שטעפּנט.

אין אָפּאַלע (פילעווער ק.): שטעפּנט (קאָלעקטיווער סובסטאַנטיוו, נישט דיפע-רענצירט לויט די צאָלן): אַ לאַנג און שמאָל בלעטל טייג ווערט געפילט מיט איינגע-מאַכץ און געפּרעגלט אין האָניק; דאָס לאַנגע, שמאָלע און פלאַטשיקע געבעקס צעשניידט מען קווער אויף קליינע שטיקעלעך, וואָס זעענען אַזוי-אַרום פון ביידע זייטן, אויפן אָרט פון שניט, אָפן, און מ'זעט אַרויס ס'געפילעכץ.—פאַרצייטנס פלעגט מען פילן מיט גע-קאָכטע און געריבענע מייערן.—מ'באַקט דאָס אויף שמחת-תורה צום קידוש.

גלאָוואַטשעוו (קאָזשעניצער קרייז): שטעפּנט, — „אַזוינע קיכעלעך, אַדורכגעוואָרפן עטלעכע בלעטלעך טייג, געפילט מיט באָרקעס, אָדער עפּל צי פלוימען-געבאַקן אויף שמחת-תורה".—

שעכטל, דאָס, -עך. = אַ פושקעלע פון טאָוול. — אַ שעכטל גילזן. – דייטש: Schachtel, Schächtelchen.

שפיק, דער, -עס. אַ „ליכט“, וואָס רינט פון אַ פולער נאָז, אַ גרויסע „קאָזע“. „שנייץ אויס דעם שפיק“. – „גרינער שפיק“: אַ פאַרקרימט-ברוגזער. – פגל׳ יויז.

פוו״ב VI 753: śpik מיטן זעלבן פשט.

---

# מלואים צו נח פרילוצקיס „געוועט“[1].

## פון משה לערער (כעלעם).

**מיין מאמען.**

די ווייטער געבראַכטע מלואים זענען געשעפט פון דער ייִדישער מונדאַרט און פון ייִדישן לעבן אין כעלעם.

גזרה-קאַפּקע (מיט קורצן u): אַ טשיפּעק פון שוואַרצער סחורה, אַטלעס למשל, וואָס מ׳טוט אָן אויפן בלויזן קאָפּ, און אויף דעם ערשט אַ שוואַרץ גאַזע-שייטל מיט בלימלעך, צעפּלעך, פון שטאָף געמאַכט. געטראָגן על פי רוב פון „שיינע-יידענעס“: רעביצינס, יחסנטעס וכדומה. מיין מומע, די רעביצין, דערציילט מיר, אַז איבער דער גזרה ביי פאָניען, מ׳זאָל טראָגן האָר, האָט מען איר אַרויסגענומען אַ „שווידעסטווי“ (צייגניש) כון אַ דאָקטאָר, אַז מ׳מוז איר אָפּשערן די האָר צוליב היגיענישע מאָטיוון. דעמאָלט, אגב, איך די גזרה אויף מאַנצבלען, זיי זאָלן נישט טראָגן קיין באָרד און פאות; פלעגן „סטראַזשניקעס“ (פּאָליציאַנטן) האָבן שערלעך אין די הענט און טון די אַרבעט אין מיטן גאַס.

געלע מצות (=אָפּגעשמירטע מיט איי) באַקט מען אויף דעם ערשטן שבת נאָך פסח, אַלס אַ זכר לגאולת-מצרים. – „געלע מצות“ מוז זיין פאָלקסעטימאָלאָגיע פון גאולה-מצות.

דאַשעק. – „רעד צו מיין דאַשעק“ = „רעד צום לאָמפּ“.

האָפּטשיקטשאַק: אַ ליצנותדיקער שם-גנאי אויף אַ מלבוש מיט אַ קאָמיש אויסזען, ס׳רוב אויף אַ טשיפּטשעקל מיט „בלומען“.

זשיניעטענע קאַפּעטע (אַרויסגערעדט; קאַפּיטי, מיט הויפּטטאָן אויף ערשטער זילב).

---

1) נח פרילוצקי, „דאָס געוועט“, באַנד 1—פאַרלאַג „קולטור-ליגע“, וואַרשע 1923.

טראָלד. — באַ אונדז הייסט עס: ט ר אָ ל ב (מיט O), פל׳, ט ר אָ ל ב ן.

טראָסצענע. — באַ אונדז: ס ט ר אָ ס ט אַ ן (מיט O), פל׳: —עס: = דעם פוילישן trzcina, ווערט געברויכט אויף סכך, אויף טינקע-ווען הייזער, אויף קינדערפייפערלעך וכ׳. — אַ פינסקער האָט מיר דער-ציילט, אַז באַ זיי רופן דאָס יידן און פויערים: ט ש ע ר אָ ט (מיט O, וואָס טראָגט דעם אַקצענט).

יאַנדראָניע (מיט O). — באַ אונדז איז געווען אַ פריילעך יידל, אַ פורים-לך, פלעגט ער זינגען מבוסם אַזאַ לידל: „כ׳וועל אייך דער-ציילן אַ מעשה, || אַ נייע יאַ נ ד ר אָ נ י ע, || וואָס האָט זיך פאַרלאָפן || מיט פוילן און פאָניע״...

יאַרמיקי: אויך באַ אונדז, שטאָט „יארמעלקע״.

כאָליעווע (מיט קורצן O). — „מאַכט פון מויל אַ כ״, ד״ה האַלט נישט קיין וואָרט, דרייט.

לאַפצודאַק (ערשטע און לעצטע זילב גלייך שטאַרק באַטאָנט). — אַ קינדער-לידל: „לייצים, צוצים לאַפצודאַק, || מאַכצים[1] קליינעם אַ האָפטשיקטשאַק! || אויפגענייט, אויפגעשטאָכן, || אויפן קליינעם אַרויפ-געקראָכן״.

לאָקשן. — קינדערלידל: „ווער וויל...?״ — „יעך!״ || „קאָך לאָקשן!״ — „פאַרברען דעך!״

„ז ע נ ו ר ד י ק י ט אָ פ ל׳ י מ י ט ן ל אָ ק ש ״, — זאָגט מען פון אַ נישט גלייך פאָרפאָלק: אַ קליין ווייבעלע מיט אַ הויכן מאַן, ולהיפך.

באַ אונדז זאָגט מען: „ק י ע ד י מ אַ ר י נ י אַ ל אָ ק ש י י ִ ל אַ?״ (Kiedy Marynia łokszy jiła?).

לאָקשן-קוגל. — „שאָקלט זיך ווי אַ לאָקשן-קוגל״; „טרעסעט זיך...״

לייבל. — „ידע אנוש בנפשו״ האָט ר׳ מאירל פרעמישליאַנער געטייטשט: „אַ מ ע נ ט ש ז אָ ל ש ל אָ פ ן א י ן ל ײַ ב ל״ (אַרויס-גערעדט: ל אַ אַ ב ל).

לייטער (פלוראַל אויף —ס): הושענא-רבה-חלה, — „צו גיין אין הימל נאָכן קוויטל״.

ליישן. — רעדנסאַרט: „פ אָ ר ל ײ ש ט א ו ן פ אַ ר ג ל ע ט״, ד״ה צוגעגלעט, באַהאַלטן פאַר אַ ״רעמד אויג וכ׳. למשל, די עקרת-הבית גיט אין סוכה אַריין די מאַנצבלען גרויסע פאָרציעס און אין שטוב בלייבט אַ קדחת.

---

1) = מאַכט דעם.

סאַליאָן (מיט ס), פל׳: –ען, = גאָר רייכע סאַליע.

סאַלעפּ, סאַלעפּניאַק, = גראָבער קאָפּ.

פריה־ורביה־היטל: אַזוי רופן לצים דאָס חסידישע היטל, דאָס קאַשקעטל.

פויגל (פל׳ מיט אומקלאַנג): שמיני־עצרת־חלה, – „צו ברענגען ס׳קויטל״.

קאַלאַשן. — ביי אונז: קאַליאַשן.

קאַפּעליוש. – „אויס קאַפּעליושמאַכער!״ = געבליבן מיטן בײטשל, יצא בשן ועין.

קוגל. – ביי אונז אַלע קוגלען, וואָס דערמאָנט אין „געוועט״ הוצדעם: רייז־קוגל, האָניק־קוגל.

קוילעטש. – אַ קוילעטש (אָדער אַן אַנדער חלה, צי אַ גלאָז וואַסער) שטעלט מען פרייטיקצונאַכטס צון אַ בענטשליכט, וואָס טריפט. מ׳זאָגט: „דערלאַנג נאָר אַ קוילעטש צום ליכט!״

קרייקעס = קירה׳ס זעלנער.

רענדלעך: שמחת־תורה־מאכל: אַ צימעס פון מײרען, וואָס זענען צעשניטן אויף קײלעכדיקע רעפּטעלעך און געקאָכט מיט האָניק.

שוים: אַוגמענטאַטיוו אָדער פּעיאָראַטיוו, שטאָט שייטל.

שטערצעלע: אַזוי רופט מען ביי אונז דאָס חסידיש־פּוילישע היטעלע, צוליבן פלאַטשיקן אויסזען. — פון שטאַרץ (=פּאָקרישקע).

שײטל. – „זע נור שייטעלע־פּאַרך!״ זאָגט מען פון אַ פאַרוואָרלאָזטן, אומריינעם מענטשן.

שלומפּערפּאַם: אַ באַנט אַרום גוף אויפן קלייד, אין דער זייט אַראָפּ אַ צווענגל, כדי צו פאַרהאַלטן דאָס נאָכשלעפּנדיקע קלייד. מ׳ין מאַמעס דערמאַנעניש (ביז נישט לאַנג איז ביי אונז געווען דאָס צווענגעלע).

שליסל־חלה באַקט מען אויפן ערשטן שבת נאָך פּסח. דידאָזיקע חלה האָט דעם אויסזע, די פאָרם פון אַ שליסל, אָדער מ׳נעמט אַ שליסל און מ׳שטעקט אים אַריין אין די רויע חלה מיטן צינגל, ווי צו פאַרשליסן די טיר, האָט די חלה נאָכן באַקן אויף זיך דעם אָפּדרוק פון שליסל. דער טעם: צו עפענען די אוצרות פון תבואות. זע „אוהב ישראל״, דרוש לשבת אחר פסח: „טעם, למה מנקרין את החלות במפתח דווקא״...

שמאַכטעלײנעם = שמאָכטעס.

שמואל־מרדכי־קלמן. — אַ רבין אַ לך האָב איך געהאַט, פלעגט ער זיך וויצלען: „זיי נישט קיין...״ – פאַרגלייך „שבת מקרא קודש״.

# רעפעראטן

## ד״ר שלמה בירנבוים–די יידישע שפראך.

Germanisch-Romanische Monatschrift, היידעלבערג, 1923, N. 6|5, ז׳ 149—155.

דער ארטיקל גיט איבער דעם אריינפיר צו דעם קורס פון יידיש, וואס ד״ר בירנבוים האט געלייענט ווינטער 1922 ביים האמבורגער אוני-ווערסיטעט.

דערמאנענדיק בקיצור די ווערדע פון דער יידישער שפראכפארשונג פרובירט דער מחבר פעסטשטעלן, ווען, ווי אזוי און ווו איז אויפגעקומען די יידישע שפראך. וואס ס׳איז שייך צום ווען, מיינט דער מחבר, אז דעם אנהייב פון יידיש דארף מען זוכן אין יענער צייט, בעת די דייטשע שפראך האט זיך געביטן פון מיטלהויכדייטש אויף ניי-הויכדייטש. דערויף ברענגט ער צוויי הויפט - ראיות. 1) דאס העברעישע לאנגע u, לה־פוך צום מה״ד לאנגן u, איז נישט אריבער אין א דיפטאנג (למשל ייד. שורה sz$\frac{u}{i}$re פון העבר. szûra, אבער מויער פון מה״ד mûre); 2) אין נה״ד זיינען דיפטאנגירט געווארן די איינגע מה״ד קלאנגען, וואס אין יידיש. פארוואס האבן יידן זיך באשאפן א נייע שפראך? נישט ווייל זיי „זענען געווען פארשפארט אין געטא און נישט מיטגעגאנגען מיט דער אייראפעישער קולטור״. יידן האבן פארמאגט אן אייגענע קולטור, וועלכע האט, ווי יעדע אנדערע העברעע קולטור, און אפשר נאך מער, א רעליגיעזן גרונט, און דאנק דער דאזיקער אייגנארטיקער קולטור האבן זיי די דייטשע שפראך איבערגעפורימט אויף זייער אייגענעם שטייגער. געווים איז פאר דער אנט-וויקלונג פון יידיש וויכטיק געווען דער אוועקער פון די מזרח-יידן קיין דייטשלאנד נאך גזרת ת״ח, אבער מגזם זיין דעם באטייט דערפון טאר מען נישט.—צי דער מקור פון יידיש איז דער צפונדיקער (מיטלדייטש) אדער דער דרומדיקער (איבערדייטש)-טייל פון הויכדייטש, איז א פלוגתא; נאר די קאנסאנאנטן (און אויך די וואקאלן און דער ווארט-אוצר) ווייזן אן אויף מיטל-דייטש.

די וויכטיקסטע פארענדערונגען אין יידיש לגבי דייטש זענען די שינויים פון די וואקאלן אין באטאנטן טראף, אויב זיי שטייען נישט פאר צוויי קאנסאנאנטן. דער יידישער ווארט-אוצר באשטייט פון לערך דריי פערטל דייטשע, כמעט איין פערטל העברעיש-אראמעישע און ביי איין צענטל סלא-ווישע עלעמענטן. די העברעישע ווערטער, הגם זיי האבן זיך ערשט באוויזן אין משך פון דער אנטוויקלונג פון יידיש, האבן געהאט א גרויסע ווירקונג

אויף דער גראמאטיק. די עלטערע סלאווישע עלעמענטן האָבן זיך גענומען פון אַלט-פויליש. א סך סלאווישע ווערטער, וואָס זענען אין דער לעצטער צייט אריין אין יידיש, טרעפן זיך נאָר אין די איינצלנע דיאלעקטן און ווערן אויסגעמיטן אין דער ליטעראטור-שפראך. דעם צווייטן שטאפל פון קלאנגען-שינויים (אלע שינויים חוץ דער דיפטאָנגירונג פון מה"ד û î) האָבן דורכגעמאכט אלע העברעישע און א טייל פון די עלטערע סלאווישע ווערטער. א היפשע צאָל נייע ווערטער זענען דורך דער פובליציסטיק אריין פון נה"ד.

היינט רעדן אויף יידיש איבער צוועלף מיליאָן מענטשן, דערפון לערך דריי פערטל אין מזרח-אייראָפע: אויפן u-דיאלעקט אן ערך 9 מיליאָן, אויפן o-דיאלעקט (דעם ליטווישן יידיש) 3 מיליאָן. — דאָס אמעריקאנער יידיש קאָן מען נישט אָנרופן קיין דיאלעקט, וואָרים ענגלישע ווערטער זענען דערין פאראן לפי-ערך ווייניק, אויף דעם שטייגער ווי אין די אנדערע נישט-ענגלישע שפראכן אין אמעריקע.

דאָס היסטאָרישע פארהעלטעניש פון די דיאלעקטן דארף נאָך ערשט פעסטגעשטעלט ווערן, נאָר דער מחבר האלט, אז דער מערבדיקער טייל פונם u-דיאלעקט איז דער דירעקטער המשך פון דער עלטערער שפראך, און פון אים האָט זיך אָפגעצווייגט אי דער o-דיאלעקט, אי דאָס דרום-מזרחדיקע יידיש. דאָס הייסט נישט, פארשטייט זיך, אז דער אזוי גערופענער פוילישער דיאלעקט איז דער סאמע עלטאישער; מען זעט באלד, אז דאָס אזוי גערופענע ליטווישע יידיש האָט אויפגעהיט טייל עלטערע עלעמענטן.

ט. גוטמאַן.

❁

### ד"ר א. א. ראָבאַק (פון הארווארד-אוניווערסיטעט).

### אייפעמיזמען אין דער יידישער שפראַך.

(„The Jewish Forum" ניו-יאָרק)

אין קיין שום אנדער שפראך זענען נישטאָ אזוי פיל מקורים פאר דער געשיכטע און קולטור פון פאָלק, ווי אין דער יידישער שפראך. דער אייפעמיזם (אן ארומשרייבונג פון א גראָבן אויסדרוק דורך אן איידעלן), הגם ער געפינט זיך נאָך היינט כמעט אין אלע לשונות, איז א גאנץ כאַראקטעריסטישע ערשיינונג פארן יידישן פאָלק. דאָס אייגענע די אנטיפראזע, א קרוב פונם אייפעמיזם, וועלכע דארף פארהיטן פון אן אומגליק, לויטן כלל: „אל תפתח פה לשטן". ביישפילן פון אנטיפראזעס טרעפן זיך ביי די גריכן, וועלכע האָבן, א שטייגער, אָנגערופן די עריניעס (געטינס פון נקמה) מיטן נאָמען איימענידעס (גוטגינציקע), כדי אויסצומיידן זייער כעס, און דעם

נאָמען פון שמורמישן שוואַרצן ים האָבן זיי געביטן פון אַקסיינאָס (נישט־גאַסטפריינדלעך) אויף אייקסיינאָס (גאַסטפריינדלעך).

אַ טייל אייפעמיזמען אין יידיש זענען דירעקט געירשנט פון העברעיש, נאָר דער פשט איז פאַרענגערט געוואָרן. דבר־אחר, אַ שטייגער, באַטייט אין גמרא: אוממאָראַלישקייט, חז״ר, תשמיש, געצנדינערייַ אאַז״וו. נאָר אַזוי ווי דאָס פאָלק האָט קיין זאַך נישט אַזוי פיינט געהאַט ווי אַ חזיר, האָט עס אויפן חזיר אַריבערגעטראָגן דעם תלמודישן אויסדרוק. אַנדערע העברעיש־יידישע אייפעמיזמען זענען: בעל־דבר פאַר מלאך־המות, בית־עולם, בית־חיים, בית־הכבוד (בית־הכסא) און נקיות. עס איז זייער אַן אינטערעסאַנטער פאַקט, וואָס יידן רופן אָן גראָבע זאַכן מיט העברעישע ווערטער, און דווקא נישט מיט קיין דייטשע אָדער סלאַווישע. פון דאַנען האָט זיך גענומען דאָס ווערטל: „וואָס מען שעמט זיך צו זאָגן אויף יידיש, זאָגט מען אויף העברעיש". די סיבה איז, וואָס מען מיינט, אַז לשון־קודש דערווייטערט אימליבן מכשול.

משיקאָווע ביישפילן פאַר אַ טאָפעלן פשט פון איין וואָרט זענען קדוש (מאַרטירער און הייליק) און אָרון (באַהעלטעניש פאַר ספרי־תורות און פאַר אַ מת).

איבערהויפט פאַרמאָגט יידיש אַ סך אַרומשרייבונגען פאַרן באַגריף „שטאַרבן". מיר האָבן די אויסדריקן נתבקש ווערן און נסתלק ווערן (באַגענגט זיך עפּטער), און די אמת יידישע אויסדריקן: אָפּגעשיידט ווערן, אַוועקקומען, אויסגיין, גיין פון דער וועלט. אויף אַ נעשטאָרבענעם וואָס מ'ן איז אים מבטל, זאָגט מען: פּגרן, אָנלייגן מיטן קאָפּ, פאַרוואַרפן מיט די פיס, קראַפּירן. די אַלע אויסדריקן באַווייזן, אַז פאַר יידן איז חיכמיק די פערזאָן, וועגן וועלכער מען רעדט, און נישט די פּאַסירונג. — דערנאָך גיט דער מחבר אַ קורצע ליסטע פון טיפיש־יידישע אייפעמיזמען: כאַפּט אים דער וואַטנמאַכער אָדער כאַפּט אים דער ביטלמאַכער, ווו סיי ביטל סיי וואַטע פאַרבייטן דאָס וואָרט טייוול. אחוץ דעם: אויפן הייליקן אָרט, אויפן גוטן אָרט, שלאָף (פריער—שוואַך), זיך אָנטאָן אַ מעשה, זיך שלאָגן קאָפּ אָן קישן (אָנשטאָט זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט). אַ זעלטענער אייפעמיזם, וואָס איז גאָר נישט גרינג צו פאַרשטיין, איז גאָט־מיט־אונז אין דעם זאַך: ער איז אַריינגעפאַלן ווי אַ גאָט־מיט־אונז. עס באַטייט מאַקע נישט קיין אַנדער זאַך ווי „טייוול". דעם זעלביקן פשט האָט שוואַרץ יאָר, אַ שטייגער: ער זעט אויס ווי דער שוואַרץ יאָר ווייס אים. די דאָזיקע אויסדריקן זענען אָפּשר גענומען פון רוסיש (פגל' טשאָרט,

משאַרני), אָבער ס'איז אויך גאַנץ מעגלעך, אַז זיי זענען אַ געדרעכעניש פון שוואַרצן טויט אין 14 י"ה. אַנטיפראַזעס, וואָס טרעפן זיך זייער אָפט, זענען: דער גוטער יאָר (דער גוטער יאָר וויים אים), אַ גוט אויג (עין־הרע) און די טאָפּעלע אַנטיפראַזע פריידשמחות (=לויה). אין שלום עליכמס „באַרדיטשעווער שרפות" רופט מען בעת דער שרפה נישט „עס ברענט", נאָר „עס נעצט".

אין יידיש געפינען מיר אויך גאַנץ אָפט אַן אַרומשרייבונג, וואָס רופט זיך „ליטאָטעס" (מען באַנוצט זיך מיט אַ שוואַכערן אויסדריק אַנשטאָט זייער אַ שטאַרקן). עטלעכע ביישפילן: נישקשה, אומווערדיק (אַזוי זאָגן אַלטע ליט אויף „תועבה"), נישט קיין אומגליק, ער איז נישט קיין חכם, קיין מעשה נישט, נישט מיט אַלעמען, נישט אויסן וועג (=נישקשה), נישט קיין קרומע עצה, נישט אַבי וועד, נישט קיין קלייניקייט.

זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר פעלקער מיט אַ פּרימיטיווער רעליגיע בכלל און פאַר יידן בפרט איז דאָס אויסמיידן גאָטס נאָמען. דער לכתחילה־דיקער נאָמען איז ביי יידן קיינמאָל נישט אַרויסגערעדט געוואָרן („לא תשא את שם יהוה אלהיך לשוא"), און אפילו די במקום־נעמען רעדט אַ פרומער ייד נאָך היינט נאָר אַרויס ביים דאַווענען. אַנישט בייט ער „אלהים" אויף אלוקים, „אל" אויף כל און „אדוני" אויף השם. איז עס, הייסט עס, גאָר נישט קיין וווּנדער, וואָס מיר האָבן אין יידיש אַ סך אַרומשרייבונגען פאַר גאָט, אַ חוץ די פאַרשיידענע מיסטישע נעמען פון קבלה. כמעט אין יעדן יידישן בריוו קען מען געפינען אַזעלכע אויסדריקן ווי: אם ירצה השם (אי"ה), השם יתברך (ה"י) ברוך השם, למען השם. געוויסע במקום־נעמען פאַר גאָט הערט מען באַזונדערס פון ווייבער, וועלכע רעדן גאָר זעלטן אַרויס דאָס וואָרט „גאָט"; וואָרים, אויב זיי מעגער דער־מאָנען נישט גאָטס נאָמען, טאָרן דאָך די יידענעס אוודאי נישט. דערפאַר זאָגן זיי למשל: דער בורא, רבונו של עולם, רבונו דעלמא כולא, הקדוש ברוך הוא אאז"וו. אחוץ דעם הערט מען פון עלטערע ווייבער אַזעלכע נעמען ווי דער־וואָס־כ'האָב־ד'ענט־נישט־געוואַשן מיטן פשט פון: „דער וואָס כ'טאָר זיין נאָמען נישט דערמאָנען (אויך אַ במקום־נאָמען!) ווען איך האָב די הענט נישט געוואַשן". מיט די דאָזיקע אויסדריקן באַנוצט מען זיך אָבער זייער זעלטן אין קללות און שטאַרקע אויסרופן, נאָר רבונו של עולם הערט מען אין אַזוינע פאַלן. די איבעריקע נעמען פון גאָט האָבן אַ חסידישן מקור, למשל: גאָטעניו. אַזעלכע אויסדריקן ווי טאַטע־פאָטער, טאַטע־יונה, טאַטעלעך מיינע (מסתמא פון רוסיש), טאַטע

ז י ס ע ר  האָבן אפשר גאָר קיין שייכות נישט צו גאָט. בכלל, הגם יידיש האָט אַ שם פֿאַר אַ לשון, וואָס האָט ליב קללות, מיידן יידן אין דער אמתן אויס גאָר שטאַרקע אויסדריקן, הייל זיי שייען זיך מחלל צו זיין גאָטס נאָמען.

ט. גוטמאַן.

*

יידיש. ערשטע זאַמלונג פֿון דער יידישער פֿילאָלאָגישער קאָמיסיע ביי דער צענטראַלער יידישער ביוראָ פֿון פֿ אָ ל ק אָ מ ב י ל ד.—אויסגאַבע פֿון דעם אוקראַאינישן הויפּט-קאָמיטעט פֿאַר פּראָפֿעסיאָנעל-טעכנישער און ספּעציעל-וויסנשאַפֿטלעכער בילדונג אין דער צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים פֿאָלקס-קאָמיסאַריאַט פֿאַר בילדונג. כאַרקאָוו 1923, 48 ז"ז.

די יידישע פילאָלאָגישע קאָמיסיע אין כאַרקאָוו האָט זיך געגרינדעט אין יולי 1921 אין באַשטאַנד פֿון י. ד ו ו אָ ר ק י ן (פּעדאַגאָג), א. ז אַ ר ע צ ק י (פילאָלאָג, פֿאַרוואַלטער פֿון דער קאָמיסיע), ה' פּ י נ ק ע ל (אינזשעניער), פּראָפֿ. ע. ק אַ ג אַ ר אָ ו ו (פילאָלאָג) און א. מ אַ ק אַ ג אָ ן (פּעדאַגאָג). שפּעטער איז צוגעקומען מ. ש י י נ ג אָ ל ד. די קאָמיסיע האָט זיך געשטעלט אַלס ציל: א) צו אָרגאַניזירן און קאָנצענטרירן די יידישע פילאָלאָגישע אַרבעט, פּאָפּולאַריזירן די דערגרייכונגען פֿון דער דאָזיקער אַרבעט, און ב) טון פּראַקטיש-וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט אויפֿן געביט פֿון יידישער שפּראַך מיט אַ נייגונג צו פּעדאַגאָגישן אוטיליטאַריזם.—די קאָמיסיע האָט איינגעאָרדנט אין כאַרקאָוו עטלעכע לעקציעס און דיסקוסיעס, געזאָרגט פֿאַר דער גרינדונג פֿון אַ סעקציע[1]) פֿאַר יידיש ביי דער כאַרקאָווער קאַטעדרע פֿאַר שפּראַכוויסנשאַפֿט; זי זאַמלט און שטעלט צונויף אַ גאַנצע רײ

1) די דאָזיקע סעקציע באַשטייט, צוליב מאַנגל אין קרעפֿטן, בלויז פֿון צוויי מיטגלידער און פֿאַרנעמט זיך דערהויפּט מיט יידישער גראַמאַטיק. די אַרבעט פֿון דער סעקציע דריקט זיך אויס אין רעפֿעראַטן, געהאַלטן אָדער אין די זיצונגען פֿון דער סעקציע אָדער—ביי אַ ברייטערן אינטערעס — אין פּלענום פֿון דער קאַטעדרע. אין משך פֿון יאַנואַר 1922—פֿעברואַר 1923 זײַנען צווישן אַנדערן געהאַלטן געוואָרן אויך פֿאָלגנדיקע רעפֿעראַטן: א. ז אַ ר ע צ ק י — מערצאָל-בילדונג פֿון סובסטאַנטיוון-סעמיטיזמען סיסטעם פֿון יידישע פּראָנאָמינעלע ווערטער, „מגילת ווינץ" (לויט דעם טעקסט, פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון מאַקס ווײַנרייך אין בערלינער זמ"ב „אָנהייב"), פֿאָנעטישע און מאָרפֿאָלאָגישע ענדערונגען פֿון די סעמיטיזמען אין יידיש; פּראָפֿ. ע. ק אַ ג אַ ר אָ ו ו: גרונט-סטיליסטיק פֿון יידישן סינטאַקסיס, די אַנטשטייונג פֿון יידישע פּראָנאָמענס, דער באַגריף פֿון נעמינאַטיוו אין יידיש.

טערמינאָלאָגיעס פון פאַרשיידענע שול-לימודים און וויסנשאַפטן, גרייט צו מאַטעריאַל צו אַ וויסנשאַפטלעכן שול-קורס פון יידישער גראַמאַטיק, שטודירט די יידישע שריפט און אַרבעט איבער דעם רעפאָרם פון יידישן אויסלייג. אויסערדעם איז די קאָמיסיע צוגעטראָטן צונויפצושטעלן אַ ווערטערבוך צו בערגעלסאָנס ווערק, וועלכער דאַרף דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר אַ פולן יידישן ווערטערבוך. אין דער קאָמיסיע זענען אויסגעהערט געוואָרן אַ גאַנצע ריי וויסנשאַפטלעכע רעפעראַטן: א. זאַרעצקי — די פּראָבלעמען פון דער אָרטאָגראַפיע און גראַפיק, די נאַטירלעכע באַשרענקטקייט פון פאָנעטיזם אין דער יידישער שפּראַך, פּרעדיקאַט אין יידיש, די יידישע קאָניוגאַציע, ער שטער קאַפּיטל פון אַ יידישער גראַמאַטיק (אַלגעמיינע באַגריפן), דער בוי פון יידישן זאַץ. פּראָפ. ע. קאַגאַנאָוו — די פאָנעטישע יסודות פון דער יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע, נאָטיצן פון דער יידישער גראַמאַטיק, פאָנעטישע ענדערונגען אין יידיש וואָס טראָגן נישט דעם כאַראַקטער פון פאָנעטישע געזעצן, אייניקע יידישע עטימאָלאָגיעס. ה' פינקעל-טעכנישע טערמינאָלאָגיע[1]; פינקעל און מאַקאַגאָן — מיטטיילונג וועגן פּראָווינציאַליזמען און רעדנסאַרטן.

איצט וועגן אויבן אָנגערופענעם אָרגאַן פון דער קאָמיסיע:

דער ערשטער „אַלגעמיינער אָפּטייל“ פון זשורנאַל הייבט זיך אָן מיט אַן אַרטיקל, געהתמעט פון דער „צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג אין או. ס. ר. ר.“: „די צילן פון אונזער זאַמלונג“. די דאָזיקע צילן זענען: א) באַרייכערן דעם „ספּעציעלן“ טייל פון יידישן ווערטער-אוצר, ד"ה די טערמינאָלאָגיעס פון פאַרשיידענע פאַכן; ב) פאַרשפּרייטן די קענטעניש פון יידיש, אָפּהיטנדיק פון דער „זשאַרגאָניזירונג“ און פאַראָרעמערונג פון דער שפּראַך, שאַפן אַ יידיש ווערטערבוך אאז"וו; ג) פאַרפולקומען די רעפאָרם פון דער אָרטאָגראַפיע, אויפן וועג פון אַ אַקאַדעמישער אַרבעט, און ראַציאָנאַליזירן דעם אלף-בית; ד) שטודירן די יידישע שפּראַך, און די דאָזיקע אַרבעט פירן אין דער ריכטונג, זי זאָל נישט זיין אָפּגעריסן פון לעבן, נאָר זיין אַ „הלכה למעשה“; ה) צעשטערן די וואַנט צווישן דער וויסנשאַפט און דער אַרבעט-מאַסע — דורך שאַפן פאַר דער שול און פאַר די אויסערשול-אַנשטאַלטן די געהעריקע וויסנשאַפטלעכע לערנביכער און לייענביכער, דורך פּאָפּולאַריזירן מיט אַלערליי מיטלען די יסודות און עלעמענטן פון דער שפּראַכוויסנשאַפט, הן יידישער הן אַלגעמיינער. ו) קאָנצענטרירן אַרום דער יידיש-פילאָלאָגישער אַרבעט אַלע יענע קרעפטן, וואָס זענען דערצו פעיִק און געהערן צו דער

---

[1]) אַ טייל פון די מאַטעריאַלן איז אַריין אין פינקעלס בראָשור „יידישער טעכנישער ווערטערבוך“, אויסגאַבע פון צענטיזדביוראָ, כאַרקאָוו, 1922.

פּרבעט-מאַסע אָדער גייען האַנט בײַ האַנט מיט איר, די ספּעציאַליסטן, די לערער, די ליטעראַטן, זשורנאַליסטן אאַז״וו.

דער צווייטער אַרטיקל פון דעם „אַלגעמיינעם אָפּטייל״ איז פון פּראָפ. ע. קאַגאַראָוו: „וועגן דעם באַשטאַנד און דער אָפּשטאַמונג פון יידיש״. דער אויטאָר (אַגב, נישט קיין ייד) איז אַ באַקאַנטער פּראָפעסאָר פון דער קלאַסישער פילאָלאָגיע אין כאַרקאָווער אוניווערסיטעט, וועלכער האָט די לעצטע צייט אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבער דער היסטאָרישער גראַמאַטיק פון יידיש. דער דערמאָנטער אַרטיקל האָט נישט קיין זעלבשטענדיקן ווערט און גיט בלויז פאַר דעם הדיוט אַ איבערבליק פון דער טעמע לויט די פאָרשונגען פון סענעאַן, גערצאָן, לעאָ ווינער, באַבאַד, לאַנדוי, ווילער, רייבאַרד לעווע א״אַנד.[1])

דאַן קומט אַן אַרטיקל פון דעם אַקטיווסטן מיטאַרבעטער פון דעם זשורנאַל און דער קאָמיסיע, א. זאַרעצקי — „וועגן אַ איינהייטלעכער יידישער שפּראַך״. דער אויטאָר שטעלט בלויז די פראַגע, ברענגט די מאָטיוון pro [1) וויכטיק פאַר די קולטור-אינטערעסן פון פאָלק, 2) דער פּראָצעס פון דעם מענטשלעכן צוזאַמענלעבן באַשטייט נישט אין צעשפּליטערונג, נאָר אין דערנעענטערונג און פאַראייניקונג, 3) פאַרלייכטערט די פאָנעטיזירונג פון דער אָרטאָגראַפיע, 4) פאַרלייכטערט דעם לימוד פון יידיש, 5) פאַראיינהייטלעכט די טעאַטער-שפּראַך א״אַנד] און contra [1) ברעכט דאָס לשון פון די שול-קינדער, 2) קאָן בכלל קוים אַדורכגעפירט ווערן, 3) פּענטעט די פרייע אַנטוויקלונג פון דער שפּראַך און פאַראָרעמט די דיאַלעקטן, 4) לאו-דווקא צוליב דער נאָענטקייט פון די יידישע דיאַלעקטן א״אַנד] און קומט צו דער אונטערשטער שורה, אַז „מיר דאַרפן שטעלן די פראַגע וועגן אַ איינהייטלעכער יידישער „ליטעראַרישער״ שפּראַך אויפן סדר-היום פון אונזער קולטור-אַרבעט, פאַראינטערעסירן אין איר אַלע קולטור-אַרבעטער און די ברייטערע מאַסע, באַהוטזאַמיק און פּלאַנמעסיק מאַכן עקספּערימענטן, דורכפירנדיק, צ״ב, אַ איינהייטלעכע שפּראַך אין נישט גרויסע קאָלעקטיוון (שולן, קורסן וכדומה).

דער לעצטער אַרטיקל פון דעם „אַלגעמיינעם אָפּטייל״ — י. זיל-בערפאַרב — „די שפּראַכלעכע עוואָלוציע״ — באַהאַנדלט אַן אַלגעמיינע טעמע פון דער שפּראַכוויסנשאַפט, די קולטור-עוואָלוציע פון דער שפּראַך; דער אויספיר פון דעם אַרטיקל איז: אין דער צוקונפט וועט דער

1) פּראָפ. קאַגאַראָוו האָט אַגב אויך פאַרעפנטלעכט אַ רעצענזיע איבער ז. רייזענס „גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך״ אין דעם רוסישן זשורנאַל „Nauka na Ukrainie" 1922.

וואוקס פון אָרטיקע, היימישע שפּראַכן פּראָגרעסירן און וועט פירן צו עלץ אַ גרעסערער דיפערענצירונג פון די היינטיקע דיאַלעקטן, צו דער אַנטוויקלונג פון די עמבריאָנען פון נייע דיאַלעקטן אאַז"וו. אָבער דער וואַקסנדיקער אינטערנאַציאָנאַליזם, די וואַקסנדיקע קולטור פאָדערט אַן אַלגעמיינע שפּראַך, און די דאָזיקע ראָלע וועלן שפּילן די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור - שפּראַכן אין לאַנד-פאַרנעם און די אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך אין פאַרנעם פון דער אייראָפּעיש-אַמעריקאַנער קולטור-וועלט. די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור-שפּראַכן וועלן זיין קינסטלעכע הילפשפּראַכן, ד"ה. שפּראַכן דערהויפּט פון דער ליטעראַטור, וויכנשאַפט, שול, טעאַטער, אָפיציעלע באַציִונגען וכדומה; אין אָרטיקן לעבן וועלן דערעיקרשט פאַרבלייבן די אָרטיקע, די היימישע שפּראַכן.

דער צווייטער „אָפּטייל" באַשטייט פון טערמינאָלאָגישן מאַטעריאַל: א. זאַרעצקי — „יידישע עלעמענטאַרע געאָמעטרישע טערמינאָלאָגיע"; מ. גאָדינער און מ. זאַרעצקי — די פאָלקס-טערמינאָלאָגיע פון שלאָסעריי; י. דוואָרקין — „נעמען פון פויגלען" (אויפגעזאַמלט פון ליטעראַטור); א. זאַרעצקי — וועגן דער טערמינאָלאָגיע פון מ. זאַבלודאָווסקיס „אַריטמעטיקע" (ביאַליסטאָק, 1921). עס איז כּדאַי אויף דעם טערמינאָלאָגישן מאַטעריאַל זיך אָפּצושטעלן באַריכות, און דאָס וועלן מיר טון אין די קומענדיקע נומערן פון דער „יידישער פילאָלאָגיע".

דער דריטער „אָפּטייל" איז געווידמעט דער פראַגע פון אויסלייג. אין דער ערשטער נאָטיץ „צו דער רעפאָרמע פון דער יידישער גראַפיק" ווערט מיטגעטיילט וועגן אייניקע באַשלוסן פון דער יידישער פילאָלאָגישער קאָמיסיע בנוגע אָרטאָגראַפישע רעפאָרמען; א. זאַרעצקי, אין זיין רעפעראַט „וועגן די שלאָס-אויסיעס", פאָדערט די דאָזיקע אותיות צו באַזייטיקן; דאַן גייען אַרטיקלען און נאָטיצן פון א. זאַרעצקי און א. מאַקאַגאָן וועגן דעם „פּראָיעקט פון קלאָלים" פון בנציון סידעלקאָווסקי, וועגן דער אָרטאָגראַפישער טאַבעלע פון דעם ערשטן יידישן שול-צוזאַמענפאָר אין פּוילן און וועגן די „קלאָלים פון יידישן אויסלייג" פון א. זאַרעצקי (אָדעס 1921).

דער אָפּטייל פאַר ביבליאָגראַפיע, געשריבן פון א. זאַרעצקי, אַנטהאַלט זייער אַ גענויע און גרינדלעכע רעצענזיע איבער ז. רייזענס „גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך", איבער פ. האַלפערנס „יידישע גראַמאַטיק" (שולביכל פאַר עטימאָלאָגיע, קאַטערינאָסלאַוו 1921), איבער ז. קאַלמאַנאָוויטשעס „יידישע גראַמאַטיק" (קאָנספּעקט פון לעקציעס געלייענט פאַר מינסקער לערער, מינסק 1921) און איבער די אלף-בּית פון א. ספּיוואַק און פון מ. האָדער.

דער לעצטער אַרטיקל פון מ. שיינגאָלד — „שוין געקומען דער מאָמענט“—קערט זיך ווידער אום צו דער יידישער אָרטאָגראַפיע און פאָדערט אַ גרינדלעכער און קאָנסעקווענטער דורכגעפירטע רעפאָרם.

ז. ר.

❧

**צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דרום־אַפריקאַנער יידיש**

(ד״ר עמנואל אָלשוואַנגער. יידישער פאָלקלאָר אין דרום - אַפריקע. „דרום־אַפריקע“, חודש־זשורנאַל, יאָהאַניסבורג, נום. 3 און 4, 1923).

דער באַקאַנטער פאָלקלאָריסט ווייזט אָן אין דעם אַרטיקל אויף דער נייטיקייט צו שטודירן די פאָלקלאָריסטישע אייגנטימלעכקייטן פונם דרום־אַפריקאַנער 60־טויזנטיקן יידישן קיבוץ און שטעלט זיך דערביי אָפּ אויף דער שפּראַך פון די דאָרטיקע יידן.

לויט דער שפּראַך קאָנען די דרום־אַפריקאַנער יידן איינגעטיילט ווערן אין 4 קאַטעגאָריעס: 1) די וואָס רעדן יידיש און ענגליש, 2) די וואָס רעדן יידיש און דאַטש (בוריש), 3) די וואָס רעדן אַלע 3 שפּראַכן, און 4) די וואָס רעדן נאָר ענגליש אָדער דאַטש און קאָנען נישט קיין יידיש. די קאַטעגאָריעס 2) און 4) זענען גאַנץ ווייניק אין צאָל. דער רוב מנין ורוב בנין רעדט יידיש און ענגליש אָדער אַלע דריי שפּראַכן.

דאָס יידיש און דאָס ענגליש פון די דאָרטיקע יידן איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון די אַנדערע צוויי שפּראַכן סיי דורך איינצלנע ווערטער סיי אין דער קאָנסטרוקציע. אַ סך ווערטער פון דער ענגלישער אָדער בורישער שפּראַך זענען אַריבער אין דרום־אַפריקאַנישן יידיש.

אָט זענען איניקע ספּעציפישע אַפריקאַניזמען:

קאַפּערי טניק — אַ ייד, וואָס האַלט אַ רעסטאָראַן פאַר קאַפערס (שוואַרצע). דאָס דאָזיקע וואָרט באַשטייט פון 3 טיילן: „קאַפער“—אַן אַראַביש וואָרט, וואָס איז טייטש ווי דאָס העברעיִשע „כופר“, מיט וועלכן די אַראַבער האָבן אָנגערופן אַלע נישט־מאַכמעדאַנער און די הייסע האָבן עס איבערגענומען אַלס נאָמען פאַר די שוואַרצע; „איט“ — ענגליש eat עסן, און דער רוסישער סופיקס „ניק“.

פּאַרוּוויאַן אָדער פּאַרוּוניק — אַן אויפגעקומענער גראָבער מענטש; מ׳דערקלערט זיין שורש פון ענגלישן Peruvian, ד״ה איינער, וואָס קומט פון פּערו. גיכער שטאַמט עס פון דעם פראַנצויזישן parvenu אַן אויפגעקומענער גביר.

אין אַפריקע איז בכלל פאַראַן די טענדענץ פון ענגלישער פאָלקס־עטימאָלאָגיזאַציע — צו דערקלערן אַ סך ווערטער אַלס אָפּגעשטאַמטע פון

ענגליש, ווי פּאַרוּוויאַן — Peruvian, דאַווענען — פון dawn, אייזיק — פון Jsaak.

אייניקע אַדיעקטיוון זענען אין יידיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סובּסטאַנטיוון, למשל, אַ ר ע וו ר ע נ ד (אין ענגליש זאָגט מען נישט he is a reverend).

אַ סך פּעלים זענען געוואָרן אַזוי פאַרייִדישט, אַז ס׳איז אָפטמאָל שווער צו דערקענען אין זיי זייער שורש, צ״ב ר י נ ג ע ן (טעלעפאָנירן) מיטן פּאַרטיציפּ ג ע ר ו נ ג ע ן.

נישט ספּעציפיש דרום-אַפריקאַניש איז די ווענדונג ג ל י י כ ן אָנשטאָט ליב האָבן (ענגליש like—גלייך און to like — ליב האָבן), וואָס ווערט אויך געברויכט אין אַמעריקאַנישן יידיש [אָבער נאָר בנוגע אומבאַלעבטע זאַכן אָדער ערשיינונגען—ז. ר.]

זייער פיל זענען די געמישטע זאַצן, צום טייל ענגליש, צום טייל יידיש, למשל: ע ר א י ז ר אַ נ ג—אָנשטאָט ער איז נישט גערעכט, ער איז אומגערעכט. אָלשוואַנגער דערקלערט דעם דאָזיקן געמיש מיט דעם פּראָצעס, וואָס ער רופט אָן „מוזיקאַלישע פאַרקאָנסטרוקציע"; די מוזיקאַלישע קאָנסטרוקציע פון אַ נייער שפּראַך התמעט זיך גיכער אָפּ אין מוח, ווי די גראַמאַטיקאַלישע; אין דעם דערמאָנטן פאַל האָט דער באַגריף „אומגערעכט" אָנגענומען אין יידישן מוח אַ אינטראַפיקן קלאַנג נאָכן ענגלישן wrong; נאָכדעם ווי דער ייד האָט אַרויסגערעדט „ער איז", זוכט ער אַ יידיש נעגאַטיוו און אינטראַפיק וואָרט, און נישט געפינענדיק, געברויכט ער דעם ענגלישן „ראָנג"; וואָלט פאַר דעם באַגריף „אומגערעכט" געווען אין יידיש אַ אינטראַפּיק וואָרט, וואָלט ער געהיים גענוצט דאָס יידישע.

דער געברויך פון די ב ו ר י ש ע ווערטער איז אין פיל ערטער אַזוי שטאַרק ווי פון די ענגלישע. אָנשטאָט אָ ב ע ר זאָגט מען אין דרום-אַפריקאַנישן יידיש זייער אָפט „באַט" (ענגליש but), אָבער אין בורישע שטעטלעך געברויכט מען דעם בורישן מ אַ ר. פון בוריש האָבן די יידן אין די דאָזיקע שטעטלעך אויך איבערגענומען די טאָפּלטע פאַרניינונג. דער בור זאָגט: Ek is niet gesond nie, אַזוי אויך דער ייד: „איך בין נים געזונט נים", „ער וועט נים קומען נים", „איך האָב נים געקראָגן אייער בריוו נים" אאז״וו. אַזוי ווי די טאָפּלטע שלילה איז פאַראַן אויך אין יידיש אין אַן אַנדערער פאָרם, הערט מען אָפט צווישן די יידן פון דער בורישער סביבה אַ דרייגאָרנדיקע שלילה: „איך האָב נים געקויפט קיין גורדס נים".

אין דעם דאָזיקן זאַץ קומט צום אויסדרוק די השפּעה פון ביידע לאַנד-שפּראַכן אויף יידיש: פון בוריש—אין דער קאָנסטרוקציע און פון ענגליש—

אי, ח׳־כשאָק; דאָס צחייטראָפּיקע וואָרט „סחורה" ווערט פּאַ־ביטן אויף דעם
אײַנטראָפיקן ענגלישן goods.

צום סוף פון זײַן אַרטיקל ברענגט ד״ר אָ׳ אַ ריי יידישיזמען אין
דעם ענגליש פון די דרום־אַפריקאַנער יידן.

ז. ר.

---

# מיסצעלן

## ד״ר אַלפרעד לאַנדוי

אין אַן ערשטן נומער פון דעם ערשטן יידישן פילאָלאָגישן זשורנאַל איז עס אַן
אָנגענעמער חוב צו דערמאָנען דעם נעסטאָר פון דער מאָדערנער יידישער פילאָלאָגיע —
ד״ר אַלפרעד לאַנדוי פון ווין און צו באַגריסן אים צווישן אונזערע מיטאַרבעטער.

די, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו פאַרנעמען זיך מיט יידישער שפּראַכוויסנשאַפט
און ליטעראַטורגעשיכטע, ווייסן, ווי אָפּצושאַצן דעם ווערט פון לאַנדויס אַרבעטן. זײַן אָפּ=
האַנדלונג וועגן דעם דעמינוטיוו פון גאַליצישן יידיש (אין י. וו. נאַגעלס Deutsche
Mundarten, ב׳ 1, ווין 1896—1897); זײַן גראַמאַטיק און גלאָסאַר צו גליקל האַמילס
זכרונות (אין די Mitteilungen zur jüd. Volkskunde, ה׳ 7, 1901); זײַן אָפּהאַנד=
לונג איבער דער גראַמאַטיק און דעם בריוו = סטיל פון די דורך אים, צוזאַמען מיט ד״ר
וואַכשטיין, אַרויסגעגעבענע פּראָגער יידישע בריוו פון יאָר 1619, און דער גלאָסאַר מיט די
שפּראַכלעכע הערות צו די דאָזיקע בריוו; זײַן אָפּהאַנדלונג צו ד״ר ש. ווייסענבערגס
אַרבעט איבער דער יידישער קלעזמער=שפּראַך (אין די Mitteilungen der Anthro=
pologischen Gesellschaft in Wien ב׳ 43, 1913) און אַנד. — געהערן צו די
גרינדלעכסטע פאָרשונגען אויף דעם געביט פון דער יידישער פילאָלאָגיע. אַחוצדעם האָט
לאַנדוי פאַרעפנטלעכט אין אַלגעמיין = דייטשע און דייטש=יידישע פילאָלאָגישע אויסגאַבן
אַ ריי ביבליאָגראַפישע רשימות, רעצענזיעס, באַמערקונגען און אַרטיקלען איבער ייִדי-
שער שפּראַכוויסנשאַפט, פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע, און אין אַלץ, וואָס איז אַרויס פון
זײַן פעדער, ווייזט זיך אַרויס זײַן גרויס בקיאות אין דער אַלגעמיינער פילאָלאָגיע בכלל
און אין דער גערמאַניסטיק און יידישיסטיק בפרט. זײַנע פאָרשונגען אויף דעם געביט
פון דער דייטשער „גוינער = שפּראַך" האָט אין זייער אַ גרויסער מאָס אויסגענוצט דער
באַקאַנטער גערמאַניסט פּראָפ. גינטער. ערשט אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָט איינזער
73=יעריקער פילאָלאָג אונז באַשאָנקען מיט זײַנער אַ נייער אַרבעט — שפּריכווערטער
און רעדנסאַרטן (פון זײַן געבוירנשטאָט בראָד), מיט זייער ווילטיקע הערות, דערקלערונ=
גען און פאַראַלעלן[1].

אָבער די דאָזיקע אַלע אַרבעטן, וואָס זענען גענוג צו געבן דעם שטילן, באַשיי=
דענעם, ערנסטן און געווויסנהאַפטיקן פאָרשער אונזערן איינס פון די חשובסטע ערטער

1) Sprichwörter und Redensarten (212 נומערן), אָפּגעדרוקט אינם יאָר=
בוך, וואָס איז אַרויס אין פאַרלאַג Benjamin Harz (בערלין=ווין) אָנשטאָט די „מיט=
טיילונגען".

אין דער געשיכטע פון דער יידישער פילאָלאָגיע, זענען אייגנטלעך נאָר בייזאַכן און ביישטייערס צו לאַנדויס גרויסן לעבנסווערק — דעם ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך לויט דער בראָדער מונדאַרט. העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט אַרבעט לאַנדוי איבער דער דאָזיקער גראַנדיעזער אויסגאַבע. נאָך אַלס שילער פון דער גימנאַזיע אין ווין (ווו ער לעבט צייט זיין 15טן לעבנסיאָר) האָט ער אָנגעהויבן צו זאַמלען מאַטעריאַל דערפאַר, נישט איבעררייסנדיק עס ביז דעם היינטיקן טאָג, אַפילו נישט בשעת זיין פּראַקטיק אַלס אַדוואָקאַט (וועלכע ער האָט פאַרלאָזן אין יאָר 1887). לויט דעם פּלאַן פון דעם אויטאָר דאַרף דאָס דאָזיקע ווערטערבוך זיין נישט קיין וואָקאַבולאַר, ווו דאָס יידישע וואָרט ווערט פּשוט איבערגעזעצט אויף דייטש, נאָר אַ ווערטערבוך, ווו עס ווערט אויך אָנגעגעבן די עטימאָלאָגיע, דער געברויך אין פּראָזע, שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן, און אויך די אַנטוויקלונג פון פּשט.

מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו זען אַ פּראָבע פון דעם דאָזיקן ווערטערבוך. די זעלטענע גרינטלעכקייט, פולקומקייט און בקיאות, וואָס כאַראַקטעריזירט בכלל דעם אַרבעטס-שטייגער לאַנדויס; דערצו דער גרויסער פאַרנעם אויסצושעפּן דעם גאַנצן מאַטעריאַל — סיי בנוגע די מקורים פון יידישן וואָרטשאַץ, סיי בנוגע די פּאַראַלעלן אין די פאַרשיידענע דייטשע דיאַלעקטן.

די שווערע ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין עסטרייך נאָך דער מלחמה האָבן אַוועקגענומען ביי ד״ר לאַנדוי די האָפענונג צו פאַרענדיקן און צו דרוקן זיין גרויסע אַרבעט. אָבער עס איז ממש אַ נאַציאָנאַלער חוב, אַז בריטערע קרייזן זאָלן זיך פאַראינטערעסירן מיט לאַנדויס ווערטערבוך, וואָס וועט זיכער שאַפן אַן עפּאָכע נישט נאָר פאַר דער יידישער פילאָלאָגיע, אין ענגן זין, — נאָר אויך פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך איבערהויפּט.

דאָס וואָלט אויך געווען באַצאָלט אין אַ געוויסער מאָס דעם ערן-חוב, וואָס מיר קומען דעם מאַן, וועלכער האָט זיין גאַנצן לאַנגן לעבן אַוועקגעגעבן צו שאַפן דאָס מאָנומענטאַלסטע ווערק פון אונזער לשון — דאָס היסטאָרישע ווערטערבוך פון יידיש.

ז. רייזען

## די אויסשפּראַך פון ו אין בעלסקער קרייז (גראָדנער געגנט)

[י. כץ]. דער בעלסקער קרייז ליגט אין מערבדיקן טייל פון דער געוועזענער גראָדנער גובערניע; ער איז דער מערבדיקסטער פון דער אַזוי גערופענער ליטע. אין בעלסקער קרייז גופא איז די מערבדיקסטע שטאָט טשעכאַנאָוויעץ, 42 קילאָמעטער פון בעלסק; אַ העלפט פון טשעכאַנאָוויעץ (אַלטשטאָט) געהערט שוין צו לאָמזשער גובערניע.

אין בעלסק ווערט דער ו אַרויסגערעדט, אַזוי ווי אין גאַנץ ליטע, ווי u; אין טשעכאַנאָוויעץ, דאָס אייגענע אויך אין סעמיאַטיטש (וואָס ליגט אין דרום-מערבדיקן טייל פון קרייז) זאָגט מען שוין אויפן פּוילישן שטייגער, i.

אויפן האַלבן וועג צווישן בעלסק און טשעכאַנאָוויעץ (22 קילאָמעטער פון בעלסק) ליגט דאָס שטעטל בריינסק. דאָרט און אין די ישובים אַרום

ווערט דער ו ארויסגערעדט ווי דער דייטשער ü; א שטייגער פור = für, קום = kǘm, פון = fün אד"ג.

דער דאָזיקער איבערקלאַנג (Umlaut) האָט, פאַרשטייט זיך, דאָ נישט אויפגעהיט זיך פון אמאָל; ס'איז א בפירושע איבערגאַנגס-פאָרם פונם ליטווישן u צום פוילישן i.

אינם דרומדיקן טייל פון בעלסקער קרייז, צו בריסק צו, (ווו מען רעדט שוין אויך אַרויס דעם ו אויפן פוילישן שטייגער), האָט זיך אנטוויקלט אַן אנדער איבערגאַנגס-קלאַנג. אין קלעשטשעל, א שטייגער, רעדט מען אַרויס דעם u אַזוי ווי פאַר אים וואָלט געשטאַנען א j, 'פור' ענלעך צו fjur אד"ג.

## גרינס אף שבועות.

[נ. פ.]. — אין אוקראַינע, פוילען און טיילווייז אויך אין ליטע איז פאַראַן דער מנהג, שבועות אויסצושיטן די פודלוגעס און די דירות און אפילו די הויף מיט גרינס (אין מולעווער און וויטעבסקער קאַנט איז דער מנהג נישט באַקאַנט, ווי ס'הוט מיך אינפאָרמירט ה' הלל צייטלין). ס'איז אין כלל אריין א וואַסערגעוויקס, וואָס הוט אין יידישן פאַרשידענע נעמען, לויט דער געגענד נאָך.

1) שאַווער. — בא ליפשיצן איבערגעזעצט מיט ljepjoschnik.— „דאָס חסידישע יונגעל" 24: „ערב שבועות אָנטראָגן שאָווער[1]) אין דיא שוהלען"; „דער וורעם אין כריין" (פ.-ב. II) 101: „ביי די שבועות'דיגע רעדליך אונ שאַווער אין פאָליש"; י. ל. פרץ, „אלע ווערק" II (ה. 1911) 224: „און איך האָב מיך נוהג געווען ווי אבות-אבותינו שאַווער, תקון-שבועות מיט פוטער-געבעקס". — פיסק.: szuwar[2]); אויך בא דאל' IV און אין פה"ב VI[3]). — אין דער בוטאַניק: Acorus calamus.

2) זשאַווער: אין קרעמעניץ (וולין), קול'נע (לומושער געגענד). — שטאַמט אויך פון szuwar?

3) דזשאַווער: אין לעמבערג. — דאָס אייגענע, וואָס אין פונקט 2.

4) איר: אין דער ליטע. — דאל' I: air; אוקר.: air, ajer (דערפון דאָס פוילישע ajer); פון גריכישן aîra (א מין גראָז). — סינונים פון szuwar. — „ברכות מנחם" (1858) ע"א: „אייער וואַרציל גיפרעגעלטע", און אין אַן אָנמערקונג אונטערן טעקסט: „על שורש מעשבים הגדלים באגמים הוא עשבי דדברא מברכין שהכל".

1) מיט o לויט ליגעצקיס אייגענער אויסשפּראַך (tote, mome וכ').—

2) סינונימען: ajer, shydiwska łepecha.—

3) הייסט מונדארטלעך אויך ajer (פה"ב I). —

5) ליובּיסטיק: אין קיעוו. -- מאָני דלוגאטש, „דער עולם-התוהוניק" (בערד. 1875) 24: לובּיסטעק. — פּיסק.: ljubystok (אין דער בּאָטאַניק: Levisticum officinale); פּו"ב ll: lubystek. -- פֿון לאַטיינישן ligusticum, livisticum.

6) שטשיניאַס (פּל.): אין פּיאָסק („וואַקסט אף די וואַסערען; שיין, גלייך וואַקסט עס"). - פּו"ב Vll: trzcina (אין דער בּאָטאַניק: phragmitus).

7) טאַטרוק: אין גלוכאָטשעה.—טאַטראַקע: אין קוזשעניץ (דער טער-מין אפילו חזניק געברויכט).—פּו"ב Vll און l: tatarak[1] (סינונים פֿון szuwar).

8) סמוקאַס (פּל.): אין קול'נע. — שטאַמט פֿון smuk (פּו"ב VI), „לונקע, געמויזעבעך, זומפּ"?

9) גראָז („גראָזם"): אזוי הייסט עס בּאַ די עלטערע לייט אין אָז-פּאָלע (פּילעווער ק.).

10) פּישטשולקאַס (פּלוראַל, באַטונט די ערשטע זילב): אזוי הייסט עס בּאַ די קינדער אין אָזפּאָלע. — פּו"ב lV: piszczałka, „פּייפעלע"; „piszczałka wodna" (פּו"ב Vl 558).—דער נאָמען נעמט זיך מסתמא דערפֿון, וואָס ווען מ'לייגט צו דאָס גראָז (הוט די פֿאָרם פֿון אַ שווערד, פֿון איין ברעג שאַרף, פֿון אַנדערען צווײַ צונויפגעלייגטע ליפּען, וואָס עפֿענען זיך אין דער גאַנצער אודער כמעט אין דער גאַנצער לענג פֿון געוויקס) מיט דער שאַרף צום מויל און מ'בּלאָזט דערויף, קווישטשעט עס אוירען-לעכערי-דיק (פֿגל. 13, 15, 16).

11) פּוליעסניק (מיט לאַנגען i אין דער ענדזילב, וואָס טראָגט דעם אַקצענט): אין בּריסק.—פּו"ב lV: poleśnica (אין דער בּאָטאַניק: gil-lenia), שטאַמט פֿון מוגדאַרטלעכען poleśnik (וואָס איז אין פּו"ב נע-בּוכט מיט דער טייטש: אַ מין מאַכל).

12) פּלעסניק —„דער יידישער פּאַר פּסח" 45: „ער שיט ניט קיין פּלעסניק אין שטוב אים שבועות".—פּו"ב lV płeśnik (אין דער בּאָ-טאַניק: pulicaria).--דאַל' lll: pljesnják (אַ וואַסערגעוויקס).

13) בּליושטש: אין בעל'סק (געח. גרודנער גוב.).—אַ וואַסערגעוויקס, אין געשטאַלט פֿון אַ שווערד; איין ברעג עפֿענט זיך ווי אַ פּאַלר, אַ לאַנג בּאַם אַנדערען ברעג גייט לענג-אויס ווי אַ ווידען שטרייפעלע; קינדער לייגען צו דעם ברעג מיטן שטרייפעלע צום מויל און בלאָזען דערויף, פּייפט עס.—

---

1) נאָך סינונימען: tatarskie ziele, tatarski korzeń.—טערמינען פֿון דעם אייגענעם שורש אויך בּאַ דאַל' IV און בּאַ פּיסקונאָווען.—

פז"ב I און VII: bluszcz, 1) b), מונדארטלעך = אין דער בוטא־ניק poa aquatica.

14) ליעפּעכע (מיט הויפּטטון אף ערשטער זילב): דובנע (וואלין).— פּינסק: łepecha (=ajér). — פּז"ב II: lepiecha (גענומען פון אוק־ראיניש).

15) קוויטשער (מיט לאנגען i): אין ווארשע.—פגל. 10, 13, 16.

16) פייפּעלעך („פּאפּשלאך"): אין קוזשעניץ (ווייער פּאפּולער). — פגל. 10, 13, 15.—

## פּורימדיקס.

[נ. פּ]. — 1) די ליטעראַרישע פורם איז גראגער. זי איז ניט בוכט בא ליפ. II, הארק., דריזין, ספיוואק־יהואש 66. זע אויך אין „הינטש־פינגערעל" (פ.־ב. I 22). אנאלוגיש אין בריאנסק (בעלסקער ק., געח. גרודנער גוב.).

דער ווערב איז גראגערען. זע „דער ווורעם אין כריין" (פּ.־ב. II 101). „הינטש־פינגערעל" I 22: „גראגערט". אויך שטיינשאנו 43 ברענגט דאס צ"ח, ציטירענדיק צום פארגלייך דאס טירוליש־דייטשישע gragela („רעדען מיט ליארעם און געקריגעריי") און דאס שוועבישע grageln („קריגען זיך"). אין שמידס „שוועבישען ווערטערבוך": gragölen („לאר־מען און שרייען"), gragöler („שרייער").

בא ליפשיצען: גרייגער (ה"ח), גרייגערן (צ"ח).—ליפּ. II: גריי־גערעל.

אין קרעמעניק¹), פּיאסק¹), זשעלעכוו, דרילטש, סומפּולנע אאז"וו גרעגער.—דריזין: גרעגערעל.

דער e שטאט a אין גרעגער האט זיך א פּנים גענומען לויט אנאלוגיע מיטן דימינוטיוו, וואס האט אומקלאנג.

אין קול'נע איז דער גאנצער וואקאבעל אומבאקאנט²).

אין מלאווע הייסט עס: המן־גרעגער.

2) אין ווישעגרוד (פּלוצקער קרייז): דריערעל (=גרעגער); געברויכט נור אין סינגולאר. דער פּלוראל: גרעגערלעך.

אין מלאווע: המן־דריער (=המן־גרעגער).

---

1) אין די שטעדט: געמאכט פון בלעך. —

2 אין מינסקער גוב. איז די באצייכענונג גראגער ניט באקאנט; אנשטאט דעם געברויכט מען קלאקוטקע. ספּעציעלע מינים פון גראגער הייסען דארט שרייער און פּאטשער. [ז. ר.]

3) אין קול'נע (אף קינדערלשון): קאדרעיקע, קארדרעיקע (ביידע באטונט אף מיטעלזילב),=גרעגער.

4) אין מישניץ (לומזשער קאנט): פארפאצקע (מיט באטונונג פון דער ערשטער זילב),=גרעגער.—זול דאס זיין דאס פוילישע מונדארטלעכע farfacka (l פה"ב („אומרויקע, א סך-רעדענדיקע פרוי, פלוידערזאק, רעדערין, קלאפערין")?

5) אין אופאלע, אין סלונים: שרייער (=גרענגער). — געבוכט בא הארקאווין.

6) א הילצערנער מין גרעגער איז דער המן-קלאפער; באקאנט אין זשעלעכוו, פיאסק אא"וו, געבוכט בא ספיוואק-יהואש.

הארקאווי: קלאפער (=קאלעקוטקע). — ליפ., ליפ. II, דרייזין: קלעפערעל (איבערזעץ פון רוסישען stukaljce, grjemuschka, kołotuschka, און סינונים אויך פון „גרעגער"); פאראן אויך בא הורוויצען.

הארקאווי: קלעפעל, המן-קלעפעל. — יל"ג, „שיחת חולין" 95: „דריידליך אויף חנוכה, קלעפלעך אויף פורים"; „ווינטשפינגערעל" I 25: „המנקלעפליך".

„דער תורעס אין כריין" (פ.-ב. II 101): המן-קלעפלען (ווערב).

7) זשעלעכוו: המן-פאטשער (=המן-קלאפער). —

# „פומצען מיט ראמצען".

[נ. פ.]. — יידענעס און עמי-הארצים פארדרייען אופטמאל העברעישע ווערטער. נישט זעלטען קומען דערפון ארויס קוריעזע פולקסעטימולאגיעס. די אמאליקע שונדשרייבערס הובען ליב געהאט צוצווירצען זייערע „ווערק" מיט אזא מין פעפער. נור א סך פון זיי פלעגען שוין אריבערלאפען די מאס און גלאט מאכען א בילבול אף די יידישע ווערטער אודער פראזמאקים פון המון, ארייגלייגענדיק זיי אין מויל קלוימערשטע פולקסעטימולאגיעס, האס זייער עכטקייט איז שטארק מסופק.

אין „דיא ציגיינער" פון ש. לעדערער (אוים בעלעם), האס איז, אין כלל אריין, קענטיק, גוט באהאוועגט געווען אין דער פולקס-שפראך, געפינען מיר אזא בינטעל:

I 41: „זיא רופט מיך צום בעזים שעלעמאלע (בית-דין של מעלה)"; I 61: „זיין ווייב, הינדה, חרבונה ברכה (זכרונה לברכה)"; II 3: „מויזעל טאף (מזל טוב)!"; II 4: „מיט א שיינעם ביינזאכער (בן זכר)", „צוא קאבעלעם פאנע (קבלת פנים)"; II 49: „דיין ברעשמאיעם (יראת שמים)"; II 60: „דיא ווימטע שרה (בשורה)", „בי-

דעם שרייען (יראת-שמים)", „דעם אײַדעם (גן-עדן)", „זונה ברכה (זכרונו לברכה)", „מיין בן זנונים (בן זקונים)", „מזיק טאָפּ (מזג מוב)"; II 61: „דיא פּישעריקניצע (אשת-איש-ניצע)", „חושע בלאָע פּארעט דיא נאָז (אשה רעה מר ממות)", „בייא דער מאַנעוורע האַנטשע ראַטענגראַד (חברה אנשי ראַטענגראַד)"; II 62: „אלאַטע (עד עתה)", „א מאַטעלס אַד (מתנת יד)", „מאַקס רעטאַך (מכּת רצח)"; III 6: „שײַנעם בחור (השם יתברך)"; III 69: „הויכער זיין (זוכה זיין)", „מיין אכסינע (חתונה)"; IV 3: „פאַר קלֶעם אײַדעל (כּל עם ועדה)", „לאַכען זאָל ער מיט דעם מאַך אַנאָז (מלאך המות)", „אויסגעפּראַסקעט דיא פּגורה (צורה)", „נאָר אוימיר טרייב דעם בער (מה אומר ומה אדבּר)"; II 61: „אין אונזער וואוינונג איז געווען פּומצען מיט ראַמצען (פּיתום ורעמסס) ריכטיג וויא בייא אייך".

פון דעם פּעקעל זעען נור געצײַלטע מוסטערן אויס גענומען צו זיין פון דער לעבעדיקער שפּראַך. די איבעריקע מוזען זיין „וויצען" פון מחבר.

צו די עלטערע קען מען, מיין איך, פאַררעכענען „פּומצען מיט ראַמצען" = „מזל טוב, פון אלעם גוטען, עשירות און לוקסוס, ווייער גרויסאַרטיקע זאַכען, שוין מעבעל און טייערע איינריכטונגען וכ'[1]". — אין דרילמש: פּיטים[2] וואַראַמסאָס (אין וואַרשעווער טייטש). — בערדיטשעוו: „מ: מעבעסך דוט גאַנצאַ פּיסאָס (מיט î) מיט ראַמסאָס" (= מ'מאַכט דוך דורט גאַנצע אויסשטעכצען, וויכטיקע איינריכטונגען, גרויסאַרטיקע באַפּוצונגען, צ"ב באַם בויען אודער רעמונטירען אַ הויז וכ').

אַנדערע פּולקסעטימולוגיעס אין דעם בוך: II 61: „געקלײַדעט וויא דיא בלאַזען (קניאַזען)"; III 61: „וואונדער פון דיא שטאַרקע נעזער (חינעזער) מיט דיא שאַמפּאַנער (יאַפּאַנער)"; IV 8: „אַ קילעטאַד (קלימאַט)", „מילנער (מיליאָנער)", „ערשטלינג (שטערלינג)", „שפּערלינג (שטערלינג)", „האַרפּען (גראַפען)"; II 63: „אָפּעצירען (פּאַססאַזשירען)". —

## שפּיל-לשון.

. פּ.]. — 1) יל"ג, „שיחת חולין" (וו. 1889): 74: „דיא בעלי בתים אונ דיא סוחרים || שפּיעלען פּוילישע פּאַסס, || אונ דער גבאי

1) ספּיוואַק-יהואש 224: „אויפטהאָן פּתם ורעמסס = פאַרריכטען פיעל אַרבייט". — אין וואַרשע הייסט „פּיתום ורעמסס": „זייער גוט, זייער פיל גוטע זאַכען". — אין קרעמעניץ (וואלין), סטאַניסלוי (מזרח-גאַליציע): „פּיטעם (מיט i) מיט ראַמסיס! = שיינע אויפטועכצען". —

2) אַסאָציאַציע מיט פּיטום [פון אתרוג]. —

פון בקור חולים || רופט אויס אָקאָרסט: מאטש! || ער האָט בעט גע-מאכט דעם עולם || צו געגומטען דיא קאטע". — צו „פּוילישע פּאסס" גיט דער מחבר צו אין א אָנמערקונג אונטערן טעקסט: „איין אין זאמטע בעליעבטעס קארטענשפּיעל, וואָביי ווענן מאן אללע שטיבע צו נעהמען האָט, רופט מאן ,מאטש' אונ ווען מאן איין אונטערשטיך האָט היייסט עס ,בעט שטעללען'".

צו מאטש פגל. פו"ב ll: maczek, maczuś (אף קאָרטענ-לשון), „אזא מין שפּיל אין קאָרטען"[1]; פון פראנצ. macao.

צו „בעט געמאכט", „בעט שטעלען", פגל. פו"ב l: bet (אף קאָרטענשפּראך), = 1) דאָס דורכפאלען, דאָס פארשפּילען דעם קאָן. 2) דער (איינגעשטעלטער) קאָן. „zrobić beta", „postawić beta". — פון פראנצ. bête || דאל' l: bjet (פון פראנציזישען, אין קאָרטענשפּי-לען, אין וועלכע מ'נעמט ליוזען), „רעפּיצים, הינטערשטעליקייט, שטראָף" („פאר איטלעכע נישטדערנומענע ליוז שטעלט מען א בעט אודער א 'רעמיז' ביז צום אלגעמיינעם חשבון").

2) ישראל חסר כח (הירש הורנשטיין), „כנור הצבי" (בערד. 1891): „מאָמיר דארף איך מיך פּארקילען, וועל איך בעססער גאָר נישט שפּיעלען" (48); „ער קריכט אין פּיטער-פּאס" (50); „ווער איז? א נאָסט ר' מיכל" (50); „ליג איך דאָך געווים אין פּאסס" (51).

אין אָנמערקונגען אונטערן טעקסט דערקלערט דער מחבר, אז „אויף שפּיל-לשון": „פּארקילען זיך" = פארשפּילען; „פּיטערפּאס" = „רעמיז" אין „סטוקאלקע"; „ר' מיכל" = „דער וואלעט" (ד"ה דער אונ-טער); „אין פּאסס" = „אין רעמיז".

הארק.: סטוקעלקע (אין קרעמעניץ מיט אקצענט אף ערשטער זילב). — דאל' IV: stúkalka, „א שארפע קאָרטענשפּיל".

דאל' IV: rjemiz (פון פראנצ.), אין קאָרטענשפּיל „דאָס נישט-דערנעמען א ליוז" („ווינפעל ליוזען מ'דערנעמט נישט, אזויפיל רעמיזען שטעלט מען").

דאל' I: wäljet, „די קלענצטע פיגור אין שפּילקאָרטען". — פו"ב VII: walet (דאָס אייגענע). — פון פראנציזישען.

3) אין סובאטשעוו: אָפּטאצן = צונעמען באם עולם דאָס געלט אין קאָרטען, געווינען בא אלע; „ר'הוט אָפּגעטאצט אלע" || טאצער = איינער, וואָס געווינט כסדר באם שפּילען אין קאָרטען און נעמט צו בא אלעמען ס'געלט.

---

1) = makao, bakarat, baczek. —

„ווינטשפינגערעל' (פ.-ב. I 27): „א נוס, א צחולינג, וואס האלטעני-דיג איהם אין מויל בייא דעם ניס-שפילען איז ער איהם שטארק מולדיג געהען אויף אפצודאצען דיא קינדער".—ליפ.: דאצן, אפדאצן = ob'igriwatj, ob'igratj. — ליפ. II 191: אבדאצען. —

## קונדעס-לשון.

[נ. פ.]. — I — „ווינטשפינגערעל" (פ.-ב. I 28פ.):

„אונזער הערשעלע... מאכט... צו איהם אויף קונדעס-לשון אזוי:

— סויסע-סאסי, סוא סילסט סאן סראנק?[1])

— סיין![2]) -- ענטפערט משה-יאסי אפ, אויך אויף דעם אייגענעם לשון טאקי, — סאל סאט סיטען[3]).

— זאג יא, נארעלע. טאקי גאר אהן קאטאדעס. גענוג דייטש! — מאכט הערשעלע, — לאמיר ריידען פראסט יודיש"..

און ווייטער:

— „שא, שא, סויסע-סאסי! — נעהמט איהם אונזער הערשעלע איין אויף קונדעס-דייטש מיט א פרעהליך הארץ: — סיא סאקע, דיא מכה דיר, האב איך שוין געמאכט. אצינד בעקומסט-דוא פון מיר סרועה, א רפואה"...

II. — אין קרעמעניץ, אף וויפעל ס'איז מיר פארבליבען אין זכרון, הובען, אין מיינע קינדעריאָרען, די חברים מיינע געהאט עטלעכע אזעלעכע „קונדעס-לשונות". נור כ'געדענק בלויז איינעם, וועלכער פלעגט געברויכט ווערען דערעיקרש באם רוסיש-רעדען: פאר איטלעכער זילב פלעגט צוגע-געבען ווערען דאס ווארט פאר; צ"ב: „פאר-יא פאר-פוי פאר-דו פאר-גו פאר-ליאט'". —

## קרעמער-לשון.

[נ. פ.]. — אין שלום-עליכמס „סטעמפעניו" 76 ליינען מיר: „איך תאל זיך ניט טאשען, —האט געזאגט א גראב יודעל א שניט-קרעמער, — לאז דאס געהן אין דער ערד אריין!" — אין א אנמערקונג אונטערן טעקסט דערקלערט דער מחבר: „טאשען הייסט אויף קרעמער-לשון זיך שפעלען אויפן יריד מיט א קראם".—

---

1) = משה-יוסע, דו ווילסט זיין קראנק.— 2) = ניין.—
3) = זאל גוט היטען.—

**צוויי אַקטועלע פֿאָלקסלידלעך.** אינם שטעטל וואַשליקאָווע (ביאַלי־סטאָקער קרייז) פֿאַרמאָגן מיר צוויי פּלייסיקע זאַמלער, חנא פּערלשטיין און ברוך קאַץ, וואָס שיקן צו אַ סך מאַטעריאַל: ווערטלעך, בעל־מלאכה־ע טערמינאָלאָגיע, לידער. פֿון זייערע קאָלעקציעס ברענגען מיר דאָ דערווייל צוויי אַקטועלע פֿאָלקסלידלעך.

I. דאָלאַרן.

דאָלאַרן, גיט זיי מיר אַהער,
דאָלאַרן, אָט דאָס איז דאָך מיין באַגער!
איך מעג שוין האָבן אַ כּלה אַ שלאַק,
אַבי דאָלאַרן אַ פֿולן זאַק.
דאָלאַרן, גיט זיי מיר אַהער,
דאָלאַרן גיט זיי מיר אַהער.

איך מעג שוין האָבן אַ כּלה אַ קרומע,
אַבי אין אַמעריקע האָט זי אַ מומע.
דאָלאַרן, גיט זיי אַא״ו.

זי מעג שוין זיין אָן אַ נאָז,
אַבי דאָלאַרן אַ פֿולע מאָס.
דאָלאַרן, גיט זיי אַאז״ו.

זי מעג שוין זיין געשוואָלן ווי אַ פֿאַס,
אַבי דאָלאַרן אַ פֿולע גאַס.
דאָלאַרן, גיט זיי מיר אַהער,
דאָלאַרן, גיט זיי מיר אַהער.

II. אַמעריטשקע.

לעבן זאָל אַמעריטשקע
מיט אירע דאָלאַרן!
קומען די דעלעגאַטן
און טוען אונדז אָפּנאַרן.
זיי נעמען די דאָלאַרן
און בייטן אַף די מאַרקן,
און מאַכן מיטדערמיט
די בעסטע שפּעקולאַטן.

לעבן זאָל אַמעריקע!
ווען זי האָט זיך געטאָן דערוויסן,
אַז מיר גייען אין וואַשליקאָווע
נאַקעט אָפּגעריסן,
האָט זי אונדז אַרויסגעשיקט
קאַמאַשן מיט לאַנגע שפּיצן.
די מיידלעך ווילן מיט די בחורים שפּאַצירן גיין
און מוזן אין שטוב זיצן.

אַ וואַריאַנט פֿון דעם דאָזיקן צווייטן ליד האָט אַ. האַרקאַווי פֿאַרצייכנט מיט עטלעכע יאָר צוריק אין נאַוואַרעדאָק און אָפּגעדרוקט אין „פֿאָרווערטס“ אין אַזאַ נוסח:

לעבן זאָל אַמעריקע,
לאַנגע יאָר זאָל זי געניסן!
ווען זי האָט דערוווסט זיך,
אַז מיר גייען אָפּגעריסן

האָט זי אונדז באַקליידט
אין סאַמעט און אין פּלוש,
האָט זי אונדז געמאַכט
פֿאַר יאָלדן אין קאַפּעלוש!

[ר. ליכטציגער]. **ריסטאָטעליכע.** אין אָרלע (גראָדנער געגנט, לעבן בעלסק) זאָגט מען אויף אַ יידענע, וואָס חכמהט זיך, וואָס מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז קליגער פֿון אַלעמען: „זעט נאָר, ס'אַראַ ריסטאָטעליכע!“ דאָס וואָרט איז, פֿאַרשטייט זיך, גאָר קיין אַנדער זאַך, ווי אַ ווייבערשער גילגול פֿונם גרויסן אַריסטאָטעלעס, וואָס הייסט אין דער יידישער מיטלעלטערישער פֿילאָסאָפֿיע אַריסטו און איז שוין אָפּגעשיידט פֿון אונדזער וועלט מער ווי 2000 יאָר.

**דער אַלט־יידישער אויסלייג.** פֿאַר די־יעניקע פֿון אונדזערע לייענער, וואָס זיי איז פֿרעמד די סיסטעם פֿונם אַלט־יידישן אויסלייג, ברענגען מיר דאָ עטלעכע וויכטיקסטע כּללים: א) אַ שטומער אלף שטייט וואָרט־אויס

נישט נאָר נאָך וואָקאַלן (דיא, זיא), נייערט אויך נאָך קאָנסאָנאַנטן (קאַפּאַ=קאָפּ, אונטער שיידא = אונטערשייד). ב) דאָס אַלטע יידיש האָט פֿאַרטאָגט די איבערקלאַנגען ö, ü, eu, און באַצייכנט האָט מען זיי אַזוי: די ערשטע צוויי דורך „וי", דעם eu דורך „יי". אַלזאָ בויז = bös(e), בויכר = bücher, לויט = leut(e). ג) די אַלט-יידישע שריפֿט פֿלעגט באַצייכענען דעם חילוק פֿון ב, פּ, כּ, תּ ביז ב, פֿ, כ, ת נישט דורך אַ ד ג ש אין הארטערן, נאָר דורך אַ פּ אַ ס י ק ל (רפֿה) איבערן ווייכן אות. ליידער האָט אונז די נידעריקע טעכניק פֿון אונזער דרוק נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו בלייבן בײַ דער דאָזיקער אייגנטימלעכקייט אַפֿילו אין די ציטאַטעס. ד) דער „ו" און „ב" (מיט אַ פּאַסיקל) באַצייכענען (אפֿשר לויטן מוסטער פֿון דייטשן v) אויך אַ f. אַלזאָ: ורום=פֿרום, ליבשבט=ליבשאַפֿט. ה) קיין שום נקודות האָט דער אַלט-יידישער אויסלייג נישט אָנגעווענדט. אויך איז מען געווען אַ סך שפּאָרעוודיקער בײַם שרייבן וואָקאַלן; אין בײַמראַזן, און אָפֿטמאָל אַפֿילו אין הויפּטטראָפֿן פֿלעגט מען זיי אינגאַנצן פֿאַרבײַגן, פֿאַרלאָזנדיק זיך אויפֿן לייענער. אַ שטייגער: הנט=האַנט, גנץ=גאַנץ, בויכר=ביכער, ליבשבט=ליבשאַפֿט. ו) דער „י" באַטײַט נישט נאָר אַ חיריק, נייערט אויך אַ צירה: ריד = רייד. ז) דער הײַנטיקער חולם-קלאַנג (אין אַזוינע ווערטער ווי ברויט, נויט אאַז"וו) האָט זיך געשריבן סתם מיט אַ ו (ברוט, נוט); אין זעלטענע פֿאַלן פֿלעגט דער חולם בפֿירוש באַצייכנט ווערן (וֹ). ח) דער „ש" האָט באַצייכנט נישט בלויז דעם sch (sz), נאָר אויך דעם s; דער „ס" איז געווען אַ זעלטענער גאַסט. אַלזאָ: גרוש = גרויס, דש = דאָס, ווש (אָדער וואַש) = וואָס. ט) די פֿאָדערטראָפֿן אד"ג ווערן געשריבן באַזונדער פֿונם עיקר-וואָרט: אונטער שיידא, פֿר לאזן.—בײַ אַלפֿרעד לאַנדוי, „די שפּראַך פֿון גליקעל האַמילס מעמוארען" („מיטטיילונגען" ה' 7, ז"ז 20 פֿפֿ.), ז. רייזען 109 פֿפֿ., ווײַנרײַך „שטאַפּלען" 108—114. —

**בעל-מלאכה-שפּראַך.** העניך שלייפֿער שיקט אונז פֿון ק ו ט נ ע (ווו ער איז געבוירן געוואָרן און אויפֿגעוואַקסן) עטלעכע ווערטער, מיט וועלכע שניידער און שוסטער באַצייכענען די טיילן פֿון זייערע אויסאַרבעטונגען. אָט זענען זיי. ב ײַ שנ י י ד ע ר: אַ פּשאָדעק (ó), אַ פּלייצע, אַן ארמל, אַ קאָלנער, ליַסטן (â), אַ פּאַסעק, אַ מייקעט (aj́), אַ פּאַט, טאַשן. ב ײַ שוסטער: אַ טילעק [y], אַ קאַפּע, אַ בראַנדזויל, אַ קיעדרע, אַ קראַנץ, אַ זויל, אַ גלאַנעק, אַן אָפּצאַס. ב ײַ שטעפּער: אַ קיואַטיר, אַ לאַוואַט, אַ פֿאָלגע, אַ קעפּל, אַ אינטערמע, אַ פּשישווע' אַ פּאַסיקע, אַ לאַץ, אַ קאַפּע, [אַ טילעק בײַ שוסטער פֿון הארטע לעדער, בײַ שטעפּער—פֿון ווייכע].

ליידער האָט ח' שלייפֿער בײַ אַלע ווערטער געשריבן „אַ", נישט אָנווײַזנדיק דעם אַרטיקל [דער, די, דאָס] און נישט באַשרײַבנדיק גענויער, וועגן וועלכע טיילן פֿון דער אויסאַרבעטונג דאָ גייט. מיר בעטן אים, ער זאָל דאָס דערגאַנצן.

גלייכצייטיק בעטן מיר אַלע לייענער, זיי זאָלן אונז שרייבן וואָס מער און וואָגענויער וועגן דער שפּראַך פֿון פֿאַרשיידענע פֿאַכן בעלי־מלאכות בײַ זיי אין שטאָט. דאָס איז אַן אומגעהייער וויכטיקער צושטייער צום קומענדיקן ייִדישן ווערטערבוך.

**דרוקער.**—פֿון ס ט ר י [מזרח־גאַליציע] שרייבט ש. ראַסלער: צווישן די באַצייכענונגען פֿון מלאכות וואַרפֿט זיך בײַ אונז אין די אויגן דאָס וואָרט ד ר י ק א ר [אַרויסגערעדט אַן ערך drykor]. דאָס איז איינער, וואָס פֿאַרבט פּויערשע לײַוונט. אין אונזער געגנט רעכנט זיך דאָס בײַ ייִדן פֿאַר אַ שענדלעכער מלאכה, אַזוי אַז ווען מען זאָגט אויף עמיצן: „ער קומט אַרויס פֿון די דרוקערס' (מען גיט נאָך צו, ('און פֿון די שינדערס')", נעמט מען דאָס אויף ווי אַ באַליידיקונג.—אפֿשר וועט עמיצער פֿון די לייענער צו דערקלערן—פֿאַרוואָס? דאָס וואָרט ד ר ו ק ן מיטן פּשט „באַפֿאַרבן שטאָף' איז פֿאַראַן אויך אין דײַטש (דוו"ב II, 1442) און פֿון דאָרטן איז עס אַריבער אין פּויליש: drukować, druczkować (פּוו"ב I 565).

**[מ. וו.] טאָמבאַנק.** אַ גרופּע ווילנער לערער האָט זיך נישט לאַנג מפּלפּל געווען, ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן דאָס וואָרט, וואָס באַטײַט: דעם טיש אין קראָם, אויף וועלכן דער קרעמער לייגט אויס די סחורה[1]. איך האַלט, אַז די שרייבונג, וואָס איז אויבן געגעבן געוואָרן איז אינגאַנצן קאָרעקט. נעמען נעמט זיך דאָס וואָרט אפֿילו פֿון האָלענדישן toon-bank [toon הייסט 'ווײַז', אַלזאָ 'ווײַז־באַנק'], נאָר אַפֿילו אין דער צפֿון־דײַטשער אומגאַנגס־שפּראַך איז שוין דאָס וואָרט אַריבער מיט אַ m (דוו"ב XI I 755: Tonbank, Tombank), און בײַ אונז אין ייִדיש, ווו די אויסלייגונג האָט שוין מיט רעכט סאַנקציאָנירט אַזוי פֿיל אַסימילאַציעס פֿון n פֿאַר b (קאַמפּעט, באַשיימפּערלעך, הימפּערל א.אַז״וו). איז ניטאָ קיין שום גרונט צו פֿאַראײַביקן די האָלענדישע שרייבונג

[ז. ר.]. צוליב רדיפֿות אויף דעם האַנדל מיט וואַלוטע (ד"ה דערהויפּט מיט דאָלאַרן) האָבן זיך אין ווילנע (אפֿשר אויך אַנדערש־וווּ?) געשאַפֿן פֿאָלגנדיקע באַצייכענונגען פֿאַרן דאָלאַר: ל אָ ק ש ן (אַדאַנק דער לענג פֿון די דאָלאַר־אַסיגנאַציעס), א ו נ ט ע ר ז ו פּ ע ד י ק ע (ווײַל לאָקשן ליגן דאָך אונטער דער זופּ), י ם ־ ב ל צ ט ל ע ך (אַ רמז אַז זיי קומען מעבֿר לים); איך האָב אויך געהערט דעם אויסדרוק: אַ טראַסק טאָן אַ לאָקש, ד"ה אָפּכאַפּן אַ דאָלאַר.

[ז. ר.] צוליב דער מוראדיקער ירידה פֿון דער וואַלוטע איז שטאַרק באַג־ענעצט געוואָרן דער טערמין פֿון אויסשטעלן אַ וועקסל; אַזאַ קורצטערמיניקער וועקסל האָט אין ווילנע באַקומען דעם נאָמען כּ מ ו ע ל ע, ד"ה כּמו אַ וועקסל.

[ז. ר.]. פֿון פּרוי מ., אַ אייגנטימערין פֿון אַ אַנטיקוואַר־געשעפֿט אין ווילנע, האָב איך געהערט דאָס שיינע ווערטל: „מײַן רימענדל וועט אויסטראָגן וועמעס דימענטל".

[ז. ר.]. דער זיידע פֿון דעם דיכטער משה קולבאַק (סמאָרגאָן) פֿלעגט זידלען זײַן אייניקל דעם שטיפֿער מיטן וואָרט ס ע ר ל ע ל ע;

[ר]. פֿון ה. ד. נאָמבערגס אַ פֿעליעטאָן (וועגן דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע—„עמיק, ערניק, הענטיק"): „...אָט פֿעלט גראָד אין דער ייִדישער שפּראַך אַ וואָרט אַ פּאַסיקס פֿאַר דער אומבאַשטימטער צײַט. „אַמאָל' איז צו פֿאַרעווע, גיט קיין שום ווידערקלאַנג נישט. איך וואָלט פֿאָרגעשלאָגן „ווענטיק'..."

---

*] אין ביאַליסק (גראָדנ. געגנט). טובאַנק (û)

אגב באַמערקט: די פֿון נאָמבערג פֿאַרגעלייגטע (צי אויף קאַטאָוועס אָדער אויף אַן אמת) געזאָגיזמען יידישיזם אין פֿאָלקיזם געהערן איצט צו די געבראַכענעכטע... אין אונזער מאָדערנעם לעקסיקאָן...

דאָס הילפֿסצייטוואָרט טאָן (טון) האָט דורך דער אומגעהייער אָפֿטער אָנווענדונג דערגרייכט די בחינה פֿון אַ סופֿיקס, דערפֿאַר קען עס איבערגעחזרט ווערן אָן שאָדן פֿאַרן סטיל, למשל: איך האָב אַ וואָרף געטאָן דעם מאַנטל, אַ כאַפּ געטאָן דעם בעל-דבר און אים אַ זעץ געטאָן אָן דער ערד...

[ז. ר.]. אַלס מוסטער פֿון בערלינער יידיש אין מיטן פֿון XIX יר״ה קען אפשר דינען דער שאַרזש אויף יידן אין אַ פֿליגבלאַט פֿון יאָר 1848 בשעת דער רעוואָלוציע, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם בוך: „Vorkampf Deutscher Einheit und Freiheit“ (לייפּציג, 1914, ז. 348—349; געזען ביי ד״ר י. שאַצקי, וואַרשע).

[ז. ר.]. קענען די פֿאָרמען גאַנצענע טעג, גרויסענע צרות, אַזעלכענע זאַכן אַנטוויקלען אַ פֿאַרגרעסערונגס-פֿאָרם פֿון יידישן אדיעקטיוו?

[ז. ר.]. אַ אַסימילירטער ייד פֿון בודאַפּעשט (גאָר אַ קנאַפּער קענער פֿון יידיש) זאָגט שלאָפֿל-שמש אין דעם זין פֿון אונזער שלאָטן-שמש.

[מ. וו.]. ניי-סאַנצער קללות. פֿון אַ פּעקל אינטערעסאַנטן מאַטעריאַלן, וואָס עס האָט אונז צוגעשיקט אהרן איזנבאַך פֿון ניי-סאַנץ (מערב-גאַליציע) נעם איך דערווייל אַרויס צוויי קללות, וואָס האָבן מיך פֿאַראינטערעסירט. 1) „סינטערלאַב [ס'אונגליבן] זאָל דע [דיר] אַרוס [אַרויס]“! די דאָזיקע קללה געפֿינען מיר נאָך מיט 140 יאָר צוריק אין פֿרידריכס „אונטעררייכט אין דער יודענשפּראַכע אונד שריפֿט“, פּרענצלוי 1784 [באַראַבאָוו № 42]. 2) „אַ לעדע [אַז כ'וועל דיר] געבן אַ לעק עס דעך בעדאַמען [ווערסטו דיך באַדמען] מיט רויטע קאַווע“.—„רויטע קאַווע“=בלוט. פֿגל' אין מיינע 'שטאַפּלען' ז' 235: „איך וועל דיר געבן אַ פּאַץ [פּאַטש], אַז די רויטע זופּ וועט אַרויס“.

בלומען. אונטער דער רובריק שיקט אונז אַ. בערגמאַן פֿון קאָלאָמיי אַזאַ זאַמלונגל: דער בלום, די בלומען. דער קאַקטוס,—ן. די שטינקנדע ליזע, די —ע —ס. דער בוקספּאַן, — ען, דער ווּסאַטי, — ס. דער ליאַק,—עס. די מיעטקע,—עס. דער באַרביס,—ן. דער רומיאַניק,—עס. די בלינדע טשיטשעס. די באַבסקי בלעטער. די ציבעלעוואַזאָנע,—ס. די עליזי-וואַזאָן,—עס. — די ווערטער זענען זייער ווילטיק, אָבער ס'איז מערניט ווי האַלבע אַרבעט; וואָס באַטייטן זיי? מיר מוזן האָבן אַ גענויע באַשרייבונג אָדער אַ באַצייכענונג אין אַן אַנדער שפּראַך.

[מ. וו.]. ווענדן. אין בענדין איז דער פּאַרטיציפּ פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט צו „ווענדן“—געוואָנדן. ווו נאָך גילט די פֿאָרם? און צי זאָגט מען נאָר „איך האָב זיך געוואָנדן צו דיר“—אָדער אויך: „ס'איז געוואָנדן אין דעם, צי...“.

---

# ידיעות

* ביים ווייסרוסישן מלוכהשן אוניווערסיטעט אין מינסק האָט אָנגעהויבן צו פֿונקציאָנירן אַ קאַטעדרע פֿאַר יידישער שפּראַכוויסנשאַפֿט. די אויפֿגאַבע פֿון דער קאַטעדרע איז צוצוגרייטן לעקטאָרן פֿאַר יידישע אָפּטיילונגען אין די הויכשולן. אַחוצדעם וועט די קאַטעדרע זיך פֿאַרנעמען מיט יידישער שפּראַכפֿאָרשונג. צו דער קאַטעדרע איז

צוגעצויגן געוואָרן אַלס לעקטאָר דער פּילאָלאָג מ. וויינגער, מחבר פון „יודישן סינטאַקסיס“, פון די בראָשורן „מאַינ אַלעף בעיז“ און „מאַינ איסלעיגונג“ און פון אייניקע פּילאָלאָגישע אַרטיקלען אין נח פּרילוצקיס זאַמלביכער, „דעם פנקס“ א״אַנד. מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט די קאַטצדרע קאָמאַנדירט וויינגערן קיין פּעטערבורג מיט וויסנשאַפטלעכע צוועקן.

* אונזער מיטאַרבעטער ד״ר מתתיהו מיזעס דרוקט איצט אין לייפּציג אַ היסטאָרישע גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך (אין דייטש).

* אין פאַרלאַג „קולטור־ליגע“ (וואַרשע) איז אַרויס אַ ניי בוך פון נח פּרילוצקי: „מאַמע=לשון“, יידישע שפּראַכוויסנשאַפטלעכע פאַראַרבעטן, באַנד I. אין בוך גייען אַריין 4 עטיודן: „לאָמיר, גאָמיר, לאָמיך, גאָמיך“, „מאַטעריאַלן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער קאָניוגאַציע“, „בישטיילבנדבילדנדיקע גאַזאַלן אין אויסלויט פון הויפטטאָניקער זילב פאַר ספּיראַנטן“, „אַפריקאַטיזירטע (אַלוועאָלאַרע און אַלוועאָלאַרפּאַלאַטאַלע) ספּיראַנטן נאָך ת אין דרוקווערק“...—דער צווייטער באַנד „מאַמע=לשון“ דאַרף אַרויס פון דרוק אין די נאָענטסטע וואָכן.—עס ווערט אויך פאַרענדיקט דאָס זעצן פון דער צווייטער העלפט פון ערשטן באַנד נח פּרילוצקיס „יידישער קאָנסאָנאַנטיזם“.

* די „יידישע שול־גראַמאַטיק“ פון יודל מאַרק [קאָוונע] איז דאָ נישט לאַנג אַרויס אין אַ צווייטער פאַרבעסערטער אויסגאַבע.

* עס זעצט זיך דער צווייטער טייל פון ז. רייזענס „גראַמאַטיק פון דער יידישער שפּראַך“.

* דער באַוווסטער יידישער לעקסיקאָגראַף אַלעקסאַנדער האַרקאַווי פאָרט בקרוב אַרויס קיין אייראָפּע צו דרוקן זיין נייעם יידיש=העברעיש=ענגליש ווערטער=בוך.

* יעקב בן=יעקב, דער אַרויסגעבער פון זיין פאָטערס באַרימטן „אוצר הספרים“, גרייט צו אַ נייע פאַרפולשטענדיקטע אויסגאַבע פון דעם דאָזיקן קאַטאַלאָג פון דער העברעישער און יידישער ליטעראַטור (ביז 1863); די דאָזיקע אויסגאַבע, ביי וועלכער עס האָט זייער פיל מיטגעהאָלפן משה שטיינשניידער, איז 6 מאָל אַזוי גרויס, ווי די ערשטע אויסגאַבע, און האָט אַלס ביילאַגע אַ רשימה לויטן אלף=בית פון 18000 יידישע מחברים.

* ז. ראָזענטאַל, דער רעדאַקטאָר פון דער קעשעניעווער צייטונג „אונזער צייט“, האָט פאַרטיק אַ זאַמלונג פון אַלע מאָלדאַוואַנישע ווערטער, וואָס גייען אַריין אין בעסאַראַבער יידיש (אַן ערך 400—500, דאָס רוב שטאַרק געענדערט), מיט קאָמענטאַרן און דערקלערונגען. מיר האָפן זי צו פאַרעפנטלעכן אין די קומענדיקע נומערן פון דער „יידישער פילאָלאָגיע“.

* אליעזר=שלמה ראַבינאָוויטש פון קיעוו אַרבעט די לעצטע פאָר צענדליק יאָר אויף אַ „פולשטענדיקן ווערטער=בוך פון אַלע העברעישע גרונט=ווערטער און זייטיקע געברויכלעכע העברעיזמען אין דער יידישער שפּראַך — מיט דערקלערונגען, באַמערקונגען, באַלייכטונגען און ביישפּילן, אין וואָסערע פאַלן, פאָרמען און באַדייטונגען זיי ווערן געברויכט, אויך מיט מראה מקומות פון זייערע מקורים און אָפּשטאַמונגען“. צו דעם דאָזיקן ווערטער-בוך, וואָס זאָל זיין דאָס פולשטענדיקסטע פון אַלע ענלעכע אויסגאַבן (ביז 50 דרוקבויגן), קומען אַלס ביילאַגעס 1) אַ זאַמלונג פון אַלע ראשי=תבות און פאַרקירצונגען אין בריוו און אין דער יידישער ליטעראַטור, מיט באַשרייבונגען און דערקלערונגען; 2) אַ גרויסע אָריגינעלע זאַמלונג פון העברעישע פערזאָנען= און פאַמיליען=נעמען אין רוסלאַנד און אין פוילן, מיט דערקלערונגען פון זייערע באַדייטונגען און אָפּשטאַמונגען.

* ד״ר רחל מיזעס, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ דאָקטאָר־אַרבעט וועגן דער פֿאָ=
נעטיק פֿון דעם יידישן דיאַלעקט פֿון מיטל=גאַליציע (פשעמישל), וועט די דאָזיקע די=
סערטאַציע פֿאַרעפֿנטלעכן אין איינעם פֿון די נאָנטסטע נומערן „יידישע פֿילאָלאָגיע״.

* אונזער מיטאַרבעטער ד״ר יצחק שיפּער שרייבט איצט אַ ווערק וועגן אַלט=
יידיש בעתן מיטלעלטער און וועגן פּראָבלעמען פֿון דער יידישער ליטעראַטור = געשיכטע
פֿון XVI יר״ה; דאָס ווערק באַשטייט פֿון אַ ריי גרעסערע און קלענערע עטיודן, פֿון וועלכע
עס זענען פֿאַרטיק אָט וועלכע: 1) דער אָנהייב פֿון אַלט=יידיש, די שפּראַך־פֿאַרהעלטעניש אין
די דייטשע געטאָס ביזן סוף XIII יר״ה 2) אַלט=יידיש בעת XIII און XIV יר״ה, 3) די
דינאַמישע פֿאַקטאָרן פֿון די שפּראַך-פֿאַרהעלטעניש אין די דייטשע געטאָס בעתן מיטל=
עלטער, 4) די שפּראַך=פֿאַרהעלטענישן בײַ די סלאַווישע יידן בעתן מיטלעלטער.

* פּראָפ. נ. פּערעפּערקאָוויטש, איצטער אין ריגע, האָט פֿאַרטיק גע=
מאַכט אַן אַרבעט „קלאַנג= און וואָרט=שפּיל אין יידישן הומאָר״.

* ד״ר וואַלטער אַנדערסאָן, איצט פּראָפעסאָר פֿון עסטאָנישן און פֿאַרגלייכנ=
דיקן פֿאָלקלאָר אין דערפּעטער אוניווערסיטעט, דער אויטאָר פֿון אייניקע גרעסערע אַר=
בעטן אין רוסיש און דייטש איבער דעם וועלט=באַקאַנטן פֿאָלקס=אַנעקדאָט וועגן דעם קיסר
און גלח, צווישן זיי אויך—אַ זאַמלונג וואַריאַנטן פֿון דעם דאָזיקן אַנעקדאָט בײַ די מינ=
סקער יידן, האָט צוגעזאָגט דער רעדאַקציע פֿון דער „יידישער פֿילאָלאָגיע״ אין משך פֿון
יאָר 1924 צו פֿאַרעפֿנטלעכן זיינע מאַטעריאַלן פֿון יידישן פֿאָלקלאָר, וואָס ער האָט צו-
גויפֿגעזאַמלט אין 1918 אין די מינסקער יידישע שולן.

* ב. ג. זאַק אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדע) אַרבעט איבער אַזוינע ווערק: „די עטי=
מאָלאָגישע יסודות פֿון דער יידישער שפּראַך״ און „ווי דער ייד רעדט״ (וועגן סטי=
ליסטישע און דיאַלעקטישע אייגנטימלעכקייטן פֿון יידישן רעדן). [אַ. אַלמי, פֿרייע אַר=
בעטער=שטימע, פֿעבר׳ 15, 1924].

* יודא יאַפּפּע איז פֿאַרנומען מיט אַרבעטן וועגן יידישע סינאָנימען און וועגן
גייע ווערטער אין יידיש. [אַ. אַלמי, פֿרייע אַרבעטער-שטימע, פֿעבר׳ 15, 1924].

* ד״ר אַ. אַ. ראָבאַק שרייבט יעצט אַרבעטן וועגן פֿאַרצכטלעכע און פֿאַר=
גרעבערנדיקע אויסדריקן אין יידיש.

* ד״ר מ. גאַסטער (לאָנדאָן) פֿאַרמאָגט אין זיין ביבליאָטעק פֿאַרשידענע אַלטע
יידישע כתב=ידין. אַ טייל פֿון זיי האָט ער צוגעזאָגט צו שטעלן צו דיספּאָזיציע פֿון דער
„יידישער פֿילאָלאָגיע״.

* פּראָפ. ד״ר מ. לאַנדוי (לאָנדאָן) גרייט=צו אַן אַרבעט פֿאַר איינעם פֿון די
קומענדיקע העפֿטן „יידישע פֿילאָלאָגיע״.

* אין העפֿט 2 פֿון דער „יידישער פֿילאָלאָגיע״ [מערץ=אַפּריל]
וועלן אַרייַנגיין, צווישן אַנדערע, אַזוינע אַרבעטן.

ד״ר י. שיפּער. דער אָנהייב פֿון ,לשון אשכנז׳ אין דער באַלייכטונג פֿון אָנאָמאַ
טישע קוועלן. אינהאַלט: מעטאָד און מקורים. די שפּראַך=פֿאַרהעלטענישן בײַ די דייטשע
יידן אין 11-טן און 12-טן י״ה. דער אָנהויב פֿון אַלט=יידיש [דאָס 13-טע י״ה]. יידיש=
דייטש (אַלט=יידיש) און קריסטלעך=דייטש בעתן 13=טן י״ה. — ח. לונסקי. איסראַליזס
יידיש (צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון די יידישע טעקסטן אין די שאלות-ותשובות).—
מ. לערער. ווערטער און ווערטלעך פֿון כעלם.— א. סאָסנאָוויק. איינגלויבעניש
פֿון דיסנער קרייז.—י. שפּורן. יידיש אין אונגאַרן. ס׳וועלן אויך, פֿאַרשטייט זיך, דער=
ענדיקט ווערן די אַרבעטן, וואָס זענען אָנגעהויבן געוואָרן אין היינטיקן נומער.

אין איינעם פֿון די קומענדיקע העפֿטן וועט ווערן אָפּגעדרוקט דאָס באַרימטע ווערק פֿון **דוד אַפּאָטייקער** „**סם חיים**“, פֿון די גאָר גרויסע יקר־המציאותן, געדרוקט אין פּראָג 1590.

---

**צו אונזערע קאָרעספּאָנדענטן און גוטע פֿריינט!** דער גרעסטער טייל פֿונם מאַטעריאַל, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן, וועט פֿאַרנוצט ווערן ערשט אין די ווייטערדיקע נומערן. דריגגט נישט אַרויס דערפֿון, אַז דערווײַלע מעגט איר זיך אָפּהאַלטן פֿון מיטאַרבעט. פֿאַרקערט: שיקט וואָס מער, וואָס מער!

---

אין **רעדאַקציאָנעלע** אָנגעלעגנהייטן ווענדן זיך לויט איינעם פֿון די דרייַ אַדרעסן:

1) N. Pryłucki, Warszawa, Leszno 28.
2) Z. Rejzin, Wilno, W. Pohulanka 11.
3) M. Wajnrajch, Wilno, W. Pohulanka 9 m. 13.

# פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע“ וואַרשע

## נייע אויסגאַבן

### די פּרייזן אין טויזנטער

#### בעלעטריסטיק

שלום־עליכם—פֿונם יאַריד I 5500
„ „ „ II 5500
„ דער מבול (ראָמאַן) 8200
„ מאָטל דעם חזנס 4200
שלום אש—דאָס בוך פֿון צער 6300
„ הימל און ערד 6300
„ סאָציאַלע דראַמען 6300
„ נאַציאָנאַלע דראַמען 6300
פּרץ הירשביין — איינאַקטער 6600
מלך ראַוויטש—פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפֿטן

#### קריטיק און וויסנשאַפֿט

נח פּרילוצקי—דאָס געווען 4000
„ מאַמע־לשון 2600
א. בערגסאָן—אַריינפֿיר אין מעטאַפֿיזיק 1200
וו. נאַטאַנסאָן—שפּינאָזא און בערגסאָן 1000
ביכער־וועלט 1923, 2-טער יאָרגאַנג
„ № 1—2 1924 3800

#### קלאַסיקער־ביבליאָטעק פֿאַר יוגנט

שלום אש — פֿאַר יוגנט 5000
„ מעשהלעך פֿון חומש 4000
מענדעלע מו״ס—מסעות בנימין השלישי 1800
שלום עליכם—טוביה דער מילכיקער 3000

#### שול־ביבליאָטעק

נ׳ 21 י. אַפּאַטאָשו—דער משפּט 500
נ׳ 22 מאַני לייב—בלימעלעך־קרענצעלעך 600
נ׳ 23 י. ל. פּרץ—אַרענדאַר 500
נ׳ 24 פּרץ הירשביין - מעשהלעך 500
נ׳ 25 ד. איגנאַטאָוו— מעשהלעך 600
נ׳ 26 מ. ראָזענפֿעלד—לידער 500
נ׳ 27 י. י. זינגער—ליים־גרובן 600
נ׳ 28 שלום אש—דערציילונגען 500
נ׳ 29 י. ל. פּרץ—שרה בת טובים 300
נ׳ 30 פּ. מאַרקיש—זאַנג־געזאַנג 600
נ׳ 31 י. ל. פּרץ—דין־תּורה מיטן ווינט 300
נ׳ 32 שלום אש—חורבן ירושלים
נ׳ 33 „ עלי און שמואל
נ׳ 34 „ דער קעניג פֿון יהודה
נ׳ 35 „ משה
נ׳ 36 יעקב פֿיכמאַן—שבת אין וואַלד
שול־ביבליאָטעק 1 סעריע (1—10)
„ 3 „ (21—30)
וו. הויף—מעשהלעך (אילוסטרירט) 3500
„ ליליפּוטן־נאַז 1000
„ קליינער מוק 500
„ סאַיד 900
„ קאַליף בושל 350

#### לערנביכער

י. פּאַט—לייענען און שרייבן (8 העפֿטן) צו 350
„ מעטאָדישע אָנווייזונגען 350
ח. ש. קאַזשדאַן—פֿאַר שול און היים 1200
ש. גילינסקי—געאַרבעט און גערעכנט 240
„ אַריטמ. רעכנבוך II לערן־יאָר 2000
„ „ „ III „ 2000
„ „ „ IV „ 2600

**בוכהאַנדלונגען און ביבליאָטעקן ראַבאַט**

אַדרעס פֿאַר בריוו: Wyd. „Kultur Liga“ Warszawa, Leszno 40 m. 11
טעלעפֿאָן: 186-48

**יידישע פֿילאָלאָגיע צווייחודשדיקע בלעטער פֿאַר שפּראַכוויסנשאַפֿט, ליטעראַטור און עטנאָגראַפֿיע**

אַבאָנאַמענטס־פּרייז. אין פּוילן: א יאָר—8 זלאָטעס, א האַלב יאָר—4 זלאָטעס
אין אויסלאַנד: א יאָר 2 דאָלאַר

Idisze Filologie zeszyt 1 Styczeń-Luty 1924

Redaktor M. Herman, Wyd. „Kultur Liga“, Warszawa
Adres: Leszno 40 m. 11, telefon 186-48

Druk. „Di Welt“, Warszawa, Nowolipie 7.

Wede 1892
465

# Yidishe Filologye

['Yiddish Philology']

A Journal for Investigation of the Yiddish Language, Literature and Ethnography, occurring once in two months

Edited by **N. Prilutzki, Z. Raisen** and **M. Weinreich**

Vol. I No. 1 Jan.-Feb. 1924

**Contents:**

**N. Shtif.** Dietrich von Bern (Secular Elements in the Ancient Yiddish Literature).
**Z. Raisen.** Gender of Nouns in Yiddish.
**J. Willer.** Phonetic Description of the Yiddish of Eastern Galicia.
**N. Prilutzki.** Mocking Expressions in Yiddish.
**M. Weinreich.** Notes on Yiddish Etymology.
**A. Landau.** Supplements to M. Weinreich's 'Shtaplen' ['Steps'].
**F. Alfabet.** Materials for an Idioticon of the Dialect of Pyusk [Piaski], with Supplements by N. Prilutzki and M. Weinreich.
**M. Lerer.** Supplements to N. Prilutzki's 'Gevet' ['Betting'].
**Reviews:** S. Birnbaum. The Yiddish Language (T. Gutmann). — A. Roback. Euphemisms in Yiddish (T. Gutmann). — 'Yiddish', Essays and Studies, A. Zaretzki Editor (Z. R.). — E. Olshvanger. On South-African Yiddish (Z. R.).
**Miscellaneous notes:** The Pronunciation of ו in the District of Byelsk. — „Pumtzn mit Ramtzn". — Purim Rattle. — Reeds for the feast of Weeks. — Play-language. — Children-language. — Shop-keepers' terms. — Artisans' terms. — Flowers. — „Drukn". — Oaths of Nay-Santz [Nowy Sącz]. — Vicarious names of the dollar. — „Venitz". — Construction of the Verb 'ton' ('tin'). — 'Kmoyele'. — 'Rimendl'. — 'Serkhele'. — 'Gantzene'. — On Berlin Yiddish of the 19th Century.
**Informations.**

An English account of the contents of the volume will be given in the last number.

KULTURLIGE (CULTURELEAUGE), PUBLISHING COMP. WARSAW

J2
5049